STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08047

DI YIDISHE ESEY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יידישע עסיי

אַ זאַמלונג

צונויפגעשטעלט פון

שלמה ביקל

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

THE YIDDISH ESSAY

Edited by

SHLOMO BICKEL

אַרויסגעגעבן פון דער

שלום עליכם מיטלשול

דורכן פאַרלאַג „מתנות"

1 9 4 6

FARLAG MATONES

22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A.

אינהאַלט:

זייט

אריינפיר־וואָרט — 7

I

פון אַלטע ספרים

פון שמואל א׳ — 13

שמעון בן סירא: שמעון דער זון פון יוחנן הכהן — 15

משה אבן עזרא: דריי דורות דיכטער — 17

שלמה אבן ווירגא: אַ ייד — קעגן גאָטס ווילן — 20

II

געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע פּראָגעם

י. ל. פּרץ: צוויי בערג — 23

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען — 26

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי: טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיעס — 30

בעל־מחשבות: די טיפקייט פונעם שבת־געדאַנק — 34

חיים גרינבערג: צעשפּרייטונג און אויפזאַמלונג — 37

חיים ליבערמאַן: דאָס יידישע פאָלק — 41

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך: די יידישע וויסנשאַפט אין דער היינטיקער צייט — 45

לייבוש לעהרער: רעליגיע און יידישקייט — 49

צביון: דער עיקר איז וואָס מיר בלייבן אַנדערש — 53

א. גאָלאָמב: יידישער קיום אין אַמעריקע — 57

אבא גאָרדין: דער צדיק אין סדום — 60

יעקב לעשצינסקי: מיטלעלטערלעכע און מאָדערנע וואַנדערונגען — 64

יודל מאַרק: דער פילאָלאָג און די שפּראַך — 68

ליטעראַטור, קונסט, מוזיק

	זייט
י. ל. פּרץ: וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור	75
מאַקס עריק: דאָס שמואל־בוך	78
ב. ריווקין: די תכלית־אידעע אין דער יידישער ליטעראַטור	81
בעל־מחשבות: דער זיידע און דאָס אייניקל	86
ש. ניגער: טביה דער מילכיקער	90
ה. ד. נאָמבערג: פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעלאָדיעס	94
ישראל ראַבינאָוויטש: אונדזער ליטורגיש געזאַנג	96
א. אלמי: דער דיכטער שמייכלט	99
לאַמעד שאַפּיראָ: עסיי	101
שלמה ביקל: אַפּאַטאַשוס סטיל	102
ב. טומשינסקי: ה. לייוויק — דער דיכטער פון ליידן	106
ד״ר א. מוקדוני: יידיש געוויסן אין אַ כאַאָטישער צייט	109
לעאָ קעניג: מאַרק שאַגאַל און שלום עליכם	112
יואל ענטין: וועגן יהואשן	115
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: אונדזער ליד אין אַמעריקע	119
י. ראַפּאַפּאָרט: איציק מאַנגערס „חומש לידער"	123
יעקב באַטאַשאַנסקי: קיילעכיק און שפּיצעכיק	126
יעקב גאָטליב: א. לעיעלעסעס דראַמאַטישע פּאָעמע „שלמה מולכו"	130
נחמן מייזיל: דוד בערגעלסאָן און דער נסתר	133
א. טאַבאַטשניק: דאָס זעלבסט־בילד משה נאַדיר	136
י. י. טרונק: נישט די מאַסע נאָר דער יחיד	139
אליעזר גרינבערג: „עמיל און קאַרל"	143
נחום אויסלענדער: קונסט פון קעגנוואַרט	146
מרדכי יאַפע: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל"	149
וו. לאַצקי־בערטאָלדי: אָפענע און געהיימע קונסט	152

IV

געשיכטע, שטייגער און רייזע־באַשרייבונגען

זייט

ד״ר איסר גינזבורג: ר׳ יהודה הלויס בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל 157

ד״ר יעקב שאַצקי: די יידן אין אַמסטערדאַם — — — — — — — — — — — 160

ד״ר יצחק שיפּער: יידישע אַנטיקן אין פּוילן — — — — — — — — — 164

אברהם מענעס: דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון דעם פּוילישן ייד — 168

הלל צייטלין: משיח־בענקשאַפט אין די אָנהייבן פון דער חסידישער באַוועגונג — — — — — — — — — — — — — — 172

הלל ראָגאָף: דער לעצטער טאָג אין לעבן פון אייבערעהעם לינקאָלן 175

ב. שעפנער: דער ערשטער מאַי יום־טוב אין דער יידישער וואַרשע 178

ה. ד. נאָמבערג: אין דער פּאַמפּאַ — — — — — — — — — — — — 183

ד״ר אברהם קאַראַלניק: מדבר — — — — — — — — — — — — — 185

V

געשטאַלטן

י. צינבערג: רש״י — — — — — — — — — — — — — — — — — 193

ד״ר אברהם קאַראַלניק: דער מהרש״א — — — — — — — — — — — 197

ד״ר נחמן סירקין: משה העס — דער אַנטדעקער פון סאָציאַליסטישן יידנטום — — — — — — — — — — — — — — — — — 201

ד״ר רפאל מאַהלער: דער באַזינגער פון דער יידישער העלדן־עפּאָפּייע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 204

שלמה ביקל: הערצל — דער גאון פון תמימות און ווערדע — 208

לייבוש לעהרער: רוזוועלט־טרויער — — — — — — — — — — — 211

דוד איינהאָרן: פּרץ — דער וועגווייזער — — — — — — — — — — 215

ש. ניגער: אַ מאַכט אין יידישן לעבן — — — — — — — — — — — 219

אליהו טשעריקאָווער: דער געשיכט־שרייבער פון אַ לעבעדיקער נאַציע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 223

שלמה גראָדזענסקי: י. ח. ברענער — דער שטראָפער און מאַרטירער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 226

נ. ב. מינקאָוו: די לעגענדע דוד עדעלשטאַט — — — — — — — — — 229

ד״ר א. מוקדוני: לודוויג זאַץ — דער מענטשלעכסטער קאָמיקער אין יידישן טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — 233

אַרײַנפֿיר־וואָרט

עס איז צו ערשטן מאָל וואָס אַ זאַמלונג עסייען פֿון פֿאַרשיידענע מחברים ווערט פּרעזענטירט דעם יידישן לייענער. און ווייל עס איז צום ערשטן מאָל און ווייל אַ צווייט מאָל קאָן אפשר ביי אונדזערע פֿאַרלאַג־באַדינגונגען נישט אַזוי גיך אונטערקומען, האָבן די אַרויסגעבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט יוצא זיין ביי דעם בוך בלויז מיט איין כוונה.

די לכתחילהדיקע אידעע פֿון צושטעלן בלויז אַ לערנבוך פֿאַר די העכערע קלאַסן פֿון די יידיש־וועלטלעכע מיטלשולן אין אַמעריקע איז פֿאַרבונדן געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז די אַרויסגעבראַכטע זאַמלונג זאָל ניט נאָר זיין אַ לערנבוך פֿאַר יוגנטלעכע, נאָר אויך אַ לייענבוך פֿאַר דערוואַקסענע, וואָס זאָל זיי באַקענען מיט גוטע געקליבענע מוסטערן פֿון דעם עסייאיסטישן זשאַנר און דערצו געבן, ווי ווייט מעגלעך, אַ קווערשניט פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען וואָס ווערט באַהאַנדלט אין אונדזער יידיש־עסייאיסטיק.

כדי נאָכצוקומען אָט דער, לויט מיין מיינונג, באַרעכטיקטער קאָמבינאַציע פֿון כוונות מצד די אַרויסגעבער, האָב איך ביים צונויפֿשטעלן דאָס בוך געמוזט איינזינען האָבן קודם־כל אַ תוך־פֿראַגע. עס האָט זיך געפֿאָדערט אַז די טעמאַטיק פֿון די עסייען וואָס גייען אַריין אין דער זאַמלונג זאָל זיין וואָס פֿאַרשיידנאַרטיקער און ברייטער, אַז אין די עסייען זאָלן וואָס בולטער קומען צום אויסדרוק די אידעאישע ראַנגלענישן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן און אַז די זאַמלונג פֿון מחשבהדיקער פּראָזע, וואָס מיר לייגן פֿאַר דעם לייענער, זאָל אים לאָזן וואָס מערער אַ בליק טאָן אויף דעם געאָגראַפֿישן און היסטאָרישן אויסשפּרייט פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

דער דאָזיקער טעמאַטישער גרונטפּרינציפּ האָט מיך לאָגיש געפֿירט צו אַזעלכע שלוסן ווי, אַז פֿון דעם עסייען־מאַטעריאַל מוז אַרויספֿאַלן אַלץ וואָס איז פּאָלעמיש און נעגאַטיוו־אַנטבלויזעריש און אַז די עסייען מוזן זיך על פּי תוכן און פֿאָרם סטאַרען וואָס מער צו גיין אין שפּאַן מיטן גע־

מיט און מיט דער השגה פונעם תלמיד־לערנער און פאָלקס־מענטש־לייענער.

די אויסגערעכנטע „עיקרים" ביים צונויפשטעלן די זאַמלונג האָב איך זיך געמיט אָפּצוהיטן אָדער לכל הפחות מיט זיי דורכצוקומען על פי פשרה. צי, און אויף וויפל, דאָס איז מיר געלונגען, מוז איך, איבערלאָזן צום אורטייל פון די לייענער־קריטיקער.

איך בין מיר, פאַרשטייט זיך, געווען באַוואוסט, אַז אַחוץ דער טעמאַטישער און אידעאישער פּאַסיקייט פון דער אויסגעקליבענער עסיי דאַרף איך אויך אינזינען האָבן, אַז זי זאָל ניט זיין דעם עסייאיסטס אַ שרייבערישע צופעליקייט, נאָר זאָל ווי ווייט מעגלעך געבן אַן אָנוואונק אויף זיין שריפטשטעלערישן דרך.

דאָס דערצייל איך כדי די קריטיק זאָל מיך קענען משפּטן וואָס שטרענגער. אָבער כדי זי זאָל אויך דערביי קענען זיין וואָס אָביעקטיווער דאַרף זי, גלויב איך, וויסן אַז איך האָב פון איין זייט נישט געטאָרט אַריבערגיין איבער דער צאָל בלעטער וואָס די אַרויסגעבער האָבן באַשטימט פאַרן בוך און פון דער אַנדערער זייט האָט דאָס געפיל פון גערעכטיקייט געמאָנט, אַז אין דער זאַמלונג זאָלן זיין פאַרטראָטן, אויב נישט אַלע, איז לכל הפחות וואָס מערער פון יענע וואָס געהערן אַהער על פי זייער עסייאיסטישער מי. די גערעכטיקייט האָט געמאָנט, וואָרעם זי וויס אַז די עסייען־ביכער ווערן ביי אונדז נאָך ווייניקער געלייענט ווי אַלע ווייניק געלייענטע ביכער און עס וואָלט דערפאַר געווען אַן עוולה נישט אויסצונוצן די זאַמלונג אויף פאַרצושטעלן דעם לייענער וואָס מערער מענטשן און נעמען.

איז פאַר מיר געשטאַנען די פראַגע: וועמען־זשע פאַרט אויסלאָזן?
— איך האָב מיך געהאַלטן אָן אַ פּרינציפּ, וואָס קען אויסזען ווי אַ מעכאַנישער: איך האָב עלימינירט די „נישט־פּראָפעסיאָנעלע" עסייאיסטן. און ווער איז אַ „פּראָפעסיאָנעלער" עסייאיסט?

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז די וואָס טוען שריפטשטעלעריש לעבן אויף עסייאיסטיק, פאַרמאָגן זיכער נישט ווייניקער בענקשאַפט און ליידנשאַפט צו אַ „כינוס", כ'מיין אויפצוזאַמלען זייערע עסייען אין אַ בוך, ווי די פּאָעטן און בעלעטריסטן זייערע לידער און דערציילונגען. און איז דען געמאָלט ביי אונדז אַ דיכטער און דערציילער וואָס זאָל זיך ניט האָבן „רעאַליזירט" כאָטש אין איין איינציקן ביכל? דער און יענער

פּאָעט און בעלעטריסט האָט אויך געשריבן עסייען, אָבער מאַטעריעלע קרבנות האָט ער געבראַכט און גרויסע אָנשטרענגונגען האָט ער געמאַכט אויף אַרויסצוגעבן נישט אַ זאַמלונג עסייען, נאָר אַ ביכל לידער אָדער דערציילונגען.

איז דאָס בלויז צופאַל און איז דאָס בלויז דרויסנדיקער צייכן? — ניין. מיט זיין מסירת־נפשדיק אַרויסגעגעבענעם ביכל האָט דער שרייבער סימבאָליש אָנגעדייטעט צו וועלכן צווייג ער וויל שעפעריש געהערן און מיט וועלכן ליטעראַרישן זשאַנר ער האַלט זיך פאַר לעגיטים פּאַרקנסט.

פון דאַנעט נעמט זיך מן הסתם וואָס אַזויפיל באַרימטע יידישע דיכ־טער און דערציילער, וואָס זיינען אויך טאַלענטירטע עסייאיסטן האָבן צווישן אַזויפיל ביכער לידער, דערציילונגען און ראָמאַנען ביז איצט נישט אַרויסגעגעבן קיין איין זאַמלונג פון זייערע עסייען.

זיי, די ביכערלאָזע עסייאיסטן, האָב איך אַרויסגעלאָזט. אויף וויפיל איך בין מיר באַוואוסט האָב איך בלויז געמאַכט איין אויסנאָם: חיים גרינבערג. ער איז איצט דער איינציקער „פּראָפעסיאָנעלער" עסייאיסט אָן אַ זאַמלונג עסייען, ווי אברהם ליעסין, ז"ל, איז אין משך פון דרייסיק יאָר און מער געווען דער איינציקער „פּראָפעסיאָנעלער" דיכטער אָן איין און איינציקן בוך לידער.

אַ געוויסע קאָמפּענסאַציע פאַרן לייענער וועט אפשר זיין דער פאַקט, וואָס די קינסטלערישע שאַפונגען פון די אַרויסגעלאָזטע דיכטער־און דער־ציילער־עסייאיסטן ווערן צום טייל באַהאַנדלט אין עסייען וואָס קומען יאָ אַריין אין בוך.

און איצט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן רעדאַקציאָנעלע פּרטים.

די פיר עסייען פון דער אָפּטיילונג „פון אַלטע ספרים" האָב איך געבראַכט אי לשם נוי און אי כדי סימבאָליש אונטערצושטרייכן, ווי דאָס מוז ביי יעדער אַזאַ געלעגנהייט געטאָן ווערן, אַז אונדזער ליטעראַטור הייבט זיך ניט אָן מיט מענדעלען און מיט פּרצן, נאָר אַז זי איז דער המשך פון אַ שעפערישקייט וואָס גרייכט צוריק העט ווייט ביז תורה און נביאים.

אונטערן נאָמען פון יעדן פון די עסייאיסטן אין דער זאַמלונג קומען צוויי, דריי ביאָגראַפישע שורות און עס ווערט אָנגעוויזן פון וואַנעט די זאַך איז אַרויסגענומען. ביי צוויי פון די עסייאיסטן (ב. טוטשינסקי און יעקב גלאַט־ליב) האָב איך געפונען פאַר נייטיק אויסצוברייטערן די ביאָגראַפישע שורות מיט עטלעכע ביבליאָגראַפישע דאַטעס.

ווען אַ שרייבער איז פּאַרטראַטן אין דער זאַמלונג מיט צוויי עסייען ווערט די ביאָגראַפּישע נאָטיץ געגעבן ביי דער ערשטער עסיי.

די ביאָגראַפּישע שורות זיינען טרוקענע אָן שום אדיעקטיוון. אַ פּאַטעטיש וואָרט פון אָפּשאַצונג האָב איך מיר דערלויבט בלויז ביי עטלעכע פון די געשטאָרבענע עסייאיסטן.

איך בין שולדיק אַ דאַנק צו צוויי חברים שרייבער און וויל ניט פאַר־פעלן אים דאָ עפנטלעך אויסצודריקן. מיין גוטן פריינד יוסף אָפּאַטאָשו קום איך אַ דאַנק פאַר עטלעכע וויכטיקע אָנווייזונגען וואָס ער האָט מיר געגעבן אין שייכות מיט אַלטע און נייע ספרים. און מיין ליבן פריינד לייבוש לעהרער בין איך מחויב צו דאַנקען און טו דאָס פון גאַנצן האַרצן פאַר דער מי און צייט וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן אויף דורכצושמועסן מיט מיר דעם פּלאַן פון דער זאַמלונג, אויף צו העלפן סדרן דעם מאַטעריאַל אין אָפּטיילונגען און אחרון, אחרון אויף דורכצולייענען די קאָרעקטורן. אַ דאַנק לייבוש לעהרערס אָפּגעהיטער לייענונג זיינען אָפּט אויסגעמיטן גע־וואָרן תוכיקע און רעדאַקציאָנעלע טעותים.

שלמה ביקל.

I
פון אַלטע ספרים

פונעם בוך שמואל א׳

שמואל איז דער נאָמען פונעם נביא און פונעם ספר אין וועלכן עס ווערט באַשריבן דאָס לעבן פונעם נביא. שמואל איז געווען איינער פון די ערשטע נביאים ביי יידן און האָט געלעבט אין עלפטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג. שמואל איז געוואָרן דער פירער און דער שופט איבער די יידן פון דן ביז באר שבע נאָכן טויט פון עלי הכהן.

שמואל הנביאס רייד וועלכע מיר גיבן דאָ איבער זיינען פאַרשריבן אין קאַפּיטל 8 פונעם ספר שמואל א׳, חוץ דעם ערשטן פּאַראַגראַף וואָס איז דער סוף פון קאַפּיטל 3.

דער שטייגער פונעם קיניג

און שמואל איז געוואַקסן און גאָט איז געווען מיט אים און ער האָט פון אַלע זיינע ווערטער ניט געלאָזט פאַלן צו דער ערד. און גאַנץ ישראל, פון דן ביז באר שבע, האָט געוואוסט, אַז שמואל איז באַגלויבט געוואָרן פאַר אַ נביא פון גאָט. און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן אין שילו; וואָרעם גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו שמואלן אין שילו דורך דעם וואָרט פון גאָט.

און דאָס וואָרט פון שמואלן איז ארויס צו גאַנץ ישראל.

און עס איז געווען, אַז שמואל איז אַלט געוואָרן, האָט ער געמאַכט דיינע זין שופטים אויף ישראל. און דער נאָמען פון זיין ערשטגעבאָרענעם זון איז געווען יואל און דער נאָמען פון דעם צווייטן פון אים אביה; זיי זיינען געווען שופטים אין באר שבע. און זיינע זין זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן און זיי האָבן זיך אָפּגענייגט נאָך געווינ און האָבן גענומען שוחד און פאַרדרייט דעם משפט.

האָבן זיך אַנגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון ישראל און זיי זיינען געקומען צו שמואלן קיין רמה און האָבן צו אים געזאָגט: זע, דו ביסט אַלט, און דיינע זין גייען ניט אין דיינע וועגן. אַצונד, מאַך אונדז אַ מלך אונדז צו משפטן אַזוי ווי אַלע פעלקער.

און די זאַך איז געווען שלעכט אין די אויגן פון שמואלן, און זיי האָבן געזאָגט: גיב אונדז אַ מלך אונדז צו משפטן. און שמואל האָט מתפלל געווען צו גאָט. האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו דעם קול פון דעם פאָלק און אַלץ וואָס זיי זאָגן צו דיר; וואָרעם ניט דיך האָבן זיי פאַראַכט, נאָר מיך האָבן זיי פאַראַכט צו קיניגן איבער זיי. אַזוי ווי אַלע זייערע טואונגען וואָס זיי האָבן געטאָן פון דעם טאָג וואָס איך האָב זיי

אויפגעבראַכט פון מצרים און ביז היינטיקן טאָג, וואָס זיי האָבן מיך פאַר־לאָזן און געדינט פרעמדע געטער, אזוי טוען זיי אויך צו דיר. און אַצונד, הער צו זייער קול, נאָר וואָרנען זאָלסטו זיי וואָרענען און זיי דערציילן דעם שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער זיי.

האָט שמואל געזאָגט אַלע ווערטער פון גאָט צו דעם פאָלק, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ מלך. און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין דער שטייגער פון דעם מלך, וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטאָן ביי זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. און ער וועט זיי זיך מאַכן פאַר הויפטלייט פון טויזנט און הויפטלייט פון פופציק, און אויף צו אַקערן זיין אַקער, און צו שניידן זיין שניט, און צו מאַכן זיינע מלחמה־כלים, און די שפּאַנצייג פון זיינע רייטוועגן. און אייערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר בשמים־מאַכערינס, און פאַר קעכינס, און פאַר בעקערינס. און אייערע בעסטע פעלדער און ווייַנגערטנער און אוילבירטגערטנער וועט ער צונעמען און אַוועקשענקען צו זיינע קנעכט. און פון אייערע זאָמען און אייערע ווייַנגערטנער וועט ער נעמען מעשר און אוועקשענקען צו זיינע הויפדינער און צו זיינע קנעכט. און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אייערע בעסטע בחורים און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען, און פאַרטאָן פאַר זיין אַרבעט. פון אייערע שאָף וועט ער נעמען מעשר; און איר וועט זיין קנעכט ביי אים. און איר וועט שרייען אין יענעם טאָג פון וועגן אייער מלך, וואָס איר האָט אייך אויסדערוויילט און גאָט וועט אייך ניט ענטפערן אין יענעם טאָג.

אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט צוהערן צו דעם קול פון שמואלן און זיי האָבן געזאָגט: ניין, נאָר דוקא אַ מלך מוז זיין איבער אונדז, און מיר זאָלן אויך זיין אַזוי ווי אַלע פעלקער, און אונדזער מלך זאָל אונדז משפטן און ארויסגיין אונדז פאַרויס און פירן אונדזערע מלחמות.

און שמואל האָט געהערט אַלע ווערטער פון פאָלק און ער האָט עס דערציילט אין די אויערן פון גאָט. און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו זייער קול, און זאָלסט זיי מאַכן אַ מלך.

האָט שמואל געזאָגט צו די מענער פון ישראל: גייט איטלעכער צו זיין שטאָט.

(יהואש איבערזעצונג)

שמעון בן־סירא

פילאָזאָף און שריפטשטעלער. ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דער העברעאישער אָריגינאַל פון זיין בוך איז געהאַט פאַרלאָרן געגאַנגען. פּראָפעסאָר שלמה שעכטער פונעם ניו־יאָרקער יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט טיילן פון דעם ווערק געפונען אין דער גניזה פון דער עגיפּטישער הויפּטשטאָט קאַירא.

דעם פראַגמענט וועגן שמעון בן יוחנן הכהן האָב איך אַרויסגענומען פונעם ספר „חכמת בן סירא" וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן משה צבי סעגאַל, ירושלים, תרצ"ג (1933).

איך ברענג דעם דאָזיקן פראַגמענט אין דער יידישער איבערזעצונג פונעם דיכטער י. י. שוואַרץ (אַנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע, ניו־יאָרק, 1942). איך האָב אין דער איבערזעצונג געמאַכט בלויז עטלעכע קליינע ענדערונגען.

שמעון דער זון פון יוחנן הכהן

דער גרעסטער פון אַלע ברידער זיינע — שמעון בן יוחנן הכהן; וואָס אין זיין דור איז דער בית המקדש פאַרריכט געוואָרן און דער היכל — באַפעסטיקט געוואָרן; וואָס אין זיין דור איז אַ קוואַל געגראָבן געוואָרן, אַ גרויסער, טיפער, ווי אַ ים מיט כוואַליעס; וואָס אין זיין צייט האָט ער אַ וואַנט געבויט, אַ פעסטע שוצוואַנט אין דעם מלכס פּאַלאַץ. ער האָט געזאָרגט זיך פאַר זיין פאָלק אין נויט און האָט די שטאָט באַפעסטיקט קעגן שונא.

ווי שיין ער איז געווען און פּראַכטיק בעת ער פלעגט ארומגיין איבערן מקדש און ווען ער פלעגט ארויסקומען פונעם קדשי קדשים. ווי אַ שי־מערדיקער שטערן פון צווישן וואָלקנס, און ווי די פולע לבנה אין דער צייט פון יום־טוב; ווי די זון וואָס ווינקט אַנטקעגן מלכס פּאַלאַץ און ווי דער רעגנבויגן צווישן וואָלקנס; ווי אַ בליענדיקע שפּראָץ אין צייט פון פסח און ווי אַ ליליע איבער קוואַלן־וואַסערן; אַ בלום פון לבנון אין די טעג פון זומער און ווי דאָס פייער פונעם ווייראַך אויף די פּאַנען; אַ שטיק פון גינגאָלד באַזעצט מיט טייערע און בלישטשענדיקע שטיינער; ווי אַ פרישער איילבירט פול מיט קערנער און ווי אַן אָליווען־בוים מיט גרינע צווייגן.

ווען ער פלעגט איינהילן זיין לייב און אָנטאָן די פּראַכטיקע כהונה־קליידער, און ער פלעגט צוטרעטן צום הייליקן מזבח, האָט ער באַשיינט די עזרה פונעם בית־המקדש; ער פלעגט צונעמען די שטיקער פונעם קרבן פון זיינע ברידערס הענט און ארום אים זיינען געווען כהנים ווי יונגע צעדערן אויפן באַרג לבנון; עס האָבן אים איין אַנגעזיכט פון גאַנץ ישראל אַרומגערינגלט די ביימער ביים טייך, אין זייער פולער פּראַכט, און אהרנס אַלע קינדער מיט גאָטס פייערן אין זייערע הענט — ביז ער פלעגט ענדיקן באַדינען דעם מזבח און אויפּברענגען די געטלעכע קרבנות.

דעמאָלט פלעגן אויפשאַלן די כהנים, אהרנס קינדער, דורך די געהאַמערטע טראָמפּייטן, זיי האָבן געשאַלט און אַ שטים אַ מעכטיקע געלאָזט הערן אויף דערמאָנט צו ווערן פאַרן אויבערשטן. און אַלע האָבן זיך געאיילט אינאיינעם און זיינען געפאַלן אויף די פנימער צו דער ערד צו בוקן זיך צו גאָט, דעם הייליקן פון ישראל.

און דאָס געזאַנג האָט אויפגעקלונגען און זיס צעטראָגן זיך איבערן פאָלק, און ס'האָט דאָס גאַנצע פאָלק גענומען זינגען אין תפלה פאַר גאָט דעם פילדערבאַרמדיקן, ביז ער פלעגט ענדיקן באַדינען דעם מזבח.

דעמאָלט פלעגט ער אַראָפּנידערן, די הענט געהויבן איבערן גאַנצן קהל פון ישראל; גאָטס ברכה איז געווען אויף זיינע ליפּן און מיט גאָטס נאָמען איז ער געווען באַפּרעכטיקט. און ווידער איז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל צום צווייטן מאָל געפאַלן אויפן פּנים. איצט זאָלט איר בענטשן דעם גאָט פון ישראל, וואָס טוט אויף וואונדער אויף דער ערד; וואָס ברענגט דעם מענטשן אויף פון זיין מוטערס לייב און האָט אים לויט זיין רצון באַשאַפן. ער זאָל אייך געבן חכמה אין די הערצער — און זאָל צווישן אייך זיין לויטער שלום; זיין גנאָד זאָל זיך שפּרייטן איבער שמעונען און ווי מיט פנחסן זאָל ער מיט אים אַ בונט שליסן, וואָס זאָל ניט אויסגעראָט ווערן פון זיינע קינדער כל זמן דער הימל וועלבט זיך איבער אונדז.

משה אבן עזרא

דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן בערך 1070, אין גראַנאַדע, שפּאַניע. געשטאָרבן אַרום 1138. זיין ליטעראַטור־קריטיש ווערק האָט איבערגעזעצט פונעם אַראַבישן מאַנוסקריפּט דער יונג פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר פון דראָפּסי־קאָלעדזש בן־ציון האַלפער און עס אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „ספר שירת ישראל" (פאַרלאַג אברהם יוסף שטיבעל, לייפּציג, 1924).

די עסיי וועגן שמואל הנגיד איז אַ טייל פונעם פינפטן קאַפּיטל פון דעם דערמאָנטן ספר. די איבערזעצונג פון העברעאיש אויף יידיש איז מיינע.

דריי דורות דיכטער

(ר' שמואל הנגיד, זיין זון יהוסף און זיין אייניקל אבו נצר)

. . . דערנאָך האָט אין שפּאַניע אויסגעבראָכן יענע שרעקלעכע מלחמה, וואָס פון אַזאַ ווי זי האָט מען קיינמאָל ניט געוואוסט. מע האָט זי גערופן די „מלחמה פון די בערבערן." דאַמאָלט האָבן זיך געמערט אַלע מינים אָנשיקענישן און עס זיינען געוואַקסן די צרות אויף דער וועלט. און עס האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער אין די לענדער און אַ יקרות איז געווען אין די שטעט און דער אומגליק האָט געגרייכט ביז צו דער שוועל פון די מושלים און ביז צו דער קרוינשטאָט קאָרדאָווע. פאַרשיידנאַרטיק זיינען געווען די צרות, וואָס זי האָט געהאַט אַריבערצוטראָגן ביז זי איז חרוב געוואָרן, אָדער כמעט חרוב געוואָרן. דאַמאָלט זיינען שוואַך געוואָרן אַלע צווייגן פון חכמה, וואָרעם עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די חכמים און די מענטשן זיינען געווען פאַרנומען מיט זייערע טאָג־טעגלעכע צרות. אָבער אַז עס האָט נאָכגעלאָזט דער קלעם פון די שלעכטע צייטן און די מענטשן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, איז אויפגעקומען אַן אַנדער גרופּע דיכטער, וואָס זייערע רייד זיינען געווען איידל און ליבלעך איז געווען זייער זין און זייער ציל. דער עלטסטער און מייסט געאַכטער צווישן זיי איז געווען ר' שמואל הנגיד, וואָס האָט געשטאַמט פון מאַרדאַ, איז אויפגעצויגן געוואָרן אין קאָרדאָווע און געהערשט האָט ער אין גראַנאַדאַ. זיינע לידער זיינען ווי אַ פליסנדיקער קוואַל, זיי זיינען באַפעסטיקט אין ליבלעכע ווערטער, זיינען פולפאַרביק, שטאַרק אין אינהאַלט, שיין אין זייער געבוי, אָריגינעל אין זייער געדאַנק און העל אין זייער בילדלעכקייט. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ סך נייע געדאַנקען. דאָס אַלץ ווערט קלאָר פון

זיינע פּאָעטישע ווערק: „בן תהלים", „בן משלי", „בן קהלת". ער איז געווען דער ווערטפולסטער פון יענע דיכטער און דער געהויבנסטער און סאַמע אָפּגעהיטסטער בילד־מייסטער צווישן זיי. די דערמאָנטע ווערק האָט ער אָנגעשריבן נאָכדעם ווי עס איז פאַרביי די ערשטע העלפט פון זיין לעבן. און עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז דעם מענטשנס מעשים זיינען זיינע עדות. אין זיין ספר „בן תהלים" האָט ער אַריינגענומען בלויז תפלות און געבעטן מיט באַזונדערע ניגונים און ריטמען, וואָס עס האָט ניט גענוצט קיין שום דיכטער פאַר אים און נאָך אים. ער האָט זיך איבער־געגעבן צו דער דאָזיקער אַרבעט אויף אַ וואונדערלעכן אופן און האָט זיך אַ סך געמיט אויף צו באַצירן זיינע ווערטער. ער האָט אַריינגענומען אין דעם דאָזיקן ספר אַ סך פונעם גייסט פון אַראַבישע און פערסישע גלייכענישן, פון דער פילאָזאָפיע און פון די ווערטלעך פון די פעלקער, וואָס זיינען מער ניט פאַראַן און אויך די אויסשפּרוכן פון אונדזערע פרומע פון פאַרצייטנס. און אין אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן האָט ער באַגליקט מיט זיין קלאָרן סטיל און מיט זיינע געשליפענע און ריכטיקע געדאַנקען. אין זיינע טעג איז דאָס מלכות פון חכמה דערהויבן געוואָרן נאָך אַ צייט פון דער־נידעריקונג און די שטערן פון וויסנשאַפט האָבן ווידער געשיינט, נאָכדעם ווי זייער גלאַנץ איז געהאַט פאַרבלאַסט געוואָרן.

ר' שמואל הנגיד, גאָט זאָל אים שענקען זיין גנאָד, איז פאַרבעטן גע־וואָרן צו זיין אָרט אין די הימלען און האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער וועלט אין עלטער פון 63 יאָר, אין אַכטן יאָרהונדערט לויט אונדזער רעכענונג (1055 לויט קריסטלעכער צייטרעכענונג, ש. ב.).

און נאָך אים איז דערהויבן געוואָרן פאַר נגיד זיין זון ר' יהוסף, גאָט זאָל זיך איבער אים דערבאַרעמען. און ער האָט דעם אָרעמאַן געגעבן אַלץ אַחוץ זיין אייגן נפש. אין זיינע טעג האָט זיך געשטאַרקט די קראַפט פון חכמה און פון די חכמים און עס האָט זיך באַפעסטיקט די ממשלה פון דיכטונג און פון די דיכטער. זיינע מתנות האָבן געעפנט די מיילער פון שטומע און זיינע נדבות האָבן געמאַכט דעם שטאַמלער רעדן גלאַטיק. אַחוץ וואָס ער איז געווען היימיש אין אַלע ווינקלען פון דעם העבּרעאישן לשון, איז ער אויך געווען דער הערשער איבער אַלע אוצרות פון דער אַראַבישער שפּראַך און האָט געקענט אירע לידער און אירע ווערטלעך, די

געשיכטע פון די אַראַבער און אַלע אירע פּאַסירונגען. אין זיינע העברע־אישע לידער האָט ער געזונגען אַ לויב צו מלחמה־העלדישקייט און האָט גערימט די מעלות פון דער מענטשלעכער נשמה. די דאָזיקע לידער זיינע זיינען שיין, אָבער זיי זיינען ווינציק אין צאָל. ער איז געהרגעט געוואָרן אין גראַנאַדע אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע, שבת, צוואַנציק טעג אין חודש טבת פונעם יאָר פיר טויזנט און תתכ״ז לויט אונזער צייט־רעכענונג (1067 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ש. ב.). זיין טויט האָט ניט גע־מיינט בלויז דער אָנווער פון איין מענטשן, נאָר דאָס גאַנצע פאָלקס־געביי איז דאַמאָלט חרוב געוואָרן. מע האָט געמעגט מורא האָבן, אַז מיט אים וועט פאַרלוירן גיין די אַלטע קונסט און געלערנטקייט. ער און זיין פאָטער האָבן באַשיינט מיט חן אונדזער פאָלק און האָבן אים געבראַכט אַ סך הצלחה אין משך פון אַן ערך פינף־און־דרייסיק יאָר. אָבער די דאָזיקע יאָרן זיינען פאַרביי און די מענטשן פון יענעם דור האָבן זיך אויסגעלאָזט און עס האָט זיך אויסגעדאַכט גלייך דאָס וואָלט געווען אַ חלום וואָס פאַרפליט.

ר׳ יהוסף הנגיד האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ יונגן זון, וואָס אויף זיין ליפּ האָבן נאָך קיין האָר ניט געשפּראָצט און זיין נאָמען איז געווען אבו נצר. ר׳ יצחק בן גיאת ז״ל, האָט זיך מיט אים פאַרנומען און אים אויפגע־צויגן ווי אַן אייגענעם זון און האָט אים ארומגערינגלט מיט זייער אַ סך ליבשאַפט. און צו דעם דאָזיקן אבו נצר, גאָט זאָל זיין זיין אַרבשאַפט, איז ניט געווען קיין גלייכן אין באַהאָוונטקייט אין יידישע למודים; ער האָט געשריבן ליבלעכע לידער לייכט צו לייענען פאַר אַיעדן, וואָרעם זיין סטיל איז געפלאָסן ווי בוימל. אַז אבו נצר האָט דערגרייכט דאָס צוואַנ־ציקסטע יאָר פון זיין לעבן, איז ער געשטאָרבן און איז געקומען צו קבורה אין אליסנא. גאָט זאָל אים שענקען זיין גנאָד.

שלמה אבן ווירגא

היסטאָריקער. געבאָרן אַרום דעם יאָר 1460, אין שפּאַניע. געשטאָרבן אין דער ערשטער העלפט פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט, אין טערקיי.

„אַ ייד — קעגן גאָטס ווילן„ איז דער אינהאַלט פון 52טן פּאַראַגראַף פון ווירגאַס באַרימטן היסטאָרישן ספר „שבט יהודה". די איבערזעצונג פון העברעאיש אויף יידיש איז מיינע. איך האָב געניצט די אויסגאַבע פון מאיר בן דוד הכהן ווינער, האַנאָווער, 1845.

אַ ייד — קעגן גאָטס ווילן

איך האָב עס געהערט פון זקנים, פאַרטריבענע פון שפּאַניע. אויף איינער פון די שיפן וואָס האָט געפירט פאַרטריבענע איז אויסגעבראָכן די פּעסט. דער בעל־הבית פון דער שיף האָט אַראָפּגעלאָזט די פּאַסאַזשירן אויף דער טריקעניש אויף אַן אָרט וואו עס איז ניט געווען קיין מענטש־לעכער ישוב. דאָרט זיינען די מייסטע אויסגעשטאָרבן פון הונגער און אַ טייל האָבן זיך געשטאַרקט צו גיין צו פוס ביז זיי וועלן דערגרייכן אַ ישוב. און צווישן זיי איז געווען איינער אַ ייד מיט זיין ווייב און מיט זיינע צוויי קינדער. זיי האָבן זיך אויך געשטאַרקט צו גיין, און די פרוי ווי זי האָט נאָר אויסגעפּרוווט איר פוס צו גיין איז זי אָוועקגעפאַלן און איז געשטאָרבן. און דער מאַן איז ווייטער געגאַנגען און האָט געטראָגן די צוויי קינדער. אָבער אויך ער איז אוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטער און זיינע צוויי קינדער זיינען געשטאָרבן פון הונגער. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער חלשות האָט ער געפונען זיינע קינדער טויט. און פון גרויס פאַרזאָרגט־קייט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַזוי געזאָגט: האַר פון די וועלטן! דו טוסט אַלץ כדי איך זאָל פאַרלאָזן מיין אמונה. זאָלסטו וויסן זיין אויף זיכער, אַז אַקעגן די באַוואוינער פון די הימלען בין איך אַ ייד און וועל בלייבן אַ ייד און עס וועט ניט העלפן גאָרנישט פון דעם וואָס דו האָסט געבראַכט אויף מיר און גאָרנישט פון דעם וואָס דו וועסט נאָך ברענגען אויף מיר."

און ער האָט גענומען שטויב און גראָז און האָט צוגעדעקט די קינדער. און האָט זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אריין זוכן אַ ישוב. די אנדערע יידן האָבן אויף אים ניט געוואַרט, כדי אליין אויך ניט צו שטאַרבן. און יעדער פון די יידן איז געווען פאַרטאָן אין זיין צער און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיין חבר און ניט געזאָרגט וועגן אים.

II

געזעלשאַפֿטלעכע און נאַציאָנאַלע פּראָגעס

י. ל. פּרץ

איינער פון די דריי גרויסע קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור און דער פּאָעטער פון דער יידישער עסיי. פולער נאָמער יצחק לייבוש פרץ. געבאָרן דעם 18טן מאַי, 1852 אין זאַמאָשץ, פוילן, געשטאָרבן דעם 3טן אַפּריל, 1915, אין וואַרשע.

„צווי בערג״ איז אַרויסגענומען פון דער עסיי „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער״, געדרוקט אין 16טן באַנד (ליטעראַטור און לעבן) פון פּרצעס שריפטן, די זעלביקע אויסגאַבע פון ב. קלעצקין, ווילנע.

צווי בערג

1.

צווי בערג: דער באַרג גריזים און דער באַרג עיבל. אויף איין באַרג ווערט געבענטשט, אויפן צווייטן — געשאָלטן.

און געבענטשט ווערט דער, וואָס היט גאָטס געבאָט און גייט אין זיינע וועגן, און פאַרשאָלטן ווערט דער אָפּטריניקער, וואָס היט נישט גאָטס געבאָט, וואָס איז אים ווידערשפּעניסטיק. די ברכה איז: געבענטשט זאָלסטו זיין אין שטאָט און געבענטשט אין פעלד. און געבענטשט זאָל זיין די פּרוכט פון דיין לייב און די פּרוכט פון דיין ערד און די פּרוכט פון דיין פי און דאָס אָפּוואַרפעניש פון דיינע רינדער און די סטאַדע פון דיינע שאָף. זאָל די ברכה אַריין אין דיין מולטער און אין דיין קאָרב, און אין אַלעם, צו וואָס דו שטרעקסט אויס דיין האַנט...

דעם גוטן וועט גאָט געבן טוי פון הימל און פעטס פון דער ערד. אָבער איבערן קאָפּ פון אָפּטריניקן וועט זיין דער הימל קופּער, די ערד אונטער זיינע פיס אייזן. פאַרשאָלטן וועט ווערן די פּרוכט פון זיין לייב און די פּרוכט פון זיין פי. פאַרשאָלטן וועט ער זיין אין שטאָט און אין פעלד...

אַ פעלד וועט ער בויען און אַן אַנדערער וועט צונעמען דעם שניט; אַ וויינגאָרטן וועט ער פלאַנצן — אַ פרעמדער וועט טרינקען דעם וויין. אים אין די אויגן וועט מען קוילן זיין אָקס און ער וועט פון זיין פלייש נישט עסן.

אַזוי די ברכה, אַזוי די קללה ווערן מקוים אויף דער ערד.

***

א געשלעכט קומט, אַ געשלעכט גייט — אייביק שטייט די ערד.

אין דעם פאַרפילן די ערד באַשטייט די אויפגאַבע פון מענטש. אין קינדער און קינדס־קינדער באַשטייט זיין אייביקייט.

איז דעריבער די הערשאַפט איבער אַ לאַנד דאָס גרעסטע גליק; קינדער און קינדס־קינדער, די האָפענונג אויף שטאַמען און פעלקער — דער שענסטער חלום פון דער אייביקייט.

פאַרוואָגלט צו זיין איז די גרעסטע שטראָף; נע ונד איז קין, דער מערדער פון זיין איינציקן ברודער.

און די גרעסטע שטראָף איז — אָפּגעשניטן צו ווערן פון אייביקן לעבן; דורכגיין די וועלט, ווי אַ שאָטן און פאַרשוואונדן ווערן.

2.

און אויף עיבל ווי אויף גריזים, ווערט גערעדט נישט צום איינצלנעם מענטש, נאָר צום פאָלק. געבענטשט און געשאָלטן ווערט דאָס פאָלק. די פעטע ערד, מיטן טוי פון הימל, מיט רעגן צו דער צייט. די ערד, וואָס גאָטס אויג איז אויף איר געווענדט פון אָנהויב יאָר ביז סוף יאָר, ווערט צוגעזאָגט דעם פאָלק . . .

די ערד ווערט צעטיילט צווישן שטאַמען, און די שטאַמען — צווישן פאַמיליעס, די פאַמיליעס הערשן איבער די הייזער. די עלטסטע איבערן שטאַם, איבער אַלע שטאַמען — איין גאָט!

אַ מענטש לעבט פאַרן פאָלק, פאַר קינדער און קינדס־קינדער. דאָס איז דאָס אייביקע לעבן פון מענטש: די פאַמיליע, דער שטאַם, דאָס פאָלק — קאָנען אייביק לעבן אויף דער ערד . . .

און אַ פריי פאָלק זאָל עס זיין. דער אַליינהערשער איז גאָט. דאָס געזעץ איז פון גאָט. און עס וועט נישט זיין קיין אָפּגרונט צווישן אָרעם און רייך: יובל — די נחלה קומט צוריק. און פאַלט ווער, און מוז זיין אַרבעט פאַרקויפן, נאָר זעקס יאָר דינט ער. פריי; אויס קנעכט.

און אַלע זיינען גלייך, אַלע זיינען ברידער . . .

די היימישע פעלקער, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט, ווערן פאַרטריבן, עמלק דער ערגסטער, — אויסגעמעקט. איין גאָט, איין געזעץ, איין פאָלק און איין לאַנד. און דער פרעמדער וועט אויך געניסן פון דער פרייהייט און פון ברידערשאַפט.

און דו ווערסט נישט רויבן, נישט טייטן, נישט גענאַרן, און קיין נוקם ונוטר נישט זיין. און ווערט דיין ברודער אָרעם, שטיץ אים. און פאַר־בלאָנדזשעט דיין פּריינטס אייזל, פיר עס אים אָפּ. און זיי באַרמהאַרציק קעגן אלמנות און יתומים. איך בין דער גאָט פון אלמנות און יתומים, זאָגט גאָט. און אָפּגעזונדערט זאָלסטו זיין און הייליק, דען אָפּגעזונדערט און הייליק איז דיין גאָט...

ערד — נאָר גערעכטיקייט, הייליקייט און ברידערשאַפט אויף דער ערד. אַראָפּגענומען די קללה פון דער אַרבעט, פאַרקלענערט ביז גאָר די ליידן, פאַרהייליקט און מיט ליבשאַפט באַשטראַלט דאָס לעבן.

אַ גן־עדן אויף דער ערד.

***

אַזוי האָט משה געחלומט פאַר זיין פאָלק דעם חלום פון אַ גן־עדן אויף דער ערד...

ער האָט די ערד נישט געזען.

נישט דער גאַנצער חלום איז מקוים געוואָרן, און דער טייל — אויך נישט אויף לאַנג...

נישט אויסגעמעקט איז געוואָרן עמלק, נישט פאַרטריבן אַלע זיבן אומות, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד, נישט אָפּגעזונדערט איז געבליבן דאָס אויסדערוויילטע פאָלק.

און נישט גאָט אַליין איז דער הערשער געווען.

און איבערגערוקט זיינען געוואָרן די גרענעצן צווישן אייגנטום און אייגנטום און פאַרשלונגען האָט דאָס גרויסע אייגנטום — דאָס קלענערע. און פאַרשוואונדן זיינען געוואָרן פאַמיליעס פון זייער ערד. אין טעמפּל רייסט זיך אַריין דער הענדלער, דאָס הייליקטום ווערט פאַרשוועכט.

און אַרום וואַקסן פעלקער אויף דער שווערד, דאָס קליינע לאַנד ווערט אַ בלוטיקער וועג צווישן קריגערישע אַרמייען פון פרעמדע פעלקער און דערנאָך די אַרענע פאַר זייערע שלאַכטן. און פאַרטריבן ווערט דאָס פאָלק, פון גן־עדן פאַרוואָגלט —

נישט נאָר מענטשן — אויך פעלקער קענען פאַר זיך אַליין נישט לעבן, אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי

פילאָזאָף, געזעלשאַפט־קריטיקער, טעאָרעטישער באַגרינדער פונעם יידישיזם און פיאָנער פון אַ וויסנשאַפטלעכן סטיל אויף יידיש. געבאָרן כ"ג ניסן, 1865, אין שטעטל אושאַטקי, לעבן וויטעבסק, ווייס־רוסלאַנד. געשטאָרבן דעם 6טן מאַי, 1943, אין קאַלגאַרי, קאַנאַדע, און געקומען צו קבורה אין ניו־יאָרק. זשיטלאָווסקי איז געקומען קיין אַמעריקע פון רוסלאַנד און האָט זיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק אין 1908.

„היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען" איז אַרויסגענומען פונעם צווייטן קאַפּיטל פון זשיטלאָווסקיס גרעסערער אַרבעט אונטער דעם זעלביקן נאָמען, געדרוקט אין געזאַמלטע שריפטן, דריטער באַנד, יובליי־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1912.

היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען

דעם פּשט פון דעם וואָרט „היסטאָריש" וואָס איך געברויך דאָ אין מיין אַרבעט, האָב איך אַריבערגענומען פון דער העגעלשער שול אין דער פילאָזאָפיע. דאָרטן ווערט זייער פיל גערעדט וועגן „לאָגישע" און „היסטאָרישע" קאַטעגאָריעס. נעמען מיר צ. ב. דאָס לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און מיר באַטראַכטן עס אין זיין גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, געפינען מיר אַז עס האָט אין זיך אַ סך יסודות. עטלעכע פון זיי זיינען איינגעוואָרצלט אין דער „לאָגיק" גופא פון דער געזעלשאַפט אויף אַזאַ אופן אַז דער מענטשלעכער שכל איז ניט בכוח זיך פאָרצושטעלן אַ וועלכע עס איז מענטשלעכע געזעלשאַפט אָן זיי, צ. ב., אַרבעט און שפּראַך. אַנדערע ווידער האָבן געקאָנט זיין יסודות נאָר פאַר אַ באַשטימטער צייט און נאָר אין יענער צייט האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז זיי זיינען איינגעוואָרצלט אין דער „לאָגיק" גופא פון דער געזעלשאַפט, ווי, צ. ב., די שקלאַפעריי און די אַבסאָלוטע אויבערהערשאַפט פון אַ מאָנאַרך. אַרבעט און שפּראַך קאָן מען דעריבער אָנרופן „לאָגישע" קאַטעגאָריעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; שקלאַפעריי און אַבסאָלוטיזם זיינען „היסטאָרישע" קאַטעגאָריעס.

העגעל, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די „לאָגיק" פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָט געוואָלט באַווייזן אַז אַ „קאָנסטיטוציאָנעלער קעניג", „פּריוואַט־אייגנטום", „פאַמיליע", „פּאָליציי" און נאָך אַנדערע זיינען „לאָגישע" קאַטעגאָריעס, ד. ה. אייביקע, נויטווענדיקע יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער זיינע תלמידים, די יונג־העגעליאַנער, וואָס

זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך אים אין זיין פילאָזאָפיע, אָבער ניט אין זיין פּאָלי־טיק, האָבן אָנגעווענדט זייער גאַנצן כּוח אויף צו באַווייזן, אַז אַ סך פון די קאַטעגאָריעס, וואָס העגעל האָט גערעכנט פאַר „לאָגישע", זיינען אין תּוך אַריין גאָר „היסטאָרישע". פערדינאַנד לאַסאַל האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך כּדי אויסצופירן אַז די קאַטעגאָריע „פּריוואַט־אייגנטום" איז ניט קיין לאָגישע, נאָר אַ היסטאָרישע. פון די יונג־העגעליאַנער אַן איז דער אויסדרוק: „לאָגישע און היסטאָרישע קאַטעגאָריעס" געוואָרן פּאָפּולער אין דער פילאָזאָפיע, און עד היום נאָך האָט אַ זין צו פרעגן צי, צ. ב., דער שטאַט, די פאַמיליע, די רעגירונג אָדער די רעליגיע זיינען לאָגישע קאַטעגאָריעס, וואָס זיינען איינגעוואָרצלט אין דער לאָגיק גופא פון דעם מענטשלעכן קולטורעלן לעבן, אָדער בלויז היסטאָרישע, וואָס עס דוכט זיך אויס, אַז זיי זיינען נויטווענדיקע און אייביקע נאָר אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער צייט.

ביז אַהער האָט מען דעם אויסדרוק „לאָגיש" און „היסטאָריש" אָנגעווענדט נאָר אויף איינצלנע געדאַנקען, אמתן און קאַטעגאָריעס. מיר אָבער ווענדן זיי אָן אויף דער פאַרבינדונג פון געדאַנקען און אידעען. פאַראַן אַ סך אידעען־פאַרבינדונגען וואָס דער שׂכל איז מחייב אַז יעדער פון זיי איז אַ „לאָגישע", אַן אייביקע, אַ בויטווענדיקע, אַזאַ וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער לאָגיק גופא פונעם ענין, וועגן וועלכן עס רעדט זיך. גלויב איך, צ. ב., אַז עס זיינען ניטאָ קיין שדים אויף דער וועלט, מוז איך צו דער זעלביקער צייט גלויבן, אַז זיי קאָנען ניט ווירקן אויף דעם מענטשן. דאָס איז אַ קלאָרע, לאָגישע אידעען־פאַרבינדונג.

ווי איז אָבער מיט דער געדאַנקען־פאַרבינדונג פון מאַטעריאַליזם און אַטעאיזם? פון אידעאַליזם און גלויבן אין גאָט? מוז דער גלויבן אין מאַטעריאַליזם ממילא איינשליסן אין זיך דעם געדאַנק, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, ווי דאָס האָט געגלויבט קאַרל מאַרקס? אָדער מוז אפשר, פאַרקערט, דער געדאַנק פון מאַטעריאַליזם גאָר ממילא אָפּ־שטויסן דעם געדאַנק פון אַטעאיזם, ווי דאָס האָט געגלויבט פערדינאַנד לאַסאַל? סיי די לאַסאַלשע אידעען־פאַרבינדונג און סיי די מאַרקסישע קענען באַווייזן ווערן דורך לאָגישע אַרגומענטן. אָבערביידע אידעען־פאַר־בינדונגען קאָנען ניט זיין אין איין און דער זעלביקער צייט אמת און לאָגיש:

עס מוז אין אונדז דעריבער אַרויסגערופן ווערן דער חשד אַז אפשר זיינען ביידע ניט לאָגישע, נאָר היסטאָרישע אידעען־פֿאַרבינדונגען.

אַזוינע אידעען־פֿאַרבינדונגען, וואָס דוכטן זיך אויס לאָגיש נויטווענדיק נאָר אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער צייט זיינען פול און פיל אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן דענקען.

איינע פון די עלטסטע און וויכטיקסטע היסטאָרישע אידעען־פֿאַרבינדונגען איז געווען די פֿאַרבינדונג פון גלויבן אין גאָט און אַ מאָראַלישן לעבן. נאָר יענער קאָן זיין באמת אַ מאָראַלישער מענטש — אַזוי האָט מען לאַנגע, לאַנגע צייטן נאָכאַנאַנד געגלויבט — וואָס לייקנט ניט די עקזיסטענץ פון אַ גאָט. „דער שאַלקהאַפּטיקער זאָגט אין זיין האַרצן: ס'איז נישטאָ קיין גאָט". און נאָר דער וואָס זאָגט אַזוינס אין זיין האַרצן, קאָן זיין אַ שאַלקהאַפּטיקער. ערשט דער גרויסער סקעפּטיקער פּיער בייל האָט אין דעם סוף פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט פֿאַנאַנדערגעבראָכן די פעסט צונויפגעשמידטע היסטאָרישע אידעען־פֿאַרבינדונג. אין זיין באַרימטן „היסטאָרישן און קריטישן ווערטערבוך" וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין ראָטערדאַם אין 1695, האָט ער גרינטלעך אָוועקגעשטעלט די פראַגע, צי קאָן אַן אַטעאיסט לאָגיש זיין אַ מאָראַליש הויבער מענטש און האָט געענטפערט: יאָ. איצטער איז אונדז זייער לייכט איינצוזען אַז די פֿאַרבינדונג פון רעליגיעזן גלויבן און מאָראַל איז געווען ניט קיין לאָגיש־נויטוועדיקע.

רייך אין צאָל און געדאַנקען זיינען יענע היסטאָרישע אידעען־פֿאַרבינדונגען, וואָס זיינען אַרומגעוואַקסן אַרום דער אידעע פון פּראָגרעס און אַנטוויקלונג. אין דער איצטיקער צייט ווען איינער זאָל אַרויסקומען מיט דעם אַסטראָלאָגישן געדאַנק, אַז די שטערן און די מזלות האָבן אַ שליטה אויף דעם מענטשלעכן גורל, וועט מען אים באַטראַכטן פאַר אַ רעאַקציאָנער און צונויפפּאָרן אים מיט יענע, וואָס גלויבן אין ניסים און אין מופתים. אָבער אין דעם אָנהויב פון דער נייער צייט איז די אַסטראָלאָגיע געווען די רעוואָלוציאָנערסטע וויסנשאַפט, וואָס האָט געקעמפט קעגן ניסים און מופתים. מען קאָן זי אָנרופן דעם מאַרקסיזם פון יענער צייט. זי איז געווען דורכגענומען פונעם געדאַנק אַז אַלץ וואָס פּאַסירט אונטער דער זון, פּאַסירט נאָך אייביקע אומפֿאַרענדערלעכע געזעצן, וואָס זיינען באַשטימט דורך דעם

אייביקן געלאָף פון די שטערן. און אַלץ וואָס האָט געהאַט אַן אָנהויב, מוז האָבן אַ סוף. דעריבער האָבן זיי געוואָלט פון די שטערן דערגיין אויך דעם סוף פון דער קריסטלעכער רעליגיע...

מיר זיינען איצטער געוואוינט צו באַטראַכטן אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס (שקלאַפעריי, אייגנטום, פאַמיליע) ווי אַ רעזולטאַט פון אַ נאַטירלעכער געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג, ניט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ פרייען אָפּמאַך צווישן מענטשן. דער געדאַנק פון אַ נאַטירלעכער אַנטשטיי־אונג איז פּראָגרעסיוו, די אידעע פון אַ פרייען אָפּמאַך — רעאַקציאָנער. אין אַלטן גריכנלאַנד איז אָבער די מעשה געווען פונקט פאַרקערט. די וואָס זיינען געשטאַנען פאַר שקלאַפעריי האָבן געלערנט, אַז זי איז ווי אַלץ אין דער געזעלשאַפט אַרויסגערופן געוואָרן אין לעבן דורך נאַטירלעכע געזעצן (פיזאי). די וואָס האָבן געקעמפט אַנטקעגן שקלאַפעריי האָבן געגלויבט, אַז זי איז ווי דער גאַנצער סדר פון דער געזעלשאַפט מער ניט ווי אַ פּראָ־דוקט פון אַן אָפּמאַך צווישן מענטש און מענטש (טעזאי). ביי אונדז איז „פיזאי" רעוואָלוציאָנער און „טעזאי" רעאַקציאָנער.

נאָר גענוג ביישפּילן פון די אַמאָליקע צייטן! וואָס טוט זיך מיט אונדזער איצטיקער גייסטיקער וועלט? איך וויל דאָ אויסרעכענען עטלעכע פון די געדאַנקען־פאַרבינדונגען וואָס דאָס רוב פון די מאָדערנע ראַדי־קאַלע דענקער מיינט, אַז זייער אמת איז אַקוראַט אַזוי קלאָר באַוויזן, ווי דער אמת פון צוויי מאָל צוויי איז פיר.

1) דער וואָס איז אַ מאַטעריאַליסט מוז לייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט.

2) דער וואָס גלויבט אין דער טעאָריע פון אַנטוויקלונג, קאָן ניט גלויבן אין גאָט.

3) דער וואָס קעמפט פאַר פּראָגרעס פון דער מענטשהייט מוז זיין אַ קאָסמאָפּאָליט.

4) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז זיין אַ מאַרקסיסט.

5) דער וואָס קעמפט פאַר אַ בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט מוז אויך קעמפן קעגן רעליגיע.

6) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז לייקענען אין דער שיטה פון מאַלטוס, אַז די מענטשהייט פאַרמערט זיך שנעלער, איידער די מיטלען צו באַפרידיקן אירע באַדערפעניש.

7) דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט מוז לייקענען אין דער שיטה פון פעסימיזם, וואָס זאָגט אַז דאָס לעבן ברענגט דעם מענטשן מערליידן איידער פרייד. און דער וואָס איז אַ פעסימיסט האָט נישט וואָס צו טאָן מיטן סאָציאַליזם.

8) דער וואָס איז פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען, מוז אין דער זעלביקער צייט גלויבן, אַז אין דעם ענין פון פייאיקייטן איז די פרוי אין קיין פרט נישט נידעריקער פאַר דעם מאַן.

9) דער וואָס שטייט פאַר דער דערהאַלטונג פונעם יידישן פאָלק, דאַרף אויך שטיין פאַר דער דערהאַלטונג פון דער יידישער רעליגיע.

10) דער וואָס איז אַ ציוניסט מוז קעמפן אַז העברעאיש זאָל זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק.

איך האָב באַמערקט אין לעבן, אַז דער יידישער לייענער איז דאָס רוב נאָך ניט געוואוינט צו אַ ריין אָביעקטיוון שטודירן פון געדאַנקען אין וועלכע ער גלויבט ניט. אים אינטערעסירט ווייניקער די פראַגע: ווי אַזוי איז יענער געקומען צו אַזעלכע געדאַנקען? קודם כל זוכט ער צו פאַרענטפערן: „וואָס האַלט איך פון יענע געדאַנקען?"

דער וואָס וויל אָבער אויספאָרשן היסטאָרישע אידעען־פאַרבינדונגען, מוז זיך אויפהויבן אויף אַ ריין אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט, פאַר וועלכן אַלע אמתן, וואָס אין זיי האָבן מענטשן געגלויבט, אָדער גלויבן נאָך עד היום, האָבן אַלע גלייכע שאַנסן צו זיין אמת אָדער פאַלש.

דער וואָס וויל געפינען דעם אמת, מוז אים זוכן, און דער וואָס וויל זוכן דעם אמת, מוז אים — ווייניקסטנס אויף אַ ווײַלע — פאַרלירן...

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

„טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיעס" איז אַ טייל פון אַ גרעסערער אַרבעט אונטער דעם זעלביקן נאָמען, געדרוקט אין געזאַמלטע שריפטן, פערטער באַנד, יובליי־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1912.

טויט און ווידערגעבורט פון געטער און רעליגיעס

רעליגיעס און געטער ווערן געבאָרן אין הייליקייט, עלטערן זיך אין אומריינקייט, גוססן און שטאַרבן, פאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע, ערגעץ־וואו הינטער אַ פּלויט און שטייען אויף תחית המתים צו אַן אייביקן לעבן אין

דעם גן־עדן פון דער מענטשלעכער פּאָעזיע. אַ גאָט, אַ טייוול, אַ „גאַר־נישט", אַ געטלעך „בילד" — דאָס איז די ביאָגראַפיע פון די געטער. הייליקער, פרומער גלויבן; פיינטלעכער אָפּשיי און קאַמף; קאַלטע גלייכ־גילטיקייט; פּאָעטישע בענקשאַפט נאָך דעם העכסטן אין דער וועלט — דאָס זיינען די לעבנס־פאַזן פון אַ רעליגיע.

היינריך היינע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט פּאָפּולער דעם געדאַנק, אַז די הייליקייט פון געטער גייט איבער אין אומריינקייט. אמת, ער ווענדט אים נאָר אָן אויף די געטער פון רוים, פון גריכנלאַנד און פון דער אַלטגערמאַנישער וועלט. אין זיינע „בריוו פון דייטשלאַנד", וועגן „עלעמענטאַר־גייסטער" און „די געטער אין גלות" שילדערט ער אונדז דעם פּראָצעס, ווי אַזוי פון די אַלטע געטער זיינען אין דעם גלויבן פון פאָלק, אין דער צייט פונעם מיטלעלטער, אויסגעוואַקסן שדים און פינצטערע כּוחות, בייזע רוחות און פיינט פון מענטשן. פון דעם מענטשנס באַשיצער און פריינט זיינען די גריכישע געטער געוואָרן טייוואָלים, אַריינגעטאָן שטענדיק אין איין געדאַנק, ווי עפּעס אָפּצוטאָן אַ שפּיצל דעם מענטש, צו פאַר־דאַרבן זיין גוף און זיין נשמה.

עס נעמט אָן אַ געפיל פון רחמנות ווען מען פאַרגלייכט, צ. ב., דאָס לעבן פון ווענוס־אַפראָדיטע, דער געטין פון שיינקייט און פון ליבע, בעת זי האָט זיך געעלטערט אין דייטשלאַנד אין דעם פּעריאָד פון אומריינקייט, מיט דעם לעבן און דער ראָלע פון דער זעלביקער געטין אין גריכנלאַנד, בשעת זי האָט געשטראַלט אין איר יונגן הייליקן געטער־גלאַנץ.

אין גריכנלאַנד און אין רוים — אַ הייס־געליבטע, טיף־פאַרערטע גע־טער־מאַכט, די אויבערהאַרין איבער אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו ליבע־גליק און צו ליבע־צער.

גאַנץ אַנדערש — די ווענוס אין מיטלעלטער אין פּעריאָד פון אומ־ריינקייט. די ליבע וואָס זי שענקט איז טריפה און אומווערדיק. קניען פאַר איר איז די גרעסטע שאַנד און די גרעסטע זינד.

אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע, ווען עס האָט גענומען ביסלעכ־ווייז פאַרשווינדן די גאַנצע וועלט פון שדים און פון בייזע רוחות, זיינען פון דעם פאָלקסבאַוואוסטזיין אינגאַנצן פאַרגעסן און פאַרשוואונדן געוואָרן די גריכיש־רוימישע געטער. דער פּעריאָד פון טויט און פון קאַלטער גלייכגילטיקייט איז געקומען אויף זיי. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט

זייער הינער־פּלעט. נאָך פאַר דער רעפאָרמאַציע, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער רענעסאַנס־צייט, מיט דעם ערשטןווידעראויפלעב פון דער גריכיש־רוימישער גייסטיקער וועלט, האָבן אויך די פאַרשטאָרבענע געטער גענומען ביסלעכווייז אָפּלעבן, אָפּאָטעמען ביי די געבילדעטע מענטשן און אריינגיין אין דעם גן־עדן פון דער מענטשלעכער פּאָעזיע.

באַטראַכט איצטער דאָס לעבן און די באַדייטונג פון דער שיינהייט־געטין ווענוס ווי זי שטייט אין לואוור־מוזייאום אין פּאַריז, אליין אין אַ צימער, וואָס מע האָט אָפּגעראַמט צוליב איר, אַ געהייליקטע, אַ באַוואונדערטע. מע וועט איצט ניט פאַלן פאַר איר אויף די קני ווי אין דעם פּעריאָד פון איר הייליקייט, מע וועט זיך אָבער אויך ניט מער שרעקן פאַר איר, ניט איבערצלמען זיך אין אַנגסט, ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ פרומער קריסט אין פּעריאָד פון איר אומריינקייט. אַ נייעם סאָרט פאַרערער זאַמלט ווענוס אַרום זיך. אַ נייע קירכע איז אויפגעבויט געוואָרן אין מענטשנס האַרץ צוליב איר.

לייענט איבער היינעס און גלעב־אוספּענסקיס באַשרייבונגען וועגן די געפילן וואָס ווענוס אין לואוור האָט ביי זיי ארויסגערופן. ווי פאַרשיידן היינע און גלעב־אוספּענסקי זאָלן ניט זיין אין זייערע כאַראַקטערן, ווי פאַרשיידן עס זאָלן ניט זיין די געדאַנקען, וואָס ווענוס האָט אַרויסגערופן אין זיי — אין איין פּונקט זיינען זיי אייניק: ווענוס איז די שענסטע, די איידלסטע, די הייליקסטע געשטאַלט פון אַ מענטשלעכן וועזן; אַ שטיק פאַרגעטערטע מענטשלעכע נאַטור, אַ טרייסט און אַ נבואה אויף פאַרן איצטיקן מענטש, אַן אייביקער תענוג אין דער מענטשלעכער פּאָעזיע.

פון דעם יידישן גן־עדן ווערט אונדז דערציילט, אַז דאָרטן זיצן צדיקים מיט קרוינען אויף די קעפּ און האָבן הנאה פון דער שיין פון דער שכינה. מע קאָן זאָגן, אַז אין דעם גן־עדן פון דער מענטשלעכער פּאָעזיע שפּילן די ראָלע פון דער שכינה די פאַרשטאָרבענע געטער און געטינס. מיר דאַרפן שוין גאָרנישט פון זיי, מיר פאַרלאַנגען פון זיי ניט קיין הילף, מיר לייקענען זייער מאַכט צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס און פונדעסטוועגן פאַרגעטערן מיר זיי און האָבן הנאה פון זייער שיין, ניט ווייניקער ווי די צדיקים אין יידישן גן־עדן.

אָבער אויך די קריסטלעכע רעליגיע האָט נאָך אַ לאַנגער צייט פון ניט געשטערטן לעבן אין היילּיקייט, געמוזט אריינטרעטן אין פעריאָד פון אומריינקייט, פון אומווערדיקייט. שוין אין דעם פסיכישן לעבן פון דער רעפאָרמאַציע געפינען מיר דעם אָנהויב פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. מיט אַ נייעם קריסטוס אין קאָפּ און אין האַרצן, האָט די רעפאָרמאַציע גע־קעמפט אַנטקעגן דעם אַלטן קריסטלעכן גאָט.

וואלטער און די ערשטע אטעאיסטן האָבן די עקזיסטירנדיקע רע־ליגיע און געטער געהאַסט מיט אַ שנאה און געשפּאָט פון זיי מיט אַ פאַנאַטיש פייער, אקוראט ווי די געטער וואָלטן געווען אמתע נאטירלעכע כוחות, אָבער ניט הייליקע און גוטע, נאָר אומווערדיקע און שעדלעכע. איך וויל אויך דערמאָנען די געפילן מיט וועלכע טאָלסטאָי, אַ קריסטלעכער פריי־דענקער, באַשרייבט די צערעמאָניעס פון דעם גריכיש־אָרטאָדאָקסישן גלויבן: זיי זיינען די זעלביקע געפילן וואָס ברענען אין די הערצער פון די קריסטלעכע פאַנאַטישע אטעאיסטן.

אָבער אויך פאַר דער קריסטלעכער רעליגיע איז שוין אין די הערצער פון אַ סך אידעלע און געבילדעטע מענטשן אויפגעעפנט געוואָרן דער גן־עדן פון מענטשלעכער פּאָעזיע. דאָ קוקט מען שוין מיט גאַנץ אַנדערע אויגן אויף די קירכלעכע צערעמאָניעס, מנהגים, סימבאָלן און געדאַנקען. ווען, למשל, ווערא פיגנער, די באַרימטע רוסישע רעוואָלוציאָנערין און איינע פון די זעלטן פרייסטע פרויען אין דער וועלט, בעט אין אַ ליד, אַז איר מוטער זאָל איבערצלמען איר האַרטן שווערן וועג פון קאַמף, האָט דאָ דער קריסטלעכער סימבאָל פון איבערצלמען באַקומען אַ גאַנץ נייעם זין. דער צלם איז פאַר ווערא פיגנער געוואָרן ניט מער ווי אַ פּאָעטישער סימבאָל פון פריידיקן צו גיין אין טויט אַריין פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אַ שטיק מענטשלעכע נאַטור, פּאָעטיש אויסגעדרוקט אין אַ געטלעכער פאָרם.

און ווען פרידעריך אלבערט לאַנגע*, שרייבט, אַז פון אַלץ וואָס ווערט געזונגען אין דער לוטעראַנישער קירך, האָט ער צום ליבסטן דאָס ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אָ, קאָפּ, פול מיט בלוט און וואונדן", ווייזן מיר אויך גאַנץ גוט, אַז דער בלוטיקער פאַרוואונדעטער

* באַוואוסטער דייטשער פילאָזאָף.

קריסטוס־קאָפּ האָט אין די אויגן פון פרידריך אלבערט לאַנגע ניט יענע מיסטישע הייליקייט, וואָס ווערט אַרויסגערופן ביי דעם פרומען פּראָ־טעסטאַנט און אויך ניט יענע אומריינקייט, וואָס לעבט אין האַרצן פון אַ פאַנאַטישן אפיקורס, נאָר אַ גאַנץ ניי געפיל פון הייליקייט: לאַנגע זעט אין אים די פּאָעזיע פון מענטשלעכן דולדן און ליידן, פון מענטשלעכן מקריב זיין זיך פאַר זיין אידעאַל — אַ שטיק מענטשלעכע נאַטור אין דער פאָרם פון געטלעכער פּאָעזיע.

אָט אזוי דערגרייכן געטער און רעליגיעס צו זייער אומשטערבלעכקייט.

בעל־מחשבות

קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, עסייאיסט. ריכטי־קער נאָמען: ד״ר (ישראל) איזידאָר עליאַשעוו. געבאָרן דעם 13טן אָקטאָבער, 1873, אין קאָוונע. געשטאָרבן אויך דאָרט, דעם 13טן יאַנואַר, 1924.
„טיפקייט פונעם שבת־געדאַנק״ איז אַ פאַרקירצונג פון בעל־מחשבותעס עסיי „שבת״, געדרוקט אין צווייטן באַנד פון זיינע „געקליבענע שריפטן״, פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע, 1910.

די טיפקייט פונעם שבת־געדאַנק

איינע פון די שענסטע און לעבעדיקסטע זאַכן, וואָס איז אונדז אי־בערגעבליבן פון אונדזער אַלטער קולטור, איז דער שבת. נאָך דעם אחדות־געדאַנק איז דער שבת־געדאַנק די טיפסטע און העכסטע אידעע, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן פון דער תורה. אין געוויסע קרייזן האָט ער שוין לאַנג פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן גלאַנץ, און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויען טאָג, וואָס אונטערשיידט זיך שוין נישט פון די טעג פון אַ גאַנץ יאָר. אויב איר ווילט זען כאָטש אַ חלק פון זיין אַלטער שיינקייט, מוזט איר פאָרן קיין ענגלאַנד, אָדער אין איינע פון די פּוריטאַ־נישע שטאָטן פון אמעריקע און זען ווי זיי פאַרברענגען אַ זונטיק, זייער שבת. די יידישע תורה האָט זיי געוויזן דעם קלאַסישן וועג, ווי אָפּצו־גנבענען פון דער גרויער וואָך איין טאָג, כדי דער וואָכנדיקער מענטש זאָל כאָטש אויף אַ ווײַלע באַקומען אַ „צלם אלהים״. אָבער מיר, די יידישע אינטעליגענץ, האָבן מיט אַ לייכט האַרץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פליכטן פון אַ „רו־טאָג״ און דורכדעם איז אונדזער אָרעם לעבן געוואָרן נאָך צען מאָל גרויער ווי געווען.

וואָס פאַר־אַ הויכן און טיפן זין עס האָט געהאַט דער שבת פאַר דעם קיום פונעם יידנטום, קען מען זען פון די געדאַנקען מיט וועלכע אונדזערע חכמים האָבן געקרוינט דעם שבת. „שבת וועגט איבער די גאַנצע תורה און ווער עס היט אים אָפּ ווי עס דאַרף צו זיין, דעם איז מען מוחל אַלע זיינע זינד"; „ווער עס לייקנט אָפּ שבת לייקנט אָפּ די גאַנצע תורה"; „ווען יידן וואָלטן אָפּגעהיט כאָטש צוויי שבתים ווי עס דאַרף צו זיין, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן"; „ירושלים וואָלט ניט געוועזן חרוב געוואָרן, ווען מע וואָלט נישט געוועזן מחלל שבת געוועזן"; „וואָס איז דער זכות פון די גבירים אין בבל? וואָס זיי היטן אָפּ די תורה, און וואָס איז דער זכות פון יידן אין אנדערע לענדער? וואָס זיי האַלטן דעם שבת בכבוד."

זיי, די חכמים, וועלכע האָבן געזאָרגט און געקעמפט פאַר דער עקזיס־טענץ פון דער יידישער נאַציע מיט אַזאַ גוואַלטיקן שעפערישן כוח, האָבן די ווערדע פון שבת דערהויבן ביז צו דער ווערדע פון דער גאַנצער תורה. נאָך מער, זיי האָבן צייטנווייז אים נאָך העכער געשטעלט פאַר דעם אחדות־געדאַנק. אין זייער הייליקער באַגייסטערונג פאַרן שבת האָבן זיי זיך דערלויבט אויסצורופן: „ווער עס היט אָפּ דעם שבת ווי עס דאַרף צו זיין, איז מען אים אפילו מוחל די זינד פון געצנדינערייי" (שבת קי"ח). זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז דער גייסטיקער טייל אין מענטשן נייטיקט זיך אין רו, אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אריין די קולות פון מאַרק. נאָר אין אַזאַ סביבה קענען וואַקסן און בליען די בלומען פון גייסט.

זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און זאָלסט אָפּטאָן גאָר די אַרבעט. צי איז דאָס מעגלעך אָפּצוטאָן פאַר אַ מענטש גאָר די ארבעט אין זעקס טעג? איז דער תירוץ, זאָלסט זיך אַזוי אָפּרוען אַקוראַט ווי דו וואָלסט געענדיקט אַלע אַרבעטן. אַנדערע חכמים מיינען: רו זיך אָפּ פון איטלעכן געדאַנק וועגן אַרבעט, נאָר אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אריין די חשבונות פון וואָך, איז מעגלעך צו אַנטוויקלען די העכערע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפילן, די גאַנצע באַשאַפונג וואָלט קיין ווערדע נישט געהאַט, ווען די זעקס טעג אין וואָך וואָלטן נישט געקרוינט געווען מיט אַ שבת־טאָג. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ קיניג, וואָס האָט זיך

אַ חופּה געמאַכט, זי געפּוצט און באַמאָלט . . . נאָר איין זאַך האָט געפעלט: אונטער דער חופּה — די כּלה.

באַשאַפנדיק אַ שבת האָבן אונדזערע חכמים געזוכט כאַטש אויף איין טאָג אין וואָך צו רייניקן דעם מענטש פון זיין חיהשן לעבן. רו זיך אויס, זאָגן זיי דעם מענטש, פון דיינע אַרבעט־געדאַנקען און דו ביסט מסוגל צו פאַרברענגען די צייט צוזאַמען מיט די מלאכים. דו ביזט אַזוי ריין ווי זיי. דער אָפּשטאַנד צווישן הימל און ערד איז גאָר נישט אַזוי גרויס. אין דעם גלאַנץ פון די שבת־ליכט און פון ווייסן טישטוך, אין דעם גלאַנץ פון ריינע זילבערנע לייכטער און פון דיין רואיקן שטילן בליק לייכטן אויף די שטראַלן פון גאָטס גענאַד. און דו אַליין ביסט אַן אַנדערער געוואָרן. אַ נשמה יתרה האָט מען דיר צוגעלייגט.

צווישן הימל און ערד שוועבט די שבת־קעניגין. אַ גאַנצע וואָך בלאַנדזשעט זי איינע אַליין, פון אַלעמען פאַרלאָזן צווישן די מיליאַרדן הימל־שטערן. פאַרשמוצט און פאַרגרעבט, פאַרעסקט און פאַרטאַראַראַמט, לויפט אַרום איר באַשערטער אויף אַלע גויאישע ירידן. מיט אומעט און מיט עקל קוקט זי אויף איר חתן, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן זיין געטלעכן אָנבליק און וואָס איז שוין כמעט נישט צו דערקענען. אָבער אָט קומט דער זעקסטער טאָג פון וואָך, און ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם גאַנצן שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אויף אים. אין זיין שטוב באַווייזן זיך די ערשטע סימנים פון ריינקייט, ציכטיקייט און פון יום־טוב׳דיקייט. די שבת־קעניגין הייבט ווייטער אָן צו דערקענען איר באַשערטן און שוועבט צו צו דער ערד, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע פאַרלאָרן דעם שווערן גרויען אויסזען, און אין די פאַלדן פון אירע קליידער טראָגט זי די בשמים־ריחות פון העכערע וועלטן, די שטילע מוזיק פון מלאכימשע פליגל, וואָס באַוועגן זיך אין אַ געטלעכן טאַקט.

ווען דער פּאָעט זאָגט: „אָט דאָס איז דער טאָג פון ליכט און פרייד, אַ באַלזאַם פאַרן האַרץ פון אַ צעבראָכענער אומה . . . ” דריקט ער נישט אויס אפילו אַ צענטל פון דעם, וואָס דער שבת האָט געגעבן און גיט דער „צעבראָכענער אומה.”

ווער ווייס? אפשר ווערט די „צעבראָכענע אומה” אַ גאַנצע נאָר אויף איין טאָג אין וואָך. אפשר וואָלט שוין לאַנג פון דער „צעבראָכענער אומה” אַ זכר נישט געבליבן, ווען עס וואָלט נישט געווען דער שבת.

חיים גרינבערג

עסייאיסט און געזעלשאַפטקריטיקער. געבאָרן אין 1889, אין טאָדירעשט, קעשענעווער קרייז, בעסאַראַביע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט עטלעכע יאָר אין בערלין, וואו ער האָט רעדאַקטירט די העברעאישע וואָכנשריפט „העולם" (אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע). געקומען קיין אַמעריקע אין 1924. ער איז רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט „דער יידישער קעמפער" און פון דעם חודש־זשורנאַל „דזשואיש פראָנטיר".

די עסיי „צעשפּרייטונג און אויפזאַמלונג" וואָס מיר גיבן דאָ איבער מיט פאַרקירצונגען איז געווען געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", מערץ, 1945.

צעשפּרייטונג און אויפזאַמלונג

איך הער אָפט, אַז דער נאַצי־פּעריאָד האָט אויף אַ באַזונדערס בולטן אופן באַשטעטיקט דעם ציוניזם, זיין אַנאַליז פון דער יידישער ווירקלעכ־קייט און זיין פּראָגנאָז. ניט נאָר הער איך עס, נאָר איך אַליין באַהויפּט עס פון ציית צו צייט. עס זיינען אָבער פאַראַן מאָמענטן, ווען מיך באַהערשט אַ נייגונג די דאָזיקע באַהויפּטונג אָפּצופרעגן. ווייל גראָד דער נאַצי־פּעריאָד, וועלכער איז מסתמא ניט קיין עפּיזאָד אָדער צופאַל אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער צייט, האָט דעמאָנסטרירט נאָך עפּעס וואָס איז כלל ניט קיין דירעקטע, איינפאַכע באַשטעטיקונג פונעם אָנגענומענעם ציוניסטישן טעזיס — נעמלעך, אַז די שיקזאַלן פון לענדער און פעלקער זיינען אַ סך מער אָפּהענגיק איינס פון דעם אַנדערן, ווי מיר האָבן פריער געוואָלט זיך פאָרשטעלן; אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן רשעותן, וואָס אויב מען לאָזט זיי נאָר אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, איז גאָר נישטאָ וואוהין פון זיי צו אַנטלויפן; און אַז לאַנד און מלוכה זיינען ווייט ניט קיין אייזערנע גאַראַנטיע קעגן חורבן פון נאַציאָנאַלן לעבן, קעגן פּאָגראָמען און שחיטות, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שקלאַפעריי, קעגן קולטורעלער דעגראַדאַציע און דערצו נאָך קעגן גלות אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט.

איך קען מיר דערפאַר פאָרשטעלן יידן רעסטאַווירט אַלס פּאָליטישע נאַציע אין ארץ־ישראל און שפּעטער מיט יאָרן אין אַ נייער וועלט־קאָנ־סטיטוציע זאָלן זיי ליידן ניט נאָר דעם פאַרלוסט פון זייער נאַציאָנאַלער אָדער מלוכה־זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אפילו דעם פאַרלוסט פון זייער פיזישער היים. עס איז ניטאָ קיין עצה קעגן געוויסע היסטאָרישע קאַטאַ־קליזמען — ניט פאַר גרויסע פעלקער און אַוודאי ניט פאַר קליינע פעלקער.

סיי פאַר דער אויפשטעלונג און סיי באַזונדערס פאַר דער קינפטיקער זיכערקייט און סטאַביליטעט פון יידישער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און רעלאַטיווער סואווערעניטעט פאָדערט זיך אַ געוויסער סטאַנדאַרד פון הומאַניטעט, פון אינטערנאַציאָנאַלער געזעצלעכקייט און יושר. אָט אין דעם זינען, בין איך געניגט צו גלויבן, קען דער ציוניזם ניט זוכן פאַר זיינע פאָסטולאַטן קיין נייע און באַזונדערס קרעפטיקע באַשטעטיקונג אין דעם אומפאַרגלייכלעכן אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן אין די לעצטע עטלעכע יאָרן.

עס זיינען אָבער פאַראַן אויך אַנדערע קוואַלן, פון וועלכע די אידעע פון „כינוס" — פון זאַמלונג אָנשטאָט צעשפּרייטונג — שעפּט איר טראַגיש־שעפערישע יניקה. מיר גיבן זיך נאָך ביז היינט ניט אָפּ גענוג חשבון פון דעם וואָס עס פּאַסירט אין אונדז און מיט אונדז אין משך פון די לעצטע עטלעכע דורות. מיר האָבן געהאַט כוח אַ סך הונדערטער יאָרן צו עקזיסטירן אָן ארץ־ישראל, אָן אַ יידיש לאַנד, ווייל מיר זיינען געווען ניט בלויז ישראל נאָר כנסת ישראל. ווען מיר וואָלטן אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען בלויז אַן עטנישע גרופּע מיט איר נאַטורמעסיקן סאָציאַלן צוזאַמענהאַנג, מיט איר ביסל פאָלקלאָר און היסטאָרישע זכרונות פון דורכשניטלעכער אינטענסיווקייט, וואָלטן מיר שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. בלויז עטניש קען ישראל ניט פאַרמאָגן מער וויטאַליטעט ווי עמון, אדום אָדער מואב. דאָס וואָס ס'האָט פאַטאַל־אידעאיש — און איך זאָג בכיוון אידעאיש און ניט אידעאָלאָגיש, אין זינען פון פיקסירט זיין אויף זיך ווי אויף אַ העלד פון אַ דערהויבענעם עפּאָס און ניט אין זינען פון סתם אַ דאָקטרין — צוזאַמענגעבונדן איין רב ישראל מיטן צווייטן רב ישראל אין אַ שטענדיקער קאָלעקטיווער שפּאַנונג פון כלל־ישראל, איז געווען דער באַגריף און דאָס געפיל פון „כנסת", ניט פון אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. אויך די וואָס אָריענטירן זיך היינט אויף קעגנערשאַפט צום גלות, וואָלטן געדאַרפט אָנהויבן צו באַגרייפן, אַז גלות איז געווען ניט סתם אַן אומגליק אָדער אַ טויזנטיעריקע גזרה — נאָר אויך — און אפשר פאַר אַלעמען — אַ דינאַמיש־שעפערישער צושטאַנד, אַ שאַרפע שפּאַנונג קעגן זיך און קעגן דער אויסנוועלט, אפשר די דערהויבנסטע מיסטעריע וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז געמאַכט פון זיין לעבן.

מיר וואָלטן אין דער פאַרגאַנגענהייט שוין לאַנג געקראָגן פאַר זיך אַ לאַנד — ארץ־ישראל אָדער אַן אַנדער געגענט—ווען מיר וואָלטן עס שטאַרק געוואָלט האָבן. די כנסת ישראל האָט אָבער געפילט אָדער געמיינט, אַז זי קען אויסקומען אָן אַן ארץ פאַר ישראל. מען האָט דורות לאַנג געזאָגט קינות אויפן חורבן בית המדש, אויפן סימבאָל פון היים און געבונדנקייט און דערביי פאַרגאָסן ניט ווייניק הייסע און אויפריכטיקע טרערן, אָבער אין אַן אַנדערער ספערע פון אונדזער עקזיסטענץ האָבן מיר געפילט, אַז דער חורבן איז געווען אין אַ געווויסן זינען אויך גאולה, באַפרייאונג, אַז דער בית המקדש וואָס קען אויפגעבויט ווערן אומעטום אויפן ערדקוגל, אויך אין דער פרעמד, אין אַ קעלער, אויף אַ בוידעם, אין אַ צופעליקן געצעלט, אָדער אפילו אונטערן פרייען הימל, אָן ווענט, בלויז מיט דעם אומזע־באַרן דאַך פון דער שכינה וואָס קען רוען איבער די קעפּ פון יעדע צען מתפללים, איז קרעפטיקער, רייכער, זיכערער, מער פאַראַנקערט אין דער צוקונפט, ווי דער מאָנומענטאַלסטער בית־המקדש. דער איינצעלנער פאַר־וואָרפענער ייד האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין „שמע ישראל״ איז אַ סיגנאַליזאַציע, וואָס ווערט ערגעץ וואו פון אַזעלכע ווי ער אויפגעכאַפּט, פאַרשטאַנען און אָפּגעענטפערט, אַלץ איינס וואָס פאַר־אַ רוים־דיסטאַנצן עס זאָלן אים פון זיי ניט אָפּטיילן.

און אָט יענער מיסטעריעז־יחוסדיקער פעריאָד אין אונדזער עקזיס־טענץ שעפּט זיך ביסלעכווייז אויס. אין דער מאָס אין וועלכער מיר ווערן אויס כנסת ישראל, מוזן מיר, האָב איך מורא, אָדער ווערן אויס ישראל, אָדער זיך ווידער אויפבויען אַלס עם ישראל. אונדזער אומגליק באַשטייט ניט אַזוי אין דעם וואָס מיר געפינען זיך אין גלות, ווי אין דעם, וואָס מיר האָבן זיך אין אַ געוויסן זינען באַפרייט פון גלות, פון זיין שפּאַנונג, שע־פערישקייט, לעבנסגעשטאַלטונג און מיסטעריאָזיטעט.

דער קריזיס פון היסטאָריש־רעליגיעזן באַוואוסטזיין אין דער וועלט און דער כמעט באַנקראָט פונעם ספּעציפיש יידיש־רעליגיעזן באַוואוסטזיין און זיין היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, ביי גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק, נעמען ביי אונדז אַלץ מער און מער צו יענעם האַפט אין זיך אַליין און דורך איר יענע אחיזה אין דער וועלט, וואָס מיר האָבן פריער פאַרמאָגט. מיר ווערן אַלץ מער און מער סענסיטיוו צו רוים, צו רוימלעכער שכנות

מיט אַנדערע, און אַנשטאָט מיר זאָלן מבטל זיין זייער רוים, הייבט אָן דער רוים אַרויסצולאָזן אויף אונדז זיינע צוגלופטן אונדז מבטל צו זיין. מיר ווערן אַלץ מער אָפּהעניג פון סביבה, פון געאָגראַפישן אַרום און אי מיר ווילן ווערן אַ טייל פון יענעם אַרום, איינגעשלונגען ווערן פון אים, אי מיר זוכן נאָך אַלץ וועגן ווי זיך פון אים צו דיסטאַנצירן.

וואָס מערער אויסשפּרייטונג, אַלץ מערער לויערט אויף אונדז די סכנה איינגעשרומפּן צו ווערן, ווייל אַלץ מער פרעמדע „אַרומען" ווען זוכן צו ווערן אונדזער אייגנס און אַלץ מער חלל וועט זיך אַנטפּלעקן, וואָס וועט זוכן אונדז איינצושלינגען אין אונדזער אָפּגעשוואַכטער ווידערשטאַנד־פעאי־קייט. אַנשטאָט „פיזור" (צעשפּרייטונג), פאָדערט פון אונדז די געשיכטע „כינוס" (אויפזאַמלונג), קאָנצענטראַציע — נאָכאַמאָל ווי צוריק מיט טויזנ־טער יאָרן איידער מיר האָבן זיך פאָרמירט אַלס פאָלק: אַ רוימלעכע באַזע און אַ רוימלעכע ראַם פאַר אונדזער עקזיסטענץ, פאַר דער ווייטערדיקער אַנטפּלעקונג פון זיך אַליין. דער ציוניזם איז פון דעם שטאַנדפּונקט, אַ נייער „בראשית", אַ נייער אחיזה־פּונקט פאַר אויספורעמען זיך אַליין.

עס קען זיין אַז פאַר אַזאַ „בראשית" איז דאָס לאַנד וואָס מיר רופן ארץ־ישראל ניט דאָס בעסטע, ניט דאָס פאָליטיש באַקוועמסטע, און ווען געשיכטע וואָלט פּלאַנירט געוואָרן „ראַציאָנעל", וואָלט אפשר אַן אַנדער לאַנד אויף אַן אַנדערן קאָנטינענט געקאָנט ווערן אַ סך לייכטער דער זאַמלפּונקט פון ישראל. אָבער אַזוי האָט עס פּאַסירט. געשיכטע האָט אירע טערמינאַנטן און לעבעדיקע מענטשן האָבן, אפשר אונטערן דיקטאַט פון סימבאָליק, זייערע איראַציאָנעלע ליבערשטקייטן. יענע וויטאַליטעט אין אונדז וואָס זוכט פאַר זיך אַ „בראשית" האָט געהאַט אַ באַקאַנטן אַדרעס. זי האָט זיך געלאָזט פירן נישט פון פּראַקטישן שכל און חשבון, נאָר פון אַ היסטאָרישן קאָמפּאַס, און דער קאָמפּאַס האָט געפירט קיין ארץ־ישראל. זאָלן מיר זיך אויף דעם קאָמפּאַס בייזערן? זאָלן מיר אים זאָגן אַ דאַנק? וואָס איז דען דער אונטערשייד? אַהין האָט ער געפירט און אַהין וועט ער פירן — יעדנפאַלס אין די גרענעצן פון אונדזער עפּאָכע.

יענע קליינע צאָלן יידן, וואָס האָבן זיך אַמאָל אומגעקערט פון בבל קיין ארץ־ישראל, זיינען זיכער געווען גאַנצער מיט זיך ווי מיר קענען היינט זיין. זיי זיינען געווען איינפאַכער, גייסטיק־ציל־באַוואוסטער, גראַד־

ליניקער און דערמיט אַליין קרעפטיקער, ווי מיר זיינען אין אונדזער דור. אָבער אין מער ווי אין איין פרט זיינען מיר רייכער פון זיי — רייכער אין לעבנס־דערפאַרונגען, אין אַנטוישונגען, אין סקעפּטיציזם, אין ציניזם און אין אַ ליידנשאַפטלעכן שטרעבן דאָס ציניזשע אין אונדז צו באַהערשן און צו באַזייטיקן. מיר זיינען רייכער אין סתירות, אין קאָנפליקטן מיט זיך אַליין, אין טויזנטער ניואַנסן פון עצבות, אין זיגזאַגן וואָס האָבן זיך פאַרמירט אין אונדזערע נשמות. מיר זיינען אָן אַן ערך פּראָבלעמאַטישער פון זיי — פּראָבלעמאַטישער פאַר דער וועלט און אין אונדזערע אייגענע אויגן. די נאָכפאָלגערס פון עזרא און נחמיה האָבן זיך געלאָזן אויפבויען אַ בנין, וואָס זיינע קאָנטורן זיינען זיי געווען קלאָר — אויפן יסוד פון באַשטימטע ווערטן, אין וועלכע זיי האָבן ניט געצווייפלט. די אויפגאַבע פון אונדזער דור איז, אין דעם פּראָצעס פון בויען, איבערשאַצן ווערטן, שטעלן זיי פאַר אַ נייער פּראָבע, אפשר אויסשמידן נאָך אויך נייע ווערטן. דער נייער „כינוס" איז דערפאַר גייסטיק אַזוי קאָמפּליצירט און אין גרונט עקספּערימענטאַל. די מאָדערנע שיבת־ציון איז אַ פּראָצעס פון אַנטפּלעקונג, פון אַנטפּלעקן זיך אַליין. זי האָט דערפאַר דעם צויבער און די סיטמולירנדיקע קראַפט פונעם אומבאַקאַנטן, פון רעטעניזדיקן, פון „בראשית", פון אַ נייער געבורט.

חיים ליבערמאַן

עסייאיסט און קריטיקער. געבאָרן אין 1889, אין קאָלק, וואָלין. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1905. וואוינט אין ניו־יאָרק. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

די עסיי „דאָס יידישע פאָלק" וואָס מיר דרוקן דאָ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די קאַפּיטלעך 8, 10 און צום טייל 11 פון ליבערמאַנס בוך „אין טאָל פון טויט", ניו־יאָרק, 1938.

דאָס יידישע פאָלק

(געדאַנקען וועגן יידישן גורל אין אונדזער צייט)

1.

מיר זיינען אַ פאָלק וואָס איז אָפּט נישט ווערט זיך אַליין. אַלע תורות זיינען נאָר ידיעות פון אונדזער תורה. הומאַניסקייט איז אַ תורה — ס'איז בלויז איין פּסוק פון אונדזער תורה. דעמאָקראַטיע איז אַ תורה —

בלויז איין פרשה פון אונדזער תורה. סאָציאַליזם איז אַ תורה, נאָר דער גאַנצער סאָציאַליזם איז בלויז אַ מאָדערנער פּירוש אויף דער תורה. און מיר, אין אונדזער לייכטזין, האָבן גענומען אונדזערע שטיקער פון פרעמדע הענט, און אונדזער אייגענע, די תורה פון אַלע תורות, געלאָזט שטיין פאַרשעמט אין ארון־קודש.

געוועזן אַ יידישער מקובל אין מיטלאַלטער וואָס איידער ער איז געוואָרן אַ מקובל איז ער געווען וועלטלעך, און וועלטלעכקייט דעמאָלט איז געלעגן אין לאַטיין. נאָר אַז ער האָט דערזען דעם יידישן וועג האָט ער געפאַסט פערציק טעג און תפילה געטאָן ער זאָל פאַרגעסן לאַטיין.

מיר דאַרפן פאַסטן פערציק מאָל פערציק טעג. צופיל האָבן מיר צו פאַרגעסן.

דאָס ערשטע צו פאַרגעסן זיינען אונדזערע אויסגעטראַכטע זינד. אין די פיר טויזנט יאָר פון אונדזער געשיכטע איז נישטאָ קיין טאָג וואָס מיר דאַרפן זיך שעמען מיט אים. ווי דער פרילינג האָט זיך ניט צו שעמען מיט קיין איינער פון זיינע פלאַנצן און דער האַרבסט מיט קיין איינער פון זיינע פרוכט. מיר זיינען געגאַנגען דורך רשעות ווי אַ קאָץ גייט אין נעץ און נעצט נישט איין די פיס. און אויב מיר האָבן געזינדיקט — וואָס זיינען אונדזערע זינד קעגן זייערע? מיר זיינען דער רייננסטער קיבוץ אין דער ציוויליזירטער מענטשהייט: קיין וואַסער וואַשט נישט אַזוי ריין ווי טרערן. אַ יידישער יחיד טראָגט זיין אייגענע אחריות, דער יידי־שער כלל איז אָן זינד. מיר האָבן גאַרנישט געקראָגן אומזיסט און קיין זאַך נישט גענומען מיט גוואַלד אָדער שוחד. אומזיסט האָבן מיר נאָר געקראָגן געשענדעט, מיט שוחד האָבן מיר נאָר געקויפט אונדזער לעבן. אונדזער גרעסטער שווינדל איז אונדזער יום־כיפורדיקער על־חטא. און אויב מיר טראַכטן אויס זינד אויף זיך איז עס נאָר כדי די מענטשהייט זאָל שוין נישט צו שולדיק און פאַרשעמט בלייבן אין די אויגן פון גאָט.

ווער עס זאָגט אַז יידן זיינען שולדיק אין פאַרברעכנס — און ווער האָט די העזה עס צו זאָגן? — יענער זאָל אויך זאָגן אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער גרעסטער פון אַלע פאַרברעכער. וואָרים: זיצט אַן אלמנה מיט יתומים אין אַ בידנעם הייזל און האָט שוין דריי מאָנאַטן פאַרן גאַז ניט באַצאָלט. און אין אַ קאַלטן וויסטן ווינטער־טאָג קומט די געזעל־שאַפט און פאַרשליסט דעם גאַז און און לאָזט דאָס אָרעמע געזינד אָן וואַרעמ־

קייט און אָן ליכט. ווער האָט די מיאוסע זאַך געטאָן? דער פּרעזידענט פון דער גאַז־געזעלשאַפט איז געזעסן אין דער היים. געטאָן האָט עס אַן אַרבעטער. און ס׳איז נאָך נישט געווען קיין איין שווערד אין אַ מלחמה, קיין איין גראַנאַט וואָס האָט אויפגעריסן קינדער אינמיטן זייער שפּיל, קיין איין קייט וואָס האָט געשמידט אַ פרייהייטס־קעמפער, קיין איין תּפיסה וואָס האָט פאַרשלאָסן אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז נישט געמאַכט געוואָרן פון די הענט מיט מאָזאָליעס.

שווער איז דער גורל פון דעם אַרבעטער, נאָך שווערער ווי דעם לוין־אַרבעטער איז אונדז. מיר האָבן געהאָלפן בויען אַלע לענדער, גע־אַקערט אין אַלע חכמות, אָפט געלייגט די ערשטע וועגן. און נישט געלוינט האָט מען אונדז נאָר געשטראָפט. ערגער ווי דעם לוין־אַרבעטערס איז אונדזער גורל, און ערגער אפילו פון דער לאַסט־חיהס. ווי די לאַסט־חיה צאָלן מיר אַ חוב וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט. נאָר די לאַסט־חיה קריגט איר הויפן היי. ביי אונדז ווערט דער הויפן אַרויסגעריסן פון די ציין מיט די ציין.

צו אַ זעגל פון אַ שיף ביסטו געגליכן, מיין פאָלק. דו זיצסט צווישן די ווינטן פון מזרח און מערב, דרום און צפון. אַלע שטורעמס שמייסן דיך, נאָר דו פירסט די שיף.

.2

וואָלטן מיר באַדאַרפט זיצן ביי אַלע וועגן און שעלטן די פאַרביי־גייער. נאָר דאָס איז די געהיימניש פון אונדזער וועזן: מיר האָבן קיינעם נישט פיינט און אַזויפיל ליב. מיר ווילן אויף קיין פאָלק נישט קיין שלעכטס. אונדז וואָס איז פאַרזאָגט געוואָרן אַן אָפּגעשניטענעם נאָגל צו שאַנעווען, ווי זאָלן מיר גערן זען מענטשן פאַרשניטן? מיר זיינען גערעכנט מיט אַ לאָגיק וואָס שטעכט אין מאַרך מיט דער שאַרפקייט פון אַ צאָנווייטיק. דאָך זאָל עמעצער אין אַלע אונדזערע ליטעראַטורן אין אַלע שפּראַכן ווייזן אַז מיר טראָגן שנאה אויף עמעצן. אפילו אין אונדזער טרויעריקסטן מאָמענט האָט אונדזערער אַ כראָניקער נישט געוואָלט פאַרשרייבן די שרעקלעכע פּרטים „כדי נישט צו פאַרשעמען דעם מין מענטש“. מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגער געשיכטע און אַ קורצן זכּרון. מיר ווילן נישט געדענקען קיין שלעכטס אויף מענטשן. ווען מיר זאָלן וועלן אַלץ געדענקען! וואָלט

געוועזן כאָטש נעם און הענג אויף אַ שלאָס אויף דער וועלט און פאַר־וואַרף דעם שליסל...

האָבן מיר געדענקט שפּאַניע אונדזער ווייטיק אין שעה פון איר נויט? אַזוי וועלן מיר אויך ניט געדענקען דייטשלאַנד. דייטשלאַנד האָט פאַר־געסן וואָס רחמנות איז. אָבער עס וועט קומען אַ צייט ווען זי וועט שרייען רחמנות. און קיינער וועט איר ניט ענטפערן פריער ווי מיר.

נאָר אונדזער שטראָם פון ליבע פליסט צווישן ברעגן פון שנאה. מיר האָבן געפלאַנצט אַ רויז און ס'איז געוועזן אין שניי...

3.

נאָר ס'איז אַ רויז וואָס קען ניט וועלקן און ניט פאַרדאַרבן. און קען ניט אַרויסגעריסן ווערן. ווי אַזוי וועלן זיי פאַרניכטן דעם יידישן גייסט אַז ער איז אַריין אומעטום אין הערצער, הייזער, לענדער, פעלקער, אַ הייליקער אויפברויז אין דער וועלט.

ס'איז מיטן יידישן גייסט ווי מיטן ים. דעם ים קען מען אפשר סוף כל סוף אויסשעפּן, נאָר וואו טוט מען אים אַהין? און מיט וואָס פילט מען דערנאָך דעם חלל אויס?

עס האָט געדויערט יאָרטויזנטער פאַרן ים זיך איינצושטילן. ער איז געלאָפן אַהין און געלאָפן אַהער ביז ער האָט ווי אַ גאַרטל אַרומגענומען די ערד. אַזוי וועט זיין מיטן יידישן גייסט. עס מאַכט ניט אויס דורך וועלכע געדרייטע וועגן, עס מאַכט ניט אויס דורך וויפיל לאַנגע דורות: מיר אַנערקענען דאָס בייז פאַר פאַראיבערגייענדיק ווי לאַנג עס זאָל ניט דויערן און דאָס גוטס פאַר אייביק ווי שפּעט עס זאָל ניט קומען.

וואָס מיר האָבן געבראַכט מיט זיך איז ניט אַ זאַך וואָס קען פאַרגיין. עס איז דער מענטשלעכער עלעמענט און ווי אַן עלעמענט איז ער ניט צום צעשטערן און אייביק פריש. אפילו ווען מיר זאָלן אונטערגיין אין גוף, עס וועט בלייבן לעבן אונדזער גייסט. ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ פּלאַטן־האַר באַשיצנדיק זיין שיף: איך האָב אָפּגעמאָסטן די טיף און איך ווייס אַז אויב מיין שיף וועט זינקען וועט מיין פאָן נאָך אַלץ פלאַטערן פון אויבן.

טיף איז אונדזער ים פון ליידן, ביז צום הימל אָבער גרייכט די מאַסט און די פאָן פון אונדזער גייסט.

ד"ר מאַקס ווײַנרײַך

פילאָלאָג און ליטעראַטור-פאָרשער. געבאָרן אין 1894, אין גאָלדינגען, לאַטוויע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1940. וויסנשאַפטלעכער דירעקטאָר פון „ייוואָ". די עסיי וועגן „די יידישע וויסנשאַפט פון דער הײַנטיקער צײַט" איז אַרויס-גענומען פונעם רעפעראַט אויף דער זעלבער טעמע וואָס ד"ר ווײַנרײַך האָט געלייענט אויף דער 15-יאָריקער קאָנפערענץ פון „ייוואָ", ניו-יאָרק, 1941.

די יידישע וויסנשאַפט אין דער הײַנטיקער צײַט

יידישע וויסנשאַפט בפרט, און יידיש בכלל, האָבן אַ גרויסע מיסיע אויסצופירן אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס איז נאָך הײַנט אַזוי צע-טומלט אַמאָרפיש. איך נאַר זיך ניט, אַז די וויסנשאַפט וועט אונדז לערנען, וואוהין צו גיין. וויסנשאַפט איז אַזוי ווי אַ קאָמפּאַס. דעם וועג קלײַבט מען זיך אויס פריער, פון אַנדערע מקורים, פון אינטערעסן און פון אומראַציאָנעלע גלוסטונגען אַרויס. אָבער ווען מיר ווייסן שוין, וואוהין מיר ווילן גיין, העלפט אונדז די וויסנשאַפט, מיר זאָלן ווייניקער בלאָנדזשען.

וואָס ווילן מיר? די גרויסע פּראָגעס פון נאַציאָנאַלן קיום וועלן מיר דאָך אַוודאי אָן וויסנשאַפט ניט קענען פאַרענטפערן. אָדער צי מיינט עמעצער, אַז אין די פּראָבלעמען ארץ-ישראל, טעריטאָריע, אויטאָנאָמיע, אַגראַריזאַציע וועלן מיר יוצא זײַן מיט די צײַטונג-אַרטיקלען וואָס חזרן איבער יאָר אויס יאָר אײַן די זעלביקע פּרוטהאַלבן אַרגומענטן: אָבער לאָמיר נעמען נאָר די עלעמענטאַרע פאָדערונגען, אויף וועלכע אַלע יידן גייען זיך צונויף: אַ מענטשישע עקסיסטענץ פאַר יידן ווי מענטשן. אַ גרויסער טייל פון אונדז שפּירט זיך דאָך באַעוולהט צוליב זייער אָפּשטאַם, אַנדערע האָבן מורא, מען זאָל זיי ניט באַעוולהען. טאָ לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס די דײַטשע וויסנשאַפט האָט אויפגעטאָן פאַר דײַטשלאַנד אין די יאָרן פון ווערסאַל ביז מינכען. די גאַנצע וועלט איז דאָך געווען אויך גייסטיק אומבאַוואָפנט בשעת היטלער האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע. קיין מאָל וואָלט דאָס ניט דערגרייכט געוואָרן, ווען די דײַטשע וויסנשאַפטלער וואָלטן ניט געמאַכט די וועלט זען, אַז מען טוט טאַקע די דײַטשן עוולות אין דרום-טיראָל און אין אונגאַרן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין יוגאָסלאַוויע. געשרייען אליין האָבן אַ קנאַפּע פעולה און ווערן גיך דערעסן, לאָמיר דאָס פאַרגעדענקען.

אָבער אפילו ווען פולע גלײַכרעכטיקייט זאָל שוין זײַן דערגרייכט און

די אַריינפּאַסונג פון יעטוועדער יידישן יחיד אין זיין סביבה אַ פאַקט, בלייבט נאָך אויך די פראַגע וועגן דער האַרמאָניע אין דער פּערזענלעכקייט פון יחיד, וועגן זיין אינעווייניקסטער באַפרידיקטקייט. איר קענט ביי מיר פּועלן, איך זאָל מודה זיין, אַז די דאָזיקע אינעווייניקסטע באַפרידיקטקייט פונעם יחיד איז טאַקע דער העכסטער ציל פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען, אַז נאַציאָנאַליטעט, מלוכה און אפילו די מענטשהייט אַליין דאַרפן באַטראַכט ווערן נאָר ווי מיטלען צום ציל פון געבן יעטוועדער יחיד דעם מאַקסימום גליק. ווי אַזוי זשע קען קומען די דאָזיקע האַרמאָניע אין דער פּערזענלעכקייט פונעם יידן. נאָר דורך דעם וואָס מיר גיבן אים דאָס געפיל, אַז ער איז ניט בעסער און ניט ערגער, נאָר אַנדערש. דאָס וואָס מיר זעען צו ביים יידישן יונגן דור אין אַמעריקע ביי היינטיקן טאָג איז דאָך אַ שרעק. מען ווייס ניט פון יידישקייט, מען האָט ניט גאָרניט פון די גוטיקייטן און טרייסטונגען וואָס ניט נאָר דער טראַדיציאָנאַלער ייד האָט געהאַט, נאָר אפילו מיר האָבן; אָבער די משא פון זיין אַ ייד טראָגן דאָך אַלע. אין בעסטן פאַל, אויב קיין שום אַקוטע קאָנפליקטן זיינען ניט געווען, ברענגט דאָס דערצו, אַז דער יונגער ייד קוקט אויף יידן ווי אויף מענטשן פון צווייטן סאָרט. אַלץ וואָס עס איז גוט אין דער וועלט האָבן לייטן געשאַפן, די בריקן און די באַנען, שעיקספּירס ווערק און מאַטעמאַטישע פאָרמולעס; און אויף וויפיל יידן האָבן אַ חלק דערין, איז אַלץ ווי יחידים וואָס זיינען אַרויס פון יידישן כלל; אָבער יידן ווי אַ כלל האָבן נאָר באַשאַפן די „ביבל" און דאָס האָבן אויך די גוים צוגענומען, ווייל ס'איז ביי זיי מער אָנגעלייגט. יידישע לעבנס-פּראָבלעמען? אַן עסק פאַר דעם „אולד מען"; יידישע ליטעראַטור? ווער קען עס לייענען די אויסגעקרימטע אותיות? עס איז אין תוך די סי־טואַציע פונעם „ניגער" — ניט פונעם נעגער, נאָר פונעם ניגער וואָס ווייסט, אַז ער לעבט נאָר מיטן חסד פון ווייסן מאַן.

דאָס איז אַלץ אין בעסטן פאַל, ווען ס'זיינען ניטאָ קיין אַקוטע פּער־זענלעכע קאָנפליקטן. טאָמער זיינען זיי יאָ דאָ, קומט אַרויס דאָס וואָס אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנער געלערנטער, ניט קיין ייד, האָט מיר פאָרמולירט בזה הלשון: מיינע יידישע סטודענטן וואַרפן זיך באַלד אין די אויגן; אָדער זיי שרייען אויף מיר, אָדער זיי זיינען אַזוי שרעקעוודיק ווי זיי וואָלטן מיר דאַנקען, וואָס איך וואַרף זיי ניט אַרויס. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען נאָר צוויי זייטן פון דעם זעלביקן פענאָמען וואָס מען קען כאַראַקטעריזירן מיטן נאָ־

מען ניט־אויסגעשטימטקייט, אומזיכערקייט אין זיך. דעם פּאַרוואָס און דעם פונוואַנען דאַרף מען ווייט ניט זוכן. ווען אַ פּאָליאַק צי אַ סלאָוואַק קומט קיין אַמעריקע, ראַנגלט ער זיך דאָ מיט די פּראָבלעמען פון גרינקייט און פון אויסגרינען זיך, אָבער אַמעריקע איז ניט ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין זיין פּוילישקייט צי סלאָוואַקישקייט. נאָר מיט אונדזער יידישקייט האָט דאָך די וועלט צו טאָן כסדר, און אַלץ איינס, צי עס גייט וועגן דרייפוס־פּראָצעס צי וועגן שחיטות אויף אוקראַינע צי וועגן געטאָבענק אין פּוילן צי וועגן די נירנבערגער געזעצן, קען דער אַמעריקאַנער יידישער יונגער־מאַן ניט אַוועק־שטעלן זיך אַזוי, אַז דאָס איז אים ניט נוגע. אויב אַנדערע פרעגן ניט, מוז ער אַליין פרעגן ביי זיך: וואָס איז דער מער מיט יידן, וואָס כסדר האָט די וועלט מיט זיי אַן עסק? און דאָ ווייזט זיך אַרויס די טראַגיק, אַז אַלץ וואָס די יידישע אינטעליגענץ ווייסט וועגן יידן איז באַהערשט פון פרעמדע אידעעס, און דאָס רוב אפילו פון פיינדלעכע אידעעס. נעמט אַ קלייניקייט, ווי אָפט מען ניצט היינט ביי יידן, אפילו ביי אונדז אין יידיש, דאָס וואָרט ראַסע אין פאַרגלייך מיט פריער. איך האָב שוין געזען יידישע יונגע־לייט פון די אָפּגעפרעמדטע, וואָס פרעגן ביי זיך: אפשר איז היטלער טאַקע גע־רעכט? עס קען דאָך ניט געמאָלט זיין אַז מען זאָל זיך אַלע יאָרן טשעפּען צו אונדז אומזיסט־אומנישט! איך ווייס פון אַ פיינעם יידישן יונגן־מאַן אין רוסלאַנד, אַ זון פון אַן אַנגעזעענעם כלל־טוער און פעטערבורג, וואָס האָט אין דער צייט פון ביילים־פּראָצעס געפרעגט ביי זיין טאַטן: וואו איז די ראַיה, אַז עס איז טאַקע ניטאָ ביי יידן קיין סעקטע וואָס ניצט קריסטלעך בלוט? אָבער אפילו אויב מיר ווען אַראָפּוואַרפן פון חשבון אַזעלכע פּאַטאָלאָגישע פאַקטן, צי איז ניט די גאַנצע יידישע אידעע פון פּראָדוקטי־וויזאַציע אָפּט מאָל באַפאַרבן מיט אַן אַנטי־יידישן קאָליר? איך קען פאַר־שטיין, ווען מען זאָגט: עס איז ניט גוט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, ווען דאָס רוב יידן זיינען שטאָטישער מיטלקלאַס; אָדער: עס איז ניט געזונט זיכער אין צייטן פון עקאָנאָמישן קריזיס, הגם אַ ייוואָ־אויספאָרשונג אין אַ יידישן דאָרף אונטער ווילנע האָט געוויזן, אַז דער אָרעמסטער קרעמער אין שטעטל מיט צוויי הונדערט גילדן פאַרמעגן האָט נאָך אַלץ געלעבט בעסער ווי אַ פּויער מיט ערד אין ווערט פון פינף טויזנט גילדן. אָבער ביי אונדז האָט מען דאָך דורך דער גאַנצער השכלה ביז פינ־סקערן און שפּעטער געמאַכט פון דעם אַ מאָראַלישע פראַגע: פּאַראַזיטיזם

האָבן דאָך אונדז יידישע שטראָפּערס אויפגעוואָרפן ניט זעלטענער ווי גויאישע, און דעם מיליאָן איבעריקע יידן אין פוילן האָבן מיר דאָך געהערט צום ערשטן מאָל פון אַ יידישן מויל. פרעגט זיך: די באַלטישע דייטשן וואָס זיינען 700 יאָר געווען הערשערס פון עסטלאַנד און לעטלאַנד, אַן אַ פויערטום און אָן אַ פּראָלעטאַריאַט, מערניט ווי פריצים און שטאָטישער מיטלקלאַס, צי האָט זיי עמעצער אויפגעוואָרפן, אַז זיי זיינען פּאַראַזיטן? וועט מען אפשר זאָגן, אַז דערפאַר האָט זיי עס היטלער אַזוי גרינג אויסגעוואָרצלט פאַראַיאָרן אין האַרבסט 1939. הייבט זיך ניט אָן: פונקט אַזוי גרינג האָט היטלער זומער 1940, ווען עס האָט אים געטויגט צו זיין פּאָליטישער שפּיל מיט רוסלאַנד, אויסגעריסן מיטן וואָרצל די דייטשן אין בעסאַראַביע, הגם זיי זיינען געווען פויערים, דאָס אייבערשטע פון שטייסל לויט יענער מאָראַליזירנדיקער אָפּשאַצונג.

די דייטשן וואָס זיינען געקומען קיין אונגאַרן אין 18טן יאָרהונדערט זיינען ביי זיך די גרעסטע יחסנים, ווייל מען האָט זיי גערופן, זיי האָבן זיך דערמיט געקויפט אייביקע רעכט, און אַ פּאַטאָלאָגישער גאון פון יידישן אָפּשטאַם, וואַלטער ראַטענוי, גייט אויף די העכסטע שטאַלצן פון התפעלות ווען ער קומט צו דער גערמאַנישער אויסשפּרייטונג איבער אייראָפּע. אָבער אַז מען האָט אונדז גערופן קיין פוילן אין פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט?

איך ווייס דעם חילוק: די דייטשן אין אויסלאַנד האָבן זיך צו שטיצן אויף דייטשלאַנד, און מיר האָבן קיינעם ניט: אָבער אַז מיר זיינען שוואַכער, דאַרפן מיר דעריבער זיין אומגערעכט ביי זיך אַליין?

אויב גוים אָדער פּאַרגוויאישטע יידן מאָלן אונדז שוואַרץ אין שוואַרץ, איז דאָס רישעות. אָבער פאַר וואָס זאָלן מיר פאַר אונדז גופא, פאַר דער פעסטיקונג פון אונדזערע אייגענע הערצער, אויף אַפּצוראַטעווען אונדזער יוגנט פון געפאַלנקייט, ניט קענען אַרויסברענגען די געהעריקע פאַקטן: אַז פרי אין מיטל־עלטער האָבן יידן געהאַט אַזאַ גרויסן חלק אין אינטערנאַציאָנאַלן מיסחר; אַז יידן האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן די אייראָפּעאישע קרעדיט־סיסטעם; אַז יידן האָבן עקספּאָרטירט רוסישע תבואה קיין דייטשלאַנד און ליטוויש געהילץ קיין ענגלאַנד און לאָדזשער געוואַנט אויף קאַווקאַז און קיין סיביר, און אַז יידן האָבן אויפגעבויט די באַקלייד־אינדוסטריע אין אַמעריקע און אַז אויב צענדליקער מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט

לאָכן און ווײַנען אַלע טאָג פאַר די בילדער אויפן לייוונט, שטעקט דאָ גאָר אין אַ גרויסער מאָס יידישער טאַלענט און יידישער קאַפּיטאַל און יידישע אַרבעט? עס גייט ניט וועגן אַפּאָלאָגיע וואָס פאַקרימט די פאַקטן: עס גייט וועגן אַרויסברענגען מיט אַ גוטן געוויסן די פאַקטן, ווי מיר זעען זיי.

ווען מיר טראַכטן אין אַזוינע טערמינען, זעען מיר, אַז דער ייוואָ איז ניט קיין שפּילכל, וואָס אַ הייפל ביכערניקעס שפּילן זיך דערמיט פון אייגענער הנאה וועגן, נאָר אַ גרויסע יידישע פאָלקס־אינסטיטוציע צו העלפן דעם כלל און דעם יחיד מיט די כלי־זיין פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

לייבוש לעהרער

עסייאיסט און שול־טעאָרעטיקער. געבאָרן אין 1887, אין וואַרשע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1909. איז דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע ביים „ייוואָ" און דער דירעקטאָר פון דער מיטלשול און פון קעמפּ בויבעריק ביים שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק.

די עסיי „רעליגיע און יידישקייט" איז אַרויסגענומען פון זיין בוך „יידישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען", פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1940.

רעליגיע און יידישקייט

רעליגיע — עס איז גאָר ניט לייכט צו זאָגן וואָס דאָס איז אַזוינס. טויזנטער דעפיניציעס פון גרויסע דענקער און געלערנטע האָבן קיין צופיל קלאָרקייט ניט אַריינגעבראַכט.

עדוואַרד סאַפּיר, למשל, זאָגט: „רעליגיע איז דעם מענטשנס אייביקע באַמיאונג צו געפינען אַ וועג צו גייסטיקער רו צווישן די בלאָנדזשענישן און סכנות פון טאָג־טעגלעכן לעבן". פאַראַן אַן אומגעהייער גרויסע צאָל דעפיניציעס וואָס לייגן דעם טראָפּ אויפן זעלביקן פּונקט. רעליגיע, קומט אויס, איז אין דער ערשטער שורה אַ ריי פּריוואַטע איבערלעבענישן. נישט די מנהגים און נישט די אינסטיטוציעס פון דער רעליגיע זיינען דער עיקר. וואָרים סוף כל סוף איז דאָך דער צוועק אַז יעדער מענטש זאָל געפינען אינערלעכע מנוחה אינעם צעטרייסלענדיקן ים פון געשעענישן. ענלעכע געדאַנקען וועגן רעליגיע געפינען מיר ביי וויליאַם דזשיימסן.

עס איז קיין חידוש ניט פאַרוואָס דענקער זאָלן אונטערשטרייכן דעם דאָזיקן פּונקט. דאָס נעמט זיך דערהויפּט דערפון וואָס זיי שטאַמען אַלע

פון דער קריסטלעכער ספערע און דאָרט איז רעליגיע טאַקע באמת קודם כל אַ סומע פון פּריוואַטע איבערלעבענישן. אפילו אונדזער אייגענער עדוואַרד סאַפּיר האָט געלעבט אין דער קריסטלעכער ספערע און זיכער געהאַט בלויז קריסטלעכע אידעען־פאַרבינדונגען, בעת דער באַגריף רעליגיע איז אים געקומען אויפן געדאַנק. ווען מיר פּרובירן אָנווענדן סאַפּירס אָדער דזשיימסעס דעפיניציע אויף דער אַלטער יידישער טראַדיציע באַמערקט מען גלייך אַז עס האָט פּשוט קיין שייכות ניט, אַז עס קלעפּט זיך ניט. וואָרים אונדזער טראַדיציע האָט קודם כל ניט צו טאָן מיט מענטשן בכלל נאָר מיט איין איינציק פאָלק. זי איז ניט קיין אויסדרוק פון פּריוואַטע געפילן נאָר אַ קאָדעקס וואָס דאַרף רעגולירן דאָס לעבן פון יידן ווי יידן. זי זוכט ניט צו פאַרזאָרגן דעם יחיד מיט גייסטיקער רו נאָר, אין דער ערשטער שורה, צו פאַרשאַרפן דאָס באַוואוסטזיין פון אונדזער אָנגעהעריקייט צו אַ היסטאָרישער גרופּע.

אין דער צייט ווען דאָס קריסטנטום איז פאַרשפּרייט געוואָרן האָבן די אייראָפּעאישע פעלקער קיין עטניש באַוואוסטזיין ניט פאַרמאָגט, זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון קולטורעלע דיפערענצירונגען. אַזעלכע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן זיינען געווען אַ פּרוכפּערדיק פעלד פאַר האָפּע־נונג, גלויבן און קולט וואָס האָבן אַפּעלירט דער עיקר צו די פּריוואַטע רעגונגען, צו די אַלגעמיינע געפילן און אימפּולסן וואָס וואָרצלען אין דער מענטשלעכער נשמה.

עס איז זייער אינטערעסאַנט צו באַמערקן — און אויף דעם ווייזט אָן דער פראַנצויזישער געלערנטער מאַסאָן־אורסעל — אַז דער ביטערער קאַמף צווישן רעליגיע פון איין זייט, און פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט פון דער אַנדערער, איז אַ ריין מערבדיקע דערשיינונג און איז ניט באַקאַנט אין אַזעלכע אַלטע ציוויליזאַציעס ווי אינדיע און כינע. ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אינעם אויפקום און אינעם גאַנג פון קריסטנטום לאָזט זיך דאָס גאַנץ גוט פאַרשטיין. די קירכלעכע דאָגמעס זיינען לכתחילה געקומען צו די אייראָפּעאישע פעלקער פון דער זייט, צי פון אויבן. זיי זיינען געוואָרן עיקרים וואָס דאָס אָרומיקע סאָציאַלע לעבן האָט ניט אַרויסגערופן. ממילא האָבן זיי ניט אָנגערירט די וואָרצלען וואָס גראָבן זיך אַריין אין דער ערד פון אינטעלעקטועלער און סאָציאַלער דערפאַרונג. די רעליגיעזע

און פֿאַרשערישע טעטיקייטן פֿון די קריסטלעכע דענקער זיינען לכתחילה געקומען פֿון באַזונדערע קוואַלן, האָבן אַרויסגעשפּראָצט פֿון אַנדערע זאָמען, ממילא זיינען אַרויסגעקומען צוויי באַזונדערע געוועבן וואָס מען האָט כסדר געדאַרפֿט בינדן און פֿאַרלאַטען עס זאָל ווערן איין גאַנצקייט.

ביי יידן, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט — און ביי די וואָס האָבן געלעבט — אין דער אייגענער ספערע, איז פּשוט קיין פּלאַץ ניט געווען פֿאַר אַזעלכע קאָנפליקטן. דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן פֿון פֿאָלק איז געווען געבויט אויף הנחות וואָס זיינען גלייך גילטיק געווען פֿאַר אַלע מאַניפֿעס־טאַציעס פֿון טעאָריע און פּראַקטיק. ערשט אין דער באַגעגעניש מיט גריכישער און גריכיש־אַראַבישער פֿילאָזאָפֿיע האָבן זיך אַזעלכע קאָנ־פֿליקטן באַוויזן. אָבער אפילו דעמאָלט זיינען אויך די פֿונקציעס פֿונעם יידישן דענקער געווען אינגאַנצן אַנדערש ווי די פֿונעם קריסטלעכן סכאָ־לאַסטיקער. דער יידישער פֿילאָזאָף איז געוואָרן אַ „מורה נבוכים”, אַ לערער פֿון די וואָס האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט, און ער האָט זיי צוריקגערופֿן ניט בלויז צו אַ דאָגמאַטישער ליניע וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר אמת, נאָר אויך צו אַ סאָציאַלער קרובהשאַפֿט, צום יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿון וועלכן זיי זיינען דערווייטערט געוואָרן צוליב די פֿרעמדע געדאַנקען.

מיט וואָסער טערמין האָבן אונדזערע זיידעס באַצייכנט זייער לעבנס־סדר? דאָס אינטערנאַציאָנאַל־פֿאַרשפּרייטע וואָרט „רעליגיע” איז אויך געווען אין זייער יידישן וואָקאַבולאַר, און דאָך האָבן זיי דערמיט בלויז אָנגערופֿן די אַרומיקע קריסטלעכע אמונה. פֿאַרן יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן האָבן זיי אַן אַנדער וואָרט געהאַט, אַ וואָרט וואָס, מיר דוכט זיך, באַראַקטעריזירט מיט זיכערער פֿאָלקלאָריסטישער קראַפֿט און טרעפֿלעכ־קייט דאָס אינווייניקסטע פּינטל פֿון יידישן שטייגער. ביי זיי איז דאָס געווען ניט רעליגיע נאָר יידישקייט.

מיט אָט דעם וואָרט ווערן לכל הפּחות דערגרייכט דריי צילן. ראשית, איז דאָס אַ וואָרט וואָס שטאַמט פֿונעם נאָמען פֿון פֿאָלק. דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן לעבן בכלל פֿון מענטש בכלל, נאָר וועגן יידישן לעבן פֿון יידישע מענטשן. דאָס איז לכתחילה געלעגן אינעם סאַמע פּלאַן פֿונעם דאָזיקן קולטור־פּראָדוקט. די גאַנצע

געביידע איז פון אַנהייב אָן געשטעלט געוואָרן מיטן אויסקוק צו באַדינען באַשטימטע צילן וואָס וואַקסן אַרויס פון די סאָציאַלע סיטואַציעס פון אַן עטנישער און היסטאָריש־פּאָרוועבטער גרופּע. שנית, מיר האָבן דאָ פּאָר זיך איין איינציק וואָרט. ווען מען באַנוצט אַ הויפּטוואָרט מיט אַ קוואַלי־פיצירנדיקן אַדיעקטיוו ווערט שוין דאָס באַוואוסטזיין צעשפּאָלטן אויף צוויי באַזונדערע אַספּעקטן. ווען איך זאָג „יידישע רעליגיע" האָב איך אין זינען אַ צווייג פון אַן אַלגעמיינעם בוים. דאָס יידישע איז דעמאָלט בלויז איין מעגלעכע זייט פון רעליגיע בכלל. אָבער דאָס איינציקע וואָרט, יידישקייט, דערלאָזט ניט אַזאַ שפּאַלטונג. עס איז אַ באַשטימטע איינס וואָס איז אַן אָרגאַניזם אין זיך אַליין, פּונקט ווי דאָס לעבן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר. דריטנס, דאָס איין איינציקע אַבסטראַקטע הויפּטוואָרט איז ניט קיין קאָלעקטיווער נאָמען פאַר אַ סך פּרטים פון אינווייניקסטן יידישן לעבן נאָר סינטעטיזירט אַלע שאַטירונגען און ניואַנסן פון דער טראַדיציע אין איין קוואַליטאַטיווער פאָלקישער גאַנצקייט. פּונקט ווי, למשל, העפ־לעכקייט דריקט אויס אַלע מעגלעכע אופנים פון זיין העפלעך, אַזוי אויך יידישקייט נעמט אַרום אַלע פאָרמען פון זיין יידיש.

אַ ייד וואָס איז געטריי דעם יידישן טראַדיציאָנעלן סדר, יידישקייט, איז ניט בלויז אַ פרומער ייד נאָר דער עיקר אַן ערלעכער ייד. זיין לעבן ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַן עטישער קוואַליטעט וואָס האָט קנאַפּ וואָס צו טאָן מיטן ריין רעליגיעזן באַוואוסטזיין. ער איז אויף דער זעלביקער מדרגה ווי אַ וואוילער, אַן אָנשטענדיקער מענטש. דערמיט ווערט יידישקייט אַרויסגענומען פון דער ריין רעליגיעזער קאָנצעפּציע. אַזאַ ייד איז אַן ערלעכער ייד, ווייל ער דריקט אויס אין זיין לעבן געטרייִשאַפט צו אַ גרופּע, צו אַלע פריידיקע און צערפולע מאָמענטן פון איר לעבן, צו איר גאַנצן היסטאָרישן דרך. אָט דאָס איז שוין אַן עטישע כאַראַקטעריסטיק ביי מענטשן, און דאָס איז אויך געווען די כאַראַקטעריסטיק פון די וואָס האָבן אָפּגעהיט יידיקייט.

אין די אַלט־אַלטע עפּאָכעס פון אונדזער געשיכטע האָבן אונדזערע אור־עלטערן פאַרנומען אַ לאַנד אויף די מזרח־ברעגן פון מיטללענדישן ים און עס אַ נאָמען געגעבן ארץ־ישראל. זייערע אייניקלעך, אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, האָבן אין זייער פיזישער צעשפּרייטקייט איבער

דער וועלט זיך באַזעצט אויף אַן אייגן־געשאַפענער גייסטיקער ערד, און איר אַ נאָמען געגעבן יידישקייט. און פּונקט ווי ארץ־ישראל קען ניט אויסגעשעפּט ווערן מיט אַזאַ וואָרט ווי „געאָגראַפיע", אַזוי, און נאָך אַ סך מער, איז פאַלש צו באַצייכענען יידישקייט מיט „רעליגיע". יידישקייט איז אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע סיסטעם וואו קיום האומה איז דער פירנדיקער מאָטיוו.

צביון

עסייאיסט. ריכטיקער נאָמען: בן־ציון האָפמאַן. געבאָרן אין 1874, אין דאָרף קרוג, לעבן בויסק, לעטלאַנד. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1908. וואוינט אין ניו־יאָרק. ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און רעדאַקטאָר פון דער חודש־שריפט „גערעכטיקייט" (אָרגאַן פון דער „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן").

„דער עיקר איז וואָס מיר בלייבן אַנדערש" איז אַ קיצור פון צביונס עסיי „יידן און יידישקייט", וואָס איז געוועז געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" (מערץ, 1945).

דער עיקר איז וואָס מיר בלייבן אַנדערש

מען האָט פּרובירט געבן פאַרשידענע דעפיניציעס וועגן דעם באַגריף נאַציע און באַשטימען אירע סימנים. אָבער מען האָט אויסגעפונען אַז עס זיינען ניטאָ אַזעלכע סימנים וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו אַלע נאַציעס. מען האָט, למשל, געוואָלט באַשטימען אַז די סימנים פון אַ נאַציע זיינען אַן אייגענע שפּראַך און אַן אייגן לאַנד. עס זיינען אָבער פאַראַן נאַציעס, וואָס האָבן ניט קיין אייגן לאַנד און קיין אייגענע שפּראַך. איך גלויב דעריבער, אַז די בעסטע דעפיניציע איז, אַז אַ נאַציע איז אַ גרופּע מענטשן מיט אַ געמיינשאַפטלעכער געשיכטע, וועלכע איז אַנדערש פון אַנדערע גרופּעס.

די אַנדערשקייט איז דער וויכטיקסטער סימן, גאַנץ גלייך אין וואָס די אַנדערשקייט דריקט זיך אויס.

יידן האָבן אַ סך זאַכן מיט וואָס זיי זיינען אַנדערש פון אַנדערע פעלקער און ווי לאַנג זיי וועלן זיין אַנדערש וועט עקזיסטירן דאָס יידישע

פאָלק. עס מאַכט ניט אויס וואָס אויך די אַנדערשקייט אונדזערע ענדערט זיך. דער עיקר איז וואָס מיר בלייבן אַנדערש.

איך גלויב ניט אין דער פולשטענדיקער אַסימילאַציע פון יידישן פאָלק, הגם אַ ביסעלע אַסימילאַציע האָבן מיר שטענדיק. אַמאָל איז דאָס ביסעלע גרעסער און אַמאָל קלענער, אָבער יעדער פון אונדז איז אַ ביסעלע אַסימילירט און עס איז גוט אַזוי. אַלע אסימילירן זיך צוביסלעך, ניט בלויז יידן. ווען פעלקער לעבן נאָענט איינע מיט די אַנדערע, נעמען זיי עפּעס איבער איינע פון די אַנדערע. איך גלויב אָבער ניט, אַז יידן קענען זיך אינגאַנצן אַסימילירן, בפרט וואו זיי לעבן אין גרעסערע מאַסן. עס זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָל אורזאַכן, וואָס דערלאָזן עס ניט, און אויב היסטאָריע לערנט אונדז עפּעס, דאַן לערנט אונדז די יידישע היסטאָריע פריער ווי אַלץ, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיך נישט קיין שום נייגונג צו פאַרשווינדן, נאָר פאַרקערט, עס וואַקסט און ווערט שטענדיק גרעסער.

ווען יידן וואָלטן געבליבן אין זייער לאַנד, וואָלטן זיי אפשר אונטערגעגאַנגען צוגלייך מיט אַנדערע אַמאָליקע פעלקער זייערע שכנים. ארץ־ישראל וואָס איז געווען אַ דורכגאַנגס־לאַנד פאַר אַלע מלחמות אין דעם נאָענטן מזרח, איז ניט געווען קיין גינסטיקער פלאַץ צו לעבן און זיך צו אַנטוויקלען. דורך דעם וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן אַלעמאָל אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן געהאַט אַן אָרט, אין איין לאַנד אָדער אַ צווייטן, וואו זיי האָבן געקענט לעבן מער אָדער ווייניקער זיכער און פאַרזעצן די עקזיסטענץ פון זייער פאָלק.

אָבער איך וויל ניט אָוועקשטעלן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אויף איין עיקר. בלויז אַזאַרט־שפּילער שטעלן אַלץ אויף איין קאָרט. עס זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי אורזאַכן, וואָס האָבן געווירקט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל בלייבן לעבן און וואַקסן. די אַלע אורזאַכן צוזאַמען, טייל פון זיי מער, אַנדערע ווייניקער, — האָבן געשאַפן אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביי די יידן. און איך וואָלט זאָגן, אַז אויף דער פראַגע „ווער עס איז אַ ייד", איז דער בעסטער ענטפער, אַז ווי לאַנג איינער פילט, אַז ער איז אַ ייד איז ער אַ ייד.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער עלעמענט פון באַוואוסטזיין מוז האָבן עפּעס פון וואָס זיך צו שפּייזן. אָבער די זעלביקע אורזאַכן, וואָס האָבן אָט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אַרויסגערופן ביי יידן, עקזיסטירן

נאָך צום גרעסטן טייל און אויב זיי האָבן זיך אין פאַרלויף פון יאָרן באַ־דייטנדיק געענדערט, זיינען זיי אָבער דאָך פאַראַן. פּאַקטיש זיינען די ענדערונגען געווען מער אין פאָרם ווי אין אינהאַלט. די יידישע געשיכטע איז נאָך היינט די זעלביקע פאַר אַלע יידן; די יידישע רעליגיע מיט אַלע אירע ענדערונגען איז אין גרונט נאָך אַלץ די זעלביקע און אַזוי איז עס אויך מיט דער יידישער קולטור און צו אַ גרויסער מאָס מיט דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

דאָס לעבן פון פעלקער גייט ניט אויף דעם וועג פון דער טאָג־טעג־לעכער לאָגיק, ווייל פעלקער לעבן ניט מיט דעם טאָג, נאָר היסטאָריש. און געוויס קען די טאָג־טעגלעכע לאָגיק ניט צוגעפּאַסט ווערן צו דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק. לויט אַלע געזעצן פון דער טאָג־טעגלעכער לאָגיק און לויט דער טאָג־טעגלעכער קלוגהייט פון פּראַקטישע מענטשן האָט דאָס יידישע פאָלק שוין לאַנג ניט געדאַרפט עקזיסטירן. ניטאָ קיין איינ־ציקע לאָגישע און פּראַקטיש־שכלדיקע אורזאַך פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן לעבן און איז אויך געוואָקסן.

ווען דאָס לעבן פון דעם יידישן פאָלק וואָלט געגאַנגען אויף דעם גלייכן וועג פון דער טאָג־טעגלעכער לאָגיק, דאַן וואָלט מען אַלעמאָל ניט נאָר לייכט געקענט פאָראויסזאָגן, נאָר אויך לייכט טרעפן וואָס עס וועט זיין די צוקונפט זיינע.

עס זיינען געווען קלוגע מענטשן און לאָגישע מענטשן, אויך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, האָט אָבער ווער פון זיי דאַן געקענט פאָראויס־זאָגן, אַז אַרום 7־8 מיליאָן יידן אין דער וועלט וועלן ריידן יידיש? האָבן זיי דאַן געקענט פאָראויסזאָגן, אַז אַמעריקע וועט האָבן מער יידן ווי וועלכע ס'איז אַנדער לאַנד?

און צו וואָס דאַרף מען גיין אַזוי ווייט צוריק ווי 200 יאָר? אָט פּרובירט אַ בלעטער טאָן דאָס וואָס קלוגע און לאָגישע מענטשן האָבן גע־שריבן מיט 50 יאָר צוריק וועגן דער צוקונפט פון יידן אין אַמעריקע. ווען זיי וואָלטן געטראָפן מיט זייערע פאָראויסזאָגונגען, וואָלט איצט אין אַמעריקע אַ יידישער ייד אפילו אויף אַ רפואה ניט געווען.

אמת, עס איז פאַראַן אַן אורזאַך פאַרוואָס זיי האָבן ניט געטראָפן. זיי האָבן ניט פאָראויסגעזען, אַז אין אַמעריקע וועלן אַריינשטראָמען אַזוי־פיל יידן, און אַז אין דעם יידישן לעבן אין אַלע לענדער וועלן פאָר־

קומען אַזעלכע גרויסע און טיפע ענדערונגען. אָבער עס קענען דאָך אויך פאָרקומען פאַסירונגען אין די נעקסטע פּאָר צענדליק יאָר, וואָס די היינטיקע לאָגישע מענטשן קענען ניט פאָראויסזען.

ווען מיר ריידן וועגן דעם אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק, איז ביי מיר די ערשטע פראַגע: ווען? דאָס איז אַ העכסט־וויכטיקע פראַגע.

איך האָב פאַראַיאָרן ווינטער באַזוכט אַ סעריע לעקציעס פון איינעם אַמעריקאַנער באַרימטע פיזיקער. זיי האָבן אין זייערע לעקציעס באַהאַנדלט די נייע טעאָריעס פון פיזיק און פיזיקאַלישער כעמיע, און די גרויסע רעוואָלוציע וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. איינער פון זיי האָט אין זיין לעקציע פּרובירט אויסרעכענען ווי אַלט עס איז די ערד און אונדזער זונען־סיסטעם און ווי לאַנג אונדזער ערד און די וועלט אין אַלגעמיין, קען זיך האַלטן. דער פּראָפעסאָר באַלאַנגט גראָד צו דער גרופּע פיזיקער אין אַמעריקע, וואָס גלויבן אַז די וועלט מוז אַמאָל אונטערגיין.

איך האָב זיך צוגעהערט צו די אַרגומענטן פון דעם פּראָפעסאָר און זיינע באַווייזן און זיי זיינען פאַר מיר געווען שטאַרק איבערצייגנדיק. עס איז קלאָר, אַז די וועלט מוז אונטערגיין. אָבער איך בין דאָך געבליבן גאַנץ רואיק. איך בין געווען זיכער אַז דער פּראָפעסאָר וועט ענדלעך אַרויסקומען מיט אַ טרייסטוואָרט און וועט זאָגן: אַז דערווייל דאַרף מען זיך ניט באַאומרואיקן וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט, ווייל אַ פּאָר ביליאָן יאָר קען זי זיך סיי ווי סיי האַלטן.

נו, איך ווייס ניט אויב דאָס יידישע פאָלק קאָן זיך אַזוי לאַנג האַלטן. אָבער ווען מען רעדט וועגן דעם אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק, דאַרף מען דאָך אָנגעבן אַ טערמין ווען דער אונטערגאַנג וועט פאָרקומען — וועט עס זיין אין הונדערט יאָר אַרום, אין 500 יאָר, אין 1000 יאָר אָדער עטלעכע טויזנט יאָר?

ווען מען זאָגט מיר, למשל, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט אונטערגיין אין אַמעריקע, פרעג איך: „ווען?" אויב שוין אין 25 יאָר אַרום, דאַן איז עס שלעכט, ווייל איך קען אין אַזאַ פאַל דעם אונטערגאַנג נאָך אפשר זען מיט מיינע אייגענע אויגן. אויב אָבער אין 500 יאָר אַרום, דאַן איז שוין קיין בייז ניט. און אויב אין 5000 יאָר אַרום, וואָלט איך שוין אפילו אַ הייסן יידישן נאַציאָנאַליסט קענען ווי עס איז טרייסטן.

די לאָגיק איז ווייט ניט אַזוי זעלבסטשטענדיק, ווי מיר שטעלן זיך איר פאָר. אין דער אמתן גייט אויך די לאָגיק אין דעם וועג וואָס דער וואונטש הייסט איר. און ווען מען רעדט דעריבער וועגן דעם אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק אָדער פון יידיש, דאַרף מען דערביי אויך שטעלן די פראַגע: ווילן מיר אַז יידיש, אָדער דאָס יידישע פאָלק זאָל אונטערגיין אָדער ווילן מיר ניט?

מיר האָבן איצט איין אויפגאַבע: מיר דאַרפן העלפן צוריק אויפבויען דאָס חרוב געוואָרענע יידישע לעבן. איך גלויב אין דעם לעבנס־כוח פון דעם יידישן פאָלק. עס איז אַ פאָלק וואָס וויל לעבן און קען לעבן. איך ווייס ניט וויפיל יידן עס זיינען איבערגעבליבן אין אייראָפּע נאָך היט־לערס אכזריותדיקע אויסראָטונגען, אָבער איך ווייס, אַז ווען עס זיינען נאָר איבערגעבליבן אַ ביסל יידן, איז די ערשטע אַרבעט זייערע צוריק אויפצובויען דאָס יידישע קולטורעלע לעבן. און ווען מיר וועלן זיי העלפן וועט דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע צוריק אויפגעבויט ווערן.

איך בין אָפּטימיסטיש גענוג צו גלויבן, אַז מיר וועלן נאָך דער מלחמה האָבן אַ בעסערע וועלט און אַ גערעכטערע און אין אַ בעסערער און גע־רעכטערער וועלט וועט די יידישע עקזיסטענץ ווערן לייכטער און זיכערער.

א[ברהם] גאָלאָמב

פעדאַגאָג און עסייאיסט. געבאָרן אין 1888, אין ליטע. זיך פאַרנומען מיט טעאָרעטישע און פּראַקטיש־פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין פּוילן, ארץ־ישראל און אין קאַנאַדע. איצט איז גאָלאָמב דער אָנפירער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין מעקסיקאָ.

„יידישער קיום אין אַמעריקע" איז אַ קיצור פון גאָלאָמבס אָפּהאַנדלונג „יידיש־קייט און דער יידישער קיום", געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „צוקונפט", אויגוסט, 1944.

יידישער קיום אין אַמעריקע

איטלעכער מענטש לעבט אין די ראַמען פון זיין פאָלק און געניסט פון די פּריווילעגיעס, וואָס זיין פאָלק האָט זיך דערוואָרבן ווי אַ פאָלק. דער קאָסמאָפּאָליטיזם איז פשוט זייער באַאיוו פאַרשטאַנען געוואָרן פון אַסימילאַציע־גיריקע יידן. די וועלט איז פאָרט צעטיילט אויף פעלקער. היטלערס נאַציזם באַווייזט נאָר, אַז פּרינציפּן וואָס מענטשן נוצן ניט אויס

מענטשלעך, קומען שדים און נוצן דאָס אויס פאַר זיך. אויב היטלער עסט, הייסט עס דען אַז עסן איז היטלעריזם? פּונקט אַזוי ווערט דער געזונטער נאַציאָנאַליזם ניט אָפּגעפרעגט פון היטלערס נאַציזם. און נאָר יידישע פאַרגליווערטע אַסימילאַטאָרן נוצן אויס דעם היטלעריזם כדי צו באַווייזן אַז נאַציאָנאַלער פּרינציפּ איז פּסול בכלל. קיין מענטש קען ניט האָפן אָפּצוהיטן זיינע מענטשלעכע רעכט אויב עס זיינען ניט באַוואָרנט די זעלביקע רעכט פון זיין פאָלקס-קאָלעקטיוו. מוזן די אינטערעסן פון פאָלק אָרגאַניזירט געטראָגן ווערן פון די יחידים פון פאָלק. דער יידישער כלל אָבער אין אַמעריקע האָט ניט קיין שום צוואַנג-אָרגאַניזאַציע איבער זיינע מיטגלידער.

אונדזער אַמעריקאַנישקייט, אונדזער צוקונפט אין אַמעריקע וואָלט געווען ניט אין פאַרגלייך פעסטער און שטאַנדהאַפטיקער ווען מיר וואָלטן פאַרשטאַנען צו פאַרפעסטיקן אונדזער יידישקייט אין אַמעריקע. מיר זיינען אַ פאָלק און בלויז ווי אַ יידיש פאָלק וועלן מיר קענען האָבן אַ קיום אין אַמעריקע און אין דער וועלט. אונדזער אַמעריקאַנישקייט האַלט זיך אויף דעם פונדאַמענט פון אונדזער יידישקייט.

אָבער וואָס איז פאָלק? — דער וויכטיקסטער פון אַלע סימנים איז די געמיינזאַמקייט פון שטייגער לעבן. די געמיינזאַמע און איינגעוואָרצלטע פאָרמען און נאָרמען פון לעבן — זיי זיינען דער סאַמע ערשטער אָנהייב פון אַלע אַנדערע און ווייטערדיקע סימנים.

אַנדערע פעלקער קענען אַרויפצווינגען אויף אַלע יחידים די נאַציאָנאַלע אַקטיווקייט, מלוכה, געזעץ, געריכט, פּאָליצײ — דאָס זיינען אַלץ פאַקטאָרן פון צוואַנג. מיר פאַרמאָגן ניט אַזאַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, איז אונדזער יידישקייט הפקר און אין דעם ליגט די גרויסע סכנה פאַר אונדזער קיום: אָן יידישקייט איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירטער יידישער קיבוץ און ווי אַ ניט אָרגאַניזירטע מאַסע וועלן מיר אין די בעסטע פּאָליטישע סיטואַציעס ניט אויסהאַלטן די אָנגריפן אויף אונדז.

„אַמעריקאַניזאַציע" איז אַ נאַרישער און שעדלעכער ליגן: עס איז גאָר ניטאָ קיין איינהייטלעכע אוניפיצירטע אַמעריקע. עס זיינען פאַראַן אַ גאַנצע ריי אַמעריקעס — גרופּעס וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט און לעבן פאַר זיך, איטלעכע אין איר טראַדיציע: די אַמעריקע וואָס ציט איר יחוס פון די פּוריטאַנער איז לגמרי ניט די וואָס שטאַמט פון די פּלאַנטאַ-

טאָרס פון די דרום־שטאַטן, און זיי ביידע זיינען לחלוטין אַנדערש ווי די וואָס ציט איר טראַדיציע פון די לויפער נאָך גאָלד א.אַז״וו. פעלקער און טראַדיציעס שמעלצן זיך ניט צונויף אין עפּעס אַ געשמעלץ ווי טויטע מעטאַלן.

די לעגענדע וועגן „אַמעריקאַניזאַציע" האַלטן אונטער בלויז די וואָס ווילן פּטור ווערן פון יידישקייט. אמתע אַמעריקאַניזאַציע וועט פאַר אונדז קענען קומען ווען מיר וועלן זיין ניט אונטערטעניק צו אַמעריקעס וואָס אַנדערע שאַפן לויט זייער בילד און לויט זייער גלייכעניש, נאָר ווען מיר וועלן אויך אין אַמעריקע אויסבויען אַ יידישע אַמעריקע לויט אונדזער בילד און גלייכעניש — לויט אונדזער גייסט און אונדזערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס. אַלע „אַמעריקאַניזירונגען" וואָס דאַרפן גיין דורך צופּאַסן זיך און די קינדער צו פאַרמען און נאָרמען וואָס זיינען געשאַפן דורך אַנדערע פעלקער, אַלע זיי פלאַנצן איין און מוזן איינפלאַנצן אין דורות יידן אַ געפיל פון סובאָרדינירטקייט, פון מאָראַלישער פאַרשקלאַפטקייט.

ארץ־ישראל איז געוויס אַן ענטפער אויף אַ סך פּראָבלעמעס, אַ משפחה דאַרף האָבן אַ היים. אָבער אויב אַ צונויפגעלאָף פון מענטשן זאָל קריגן די בעסטע דירה, וועט עס דען ווערן אַ משפחה? און בפרט אַז כדי צו קריגן ארץ־ישראל מוז זיין אַ פאָלק. בראשית — פריער פאַר אַלץ מוז זיין אַ פאָלק — אַ קאָלעקטיוו מענטשן וואָס זיין לעבנסשטייגער איז איינהייטלעך און אויסגעהאַלטן אין המשכדיקייט.

אַן יידישקייט איז ניטאָ קיין יידיש פאָלק, און אַן אַן אָרגאַניזירטן און אין לעבנס־פאָרמען צעמענטירטן יידישן פאָלק איז דאָס לעבן און די צו־קונפט פון איטלעכן יידן באַזונדער לגמרי ניט זיכער און ניט פאַרזיכערט אפילו ווען אין אַמעריקע וואָלט לחלוטין ניט געווען קיין אַקטיווער יידן־האַס. און יידישקייט קען איינגעפלאַנצט ווערן נאָר דורך צוויי וועגן: א) דורך באַוואוסטזיניקע און פרייוויליקע איינפירונג פון יידישן שטייגער אין די היימען מיט דער בפירושער כוונה אַריינצופלעכטן זיך אין המשך פון פאָלקס לעבנסגאַנג און מיט פאַרעקשנטן ווילן אויסצומיידן אַלץ וואָס שטאַמט פון פרעמדער טראַדיציע; ב) דורך דערציאונג און לערנען.

מיט דעם וויסן וועגן יידישקייט קען מען קיין ייד ניט ווערן. מיט דעם טיפסטן שטודיום וועגן לעבן פון די כינעזער ווערט מען נאָך אַלץ ניט קיין כינעזער; אָן אַ לעבעדיקער תורה, אָן פראַקטישער יידישקייט אין

טאָג־טעגלעכן לעבן איז מען ניט קיין ייד, און — דער עיקר — מען קען קיין יידן ניט אויסהאָדעווען בשום אופן.

און איצט בנוגע צו דער שול־דערציאונג: אַלע וואָס רירן זיך צו צו דער הייליקער אַרבעט, מוזן ווי מיט האַמערס זיך אַריינשלאָגן אין די מוחות, אַז: מיר לעבן ניט אין קיינעמס זכות און מיט קיינעמס רשות; — מיר האַלטן זיך און וועלן זיך האַלטן נאָר מיט אונדזערע אייגענע מאַ־ראַלישע כוחות ווי אַ פֿאָלק אין זכות פון אונדזער אייגענעם קיום און ווילן צו לעבן, מיט אונדזער אייגענער קאָלעקטיווער אחריות און קאָלעקטיוון גורל — אומעטום און אויך אין אַמעריקע. דאָס איז איינס.

און צוויי — ניט ס׳הארץ און ניט די לונגען קענען ניט האָבן קיין קיום אויסער דעם אָרגאַניזם — ניט העברעאיש און ניט יידיש ווי שפּראַכן אָן יידישן אינהאַלט, פאַר זיך אַליין, קענען קיין יידן ניט אויסהאָדעווען, קיין יידישקייט ניט איינהאַלטן. אויך ניט דאָס גוט וויסן די יידישע גע־שיכטע. אַ ייד דאַרף וויסן יידישע געשיכטע, אָבער מיטן וויסן די גע־שיכטע ווערט מען ניט קיין ייד.

ניט רעכט און גוטע פּאַפּירענע געזעצן פון גוטהערציקע הערשער איז דער אידעאַל וואָס דאַרף געפּלאַנצט ווערן, נייערט אַ ווילן און גלויבן אין דעם אייגענעם קאָלעקטיוון פאַר־זיכיקן לעבן.

אבא גאָרדין

עסייאיסט. געבאָרן אין 1887, אין שטעטל מיכאַלישעק, ניט ווייט פון ווילנע. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1926. וואוינט אין ניו־יאָרק. גרינדער פון דער „יידיש־עטישער געזעלשאַפט". רעדאַקטאָר פון דעם פערטל־יאָר־זשורנאַל „יידישע שריפטן".

די עסיי, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַרויסגענומען פון גאָרדינס בוך „מאָראַל אין יידישן לעבן", אַרויסגעגעבן פון קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג פון דער יידיש־עטישער געזעלשאַפט, ניו־יאָרק, 1940.

דער צדיק אין סדום

דער חומש הויבט ניט אָן מיט דער יידישער נאַציע, מיט דער פאַר־מירונג פון פאָלק ישראל. דער חומש עפנט זיך מיט דער באַשרייבונג פון וועלט־ און מענטש־באַשאַף. אדם, אַ מענטש ווערט באַשאַפן. פון אים

וועט אָפּשטאַמען די גאַנצע מענטשהייט, אַלע פעלקער, ניט בלויז איין פאָלק, אַ יחסן־פאָלק.

אָבער די מענטשן פירן זיך ניט אויף ווי עס באַדאַרף צו זיין. זייערע מעשים זיינען פאַרדאָרבן. אַ מבול קומט אויף דער וועלט. אַ פאַרפלייצונג וועט אָפּמעקן פון דעם פנים פון דער ערד דאָס גאַנצע פאַרשאָלטענע מענטשן־געזינדל. דאָס איז דער גזר, דער אומברחמנותדיקער אורטייל פון דעם וועלט־באַשעפער, וואָס זיין באַשאַף איז אים ניט געפעלן און ער האָט חרטה אויף זיין גאַנצער טואונג, וואָס ער האָט געטאָן.

אָבער די גזירה ווערט ניט דורכגעפירט אין איר גאַנצער — הגם גערעכטער, כשר־פאַרדינטער — גרויזאַמקייט. פאַרוואָס? — עס איז דאָ אַן אָפּהאַלט, אַ צדיק האָט זיך אָפּגעזוכט. איין צדיק אין יענעם דור פון רשעים.

דער צדיק הייסט נח. דער צדיק מיט זיין פאַמיליע ווערט געראַטעוועט פון מבול און פון אים הייבט זיך אָן פונדאַסניי דער ווידערגעבורט פון דער מענטשלעכער ראַסע. אין זכות פונעם צדיק ווערן אויך ניצול די בהמות, די חיות און די עופות.

איין צדיק לייזט אויס די גאַנצע וועלט. די גוטסקייט פון איין גוטן מענטש וועגט אַריבער אויף די וואָגשאָלן פונעם רבונו של עולם דאָס גאַנצע שלעכטס פון דער שלעכטער מענטשהייט.

מיט אָט דעם מבול אין נח־מיטאָס ראַטעוועט דער חומש די אויפ־גאַבע וועלכע ער האָט זיך געשטעלט. עס ווערט קלאָר דער ריכט־שנור פונעם ספר הספרים.

דער חומש איז איינגעגלויבט אין זיינע כוחות. אָבער ער באַגרייפט די שוועריקייטן, וועלכע ער וועט באַגעגענען אויף זיין לאַנגן וועג צום ענדגילטיקן נצחון.

אמת, די וועלט איז טאַקע שלעכט. אמת, די מענטשן זיינען שלעכט. אָבער איין צדיק, בלויז איין צדיק וועט מען נאָך קענען אויסזוכן.

און דער חומש פאַרקלענערט זיינע פאָדערונגען, פאַרשמעלערט זיינע דערוואַרטונגען. ער באַנוגנט זיך מיט ווייניקער, ער גייט אַראָפּ פון ברייטן שליאַך פון דער מענטשהייט־אידעע און פאַרקערעוועט זיך אין שמאָלן

געסל פון נאַציע. דער חומש וועט זיך צופרידן שטעלן דערמיט, וואָס ער וועט שאַפן אַ פאָלק, אַ צדיק, איין צדיק, וועלכער וועט מכפּר זיין אויף די עבירות פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, אַ פאָלק וואָס וועט מיט זיין צדקות אויסקויפן די רשעות פון דער גאַנצער מענטשהייט.

נח איז דער צדיק פון זיין דור, וואָס אין זיין זכות ווערט די מענטש־הייט געראַטעוועט פון פאַרניכטונג. דאָס פאָלק ישראל איז דער צדיק פון אַלע דורות און עס וועט ראַטעווען די מענטשהייט פון פאַרטיליקונג.

און דער חומש נעמט זיך מיט גרויס פלייס דורכצופירן זיין אויפגאַבע, אויסצוקריסטאַליזירן אַ מוסטער־פאָלק.

ער פירט אַרויף אויף דער סצענע אברהמען. אברהם איז ערלעך, אָרנטלעך, אויפריכטיק. אברהם איז די בענטשונג פון אַלע מענטשנקינדער.

אברהם שטעלט זיך איין פאַר סדום. ער וויל ראַטעווען אפילו סדום. ער טענהט זיך אויס און דינגט זיך מיטן רבונו של עולם. אַ גאַנצע פּרשה דינגעניש איז אָנגעשריבן מיט גרויס טאַלאַנט, מייסטערהאַפט. אברהם הויבט אָן מיט גאָר אַ הויכן פּרייז:

אין פאַל אין סדום זיינען פאַראַן פופציק צדיקים, ניט שוין־זשע וועט גאָט אומברענגען די שטאָט, אַזוי אַז די גערעכטע מיט די אומגערעכטע זאָלן אומקומען? „שיקט זיך עס, אַז דער ריכטער פון דער וועלט זאָל ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?"

גאָט גיט צו, אַז אויב עס וועלן זיך געפינען פופציק צדיקים וועט ער פאַרגעבן דער שטאָט אַלע אירע זינד צוליב די פופציק גוטע מענטשן.

אברהם ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיין פופציק לייטישע מענטשן וועט ער אין סדום בשום אופן ניט געפינען. די צאָל פופציק האָט ער אָנגעבאָטן בלויז דערפאַר, וואָס עס איז אַ הויכער פּרייז פון וועלכן גאָט וועט שווער זיין זיך אָפּצוזאָגן. און איצט איילט אברהם באַרג־אַראָפּ מיט די פּרייזן. ער פרעגט: און אויב עס וועלן פעלן פינף צו דער צאָל פופציק, שיקט זיך עס, אַז דו זאָלסט אומברענגען אַ שטאָט צוליב פינף?

וויבאַלד פופציק ראַטעווען די שטאָט און עס פעלן בלויז פינף צו די פופציק, קומט דאָך אויס אַז אַ שטאָט גייט אונטער מחמת פינף צדיקים, וועלכע זיינען ניטאָ.

אין אָט דעם גייסט ווערט געפירט דער וויטערדיקער וויכוח מכוח דעם פּרייז פון צדקות וואָס די שטאָט סדום דאַרף באַצאָלן פאַר איר רשעות, כדי זיך אויסצוקויפן פון אַ באַשטימטער שטראָף.

אָט די דינגעניש־פּרשה איז אָנגעשריבן מיט דער אייגענער כוונה און טענדענץ, וועלכע איז בולט אין דער פּרשה נח.

סדום וואָלט ניט אונטערגעגאַנגען ווען זי פאַרמאָגט אַ צדיק. דער חומש באַגרייפט גאַנץ גוט אַז די וועלט, די מענטשהייט איז אַ סדום און ער שטעלט זיך די אויפגאַבע צו קולטיווירן אַ פאָלק אַ צדיק, אַ הייליק פאָלק, בכדי צו ראַטעווען די סדום׳שע מענטשהייט פון אומקום.

דער חומש פאַרלאָזט, נאָך עטלעכע דורכפאַלן, מיט פאַרדראָס און מיט עגמת־נפש די ברייטע האָריזאָנטן פון אוניווערסאַליזם און באַנוגנט זיך מיט די ענגע פּערספּעקטיוון פון „נאַציאָנאַליזם“. דער חומש באַמיט זיך אויס־צוגעשטאַלטן אַן עטישן נאַציאָנאַליזם, צו שאַפן אַ „קיניגרייך פון כוהנים“, אַן „עם קדוש“, וואָס וועט מיט זייערע מצוות דאַרפן אַריבערוועגן די עבירות פון דער סדומשער מענטשהייט.

אויף דעם נאָכגיב גייט אײַן דער חומש מחמת נויט, ווייל ער קען זיך ניט העלפן. זיינע פּלענער פון אַן אַלמענטשהייט האָבן געליטן אַ פיאַסקאָ, אָבער פונדעסטוועגן האַלט דער חומש ניט דעם צושטאַנד פון נאַציאָנאַליזם אפילו פון עטישן נאַציאָנאַליזם, פאַר זיין ענדציל. דער ענדציל בלייבט ווי געווען: אויפצוריכטן אַ לייטישע מענטשהייט.

אין די רייד פון אונדזערע נביאים שיינט מיט העלן ליכט דער גאָר לכתחילהדיקער, בראשיתדיקער אַלץ־אַרומנעמענדיקער אוניווערסאַליזם פון די ערשטע פּרשות פון ספר בראשית.

יעקב לעשצינסקי

עקאָנאָמיסט און פּובליציסט. געבאָרן אין 1876, אין שטעטל האָראָדישטשי, אוקראַינע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1938. איז ווּיסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישער סעקציע ביים „ייווא״, שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

די עסיי, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַרויסגענומען פון לעשטשינסקיס בוך „וואוהין גייען מיר״ אַרויסגעגעבן פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק, 1944.

מיטלעלטערלעכע און מאָדערנע וואַנדערונגען

אין מיטלעלטער איז די יידישע געטאָ געווען ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון דער נאַטירלעכער נטיה ביי היסטאָרישע גרופּעס צו זאַמלען זיך איינ־איינעם אויף איין אָרט. זי איז אויך געווען ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון דער שטרענגער רעליגיעזער איזאָלירטקייט פון ביידע צדדים, אָן איזאָלירטקייט וועלכע האָט געוויס געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דעם פּראָצעס וואָס האָט יידן אויסגעטיילט און אָפּגעטיילט און האָט געפירט צום אויפקום פון אַן אייגענער יידישער סביבה מיט אייגענע ספּעציעל יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. די יידישע מיטלעלטערלעכע געאָגראַ־פישע און רעליגיעזע געטאָ איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ סאָציאַלער געטאָ, מיט איזאָלירן אידן אין אַ באַשטימטער שטרענג־רעגולירטער און באַ־גרענעצטער צאָל פּראָפעסיעס. די עקאָנאָמישע באַרירונג מיט דער אַרו־מיקער באַפעלקערונג איז אָפט געווען זייער אַ באַגרענעצטע, זייער אַ שוואַכע.

אומעטום וואוהין יידן זיינען געקומען אין מיטלעלטער, אין מערב־אייראָפּע מער, אין מזרח־אייראָפּע ווייניקער, האָבן זיי געטראָפן אַ שטרענג־געשלאָסענע געזעלשאַפט פאַר זיך — אַ געשלאָסענע ניט נאָר אין רע־ליגיעז־קולטורעלן זינען, נאָר אויך אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן.

דער ייד איז אומעטום אין מיטלעלטער געבליבן ביי דער זייט, איזאָלירט ניט נאָר רעליגיעז, נאָר אויך סאָציאַל, קאָנצענטרירט אין אַ סאָציאַלער געטאָ אפילו דאָרטן, וואו קיין געאָגראַפישע געטאָ איז ניט געווען. אין די ניט־יידישע סוחרים־גילדעס און האַנטווערקער־צעכן האָט מען יידן ניט אויפגענומען. זיינען ביי יידן אויסגעוואַקסן פּאַראַלעלע קלאַסן צו די ניט־יידישע און עס זיינען אויך אויסגעוואַקסן ביי יידן פּאַראַלעלע

באַזונדערע און געשלאָסענע אינסטיטוציעס. די יידישע האַנטווערקער־צעכן זיינען געווען געבויט לויט דער גלייכעניש פון די ניט־יידישע צעכן. צווישן די פונקציעס פונעם יידישן קהל אין פוילן וואו דער יידישער האַנדל־קלאַס האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן קוואַנטיטאַטיוו, זיינען געווען פיל תקנות וואָס האָבן רעגולירט די פּראָגעס פון מאַרק. דער קהל ביי יידן אין פוילן האָט געשפּילט בערך די זעלביקע ראָלע, וואָס די גילדעס און מאַגיסטראַטן ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג.

אמת, אפילו דעמאָלט האָט די יידישע איזאָלירטע געטאָ ניט געשעפּט אַלע אירע גייסטיקע זאַפטן נאָר און אויסשליסלעך פון די מיטגעבראַכטע אייגענע קולטור אוצרות אין גלות אַריין, אָדער פון די מיטגעבראַכטע נייע קולטור־כוחות פונעם גירוש־לאַנד. — יידן זיינען געקומען אין גייס־טיקער באַרירונג מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער געזעלשאַפט, אָבער אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס, נאָר דורך די גייסטיקע שפּיצן פון ביידע סביבות, דורך יחידי־סגולה. דער יידישער מאָטיוו פלעגט בלייבן שטאַרק אָפּגעשלאָסן און אָפּגעצוימט פונעם פרעמדן אַרום.

פונדעסטוועגן פלעגן פאָרט די ווירקונגען און איינפלוסן פון די אַרומיקע פרעמדע סביבות זיך אַריינרייסן אפילו אין די געטאָס און יידן האָבן איבערגענומען ביי די פרעמדע סביבות ניט נאָר שפּראַכן, נאָר אויך ניגונים, מנהגים, טענץ וכדומה. באַזונדערס איז די דערנעענטערונג פאַר־גאַנגען ווייט און טיף דאָרטן, וואו ביי ביידע גרופּעס זיינען אויפגעקומען פּאַראַלעלע קלאַסן, ווי אין פראַנקרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד אין מיטל־עלטער. אָבער גראָד די דאָזיקע פּאַראַלעלקייט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן יחיד, האָט מיט זיך געוויינלעך געבראַכט די ישועה פאַרן יידישן כלל. דאָ פלעגט קומען צום בולטסטן אויסדרוק די גרונט־סתירה פון יידישן גלות — לעבט זיך דעם יידישן יחיד גוט אין אַ לאַנד, ווערן אָפּגעשוואַכט די כלל־באַנדן און עס לויערט אויף דעם יידישן כלל צעפאַל און אונטערגאַנג. דער גוטער מזל פון די יידישע יחידים פירט געוויינלעך כמעט אומעטום צו קאַטאַסטראָפעס — צו רדיפות און צום סוף צו גירושים און וואַנדערונגען. און דורך דער קאַטאַסטראָפע ווערט דער יידישער כלל ווידער צוזאַמענגעשמידט און צעמענטירט. וואָס ענ־לעכער דאָס יידישע לעבן אין אַ לאַנד פלעגט ווערן צום אַרומיקן; וואָס

מער עס פלעגן ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג אויסוואַקסן קלאַסן, וועלכע האָבן געקאָנט איבערנעמען די יידישע פונקציעס; וואָס ווייניקער יידן האָבן אויסגעפילט אויסנאַם־פונקציעס אָדער אויסנאַם־טואונגען, אַלץ ווייניקער האָט מען זיך אין זיי געניוטיקט און אַלץ נעענטער איז געקומען דער מאָמענט פון גירוש, פון איבערוואַנדערונג און פון באַנייען די גורל־שותפות צווישן יידן פון פאַרשיידענע ראַיאָנען אָדער מלוכות.

גאָר נייע באַדינגונגען זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר דער פרעמדער יידישער גרופע מיטן אויפקומען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און מיטן נצחון פון די ליבעראַלע אידעען. אין דער קאָמערציאַליזירט־אינדוסטריאַליזירטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער ייד גע־וואָרן, בכל אופן באַדאַרפט ווערן, אָדער טאַקע געוועזן שוין ווייט אויפן וועג צו ווערן, אויס פרעמדער, אויס אויסנאַם־באַשעפעניש. די אַרומיקע סביבה איז פאַרײדישט געוואָרן — האַנדל איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע באַשעפטיקונגען. פון דער צווייטער זייט, זיינען יידן אין 19טן יאָרהונדערט שטאַרק „פאַרגויאישט" געוואָרן. יידן האָבן זיך אַ קער געטאָן אין גאַנץ גרויסע מאַסן צו פיזישע שוועיס־פּרנסות — צו האַנט־ווערקעריי און פאַבריק־אַרבעט און אויך צו לאַנדווירטשאַפט און שוואַרצ־אַרבעט. ביידע סביבות האָבן שוין ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַבסאָלוט פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרגאַניזמען. אין משך פון גאַנצע הונדערט יאָר איז אין דעם רוב לענדער פון אייראָפּע אָנגעגאַנגען אַן איינ־גלידערונג פון דער יידישער מינדערהייט אין דער אַרומיקער מערהייט און וואָס ווייטער און טיפער ס'איז געגאַנגען אין לאַנד די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איינגלידערונג, אַלץ ווייטער און טיפער איז געגאַנגען אויך די קולטור שטייגערישע אַריינוואַקסונג פון די יידן אין דער פרעמדער ניט־יידישער סביבה.

פון דער צווייטער זייט, איז אָנגעגאַנגען אַ נאַציאָנאַלע דיפערענציאַציע פון אייראָפּע גופא — נאָך אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָבן געהערשט אין גאַנץ צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע צוויי שפּראַכן, וועלכע האָבן פאַר־מאָגט אַסימיליר־קראַפט און האָבן טאַקע באַהערשט די יידישע העכערע שיכטן. דאָס זיינען געווען דייטש און רוסיש. צום ערשטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט זיינען שוין אויסגעוואַקסן מינימום נאָך אַ צענדליק שפּראַכן

וועלכע האָבן באַקומען פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און דורך דעם קולטורעלע אַסימיליר־קראַפט. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע קולטור־דיפערענ־ציאַציע פון אייראָפּע האָט געבראַכט צו אַ טיפערער צעשפּאַלטונג פון די פאַרשיידענע יידנשאַפטן.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט אויך געביטן די פיזיאָגנאָמיע פון די אויסוואַנדערנדיקע יידישע מאַסן. ביזן סוף פון 19טן יאָרהונדערט און נאָך אין ערשטן צענדליק פון 20טן יאָרהונדערט האָבן די אויסוואַנדערנדיקע יידישע מאַסן פון גאַנץ צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע גאָר גרינג זיך גע־קאָנט צונויפפרעדן צווישן זיך און ניט נאָר מעכאַניש זיך צונויפרעדן, נאָר טאַקע טיף פאַרשטיין און פילן איינער דעם אַנדערן. אָבער וואָס נענטער צו אונזער צייט, אַלץ אָפּגעפרעמדטער איז מען געוואָרן און אַלץ מער אָפּגעריסן און אָפּגעשניטן איין גרופּע פון דער צווייטער.

ווידער האָט די קאַטאַסטראָפע געראַטעוועט די לאַגע — די אויס־וואַנדערנדיקע יידישע מאַסן פון אַ פּאָר צענדליק אייראָפּעאישע לענדער האָבן זיך געטראָפן אין די ים־שיפן — די גורל־געמיינשאַפט האָט זיי אַלע צוזאַמענגעבראַכט און מאַניפעסטירט פאַר דער גאַרער וועלט די היים־לאָזיקייט פון אַלע סאָרטן יידן, פון רייכע און אָרעמע, פון געבילדעטע און אָפּגעשטאַנענע, פון פרומע און ניט־פרומע, פון צוגעבונדענע צום יידישן שטאַנד און פון אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פאַרגעסן זייער יידישקייט. דער צוזאַמענטרעף אויף די שיפן האָט אָבער מאַניפעסטירט נאָך איין זאַך: די קולטור־ און שפּראַך־אוצרות וואָס זיינען אויסגעוואַקסן צווישן די פאַרשיידענע יידנשאַפטן זיינען געוואָרן פיל שטאַרקער פון דער רעליגיעזער געמיינשאַפט. די איבערוואַנדערונג אין אַ נייעם גלות איז שוין מער ניט אימשטאַנד אַליין, ווי אין די פריערדיקע תקופות, צו פאַרגייען די ריסן צווישן פאַרשיידענע יידנשאַפטן. בפרט נאָך אַז די איבערוואַנדערונג האָט היסטאָריש אינגאַנצן געביטן איר ריכטונג, איר פאַרנעם און איר גאַנצן תוך.

יודל מאַרק

פילאָלאָג און פעדאַגאָגישער שריפטשטעלער. געבאָרן 1897, אין ליטווישן שטעטל פּאָלאָנגע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1936. איז מיטרעדאַקטאָר פון דעם ייוואָ־זשורנאַל „יידישע שפּראַך" און דער פאַרטרעטער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין דעם ניו־יאָרקער „קאָמיטעט פאַר יידישער דערציאונג." די עסיי וואָס מיר דרוקן דאָ איבער מיט קיצורים איז דערשינען אין זשורנאַל „יידישע שפּראַך" (מאַי־יוני, 1942).

דער פילאָלאָג און די שפּראַך

דער וואָס נוצט די שפּראַך איז ניט דער בעל־דעה איבער איר. ער וואַרפט זיך איר אונטער, ער געהאָרכט אירע געזעצן, ער האַלט זיך ביי דעם וואָס איז איינגעשטעלט, אָנגענומען, פאַרשטענדלעך, געזעלשאַפטלעך סאַנקציאָנירט. דער וואָס נוצט די שפּראַך האָט זי געקראָגן בירושה, ער האָט זי פון דער היים, פון דער סביבה, פון דער שול. ער האָט זי געקראָגן אַ גרייטע און ער איז געבונדן דורך אָט דער אָנגעגרייטקייט פון דער שפּראַך. עס טאָר אים ניט איינפאַלן צו זאָגן „האָט געוואָרן", בעת מען זאָגט איז געוואָרן, ער וועט ניט אָנהייבן פאַרציילן אַ מעשה: „נעכטן איך בין געגאַנגען . . . ", ווען דער ווערטער־סדר פאַרלאַנגט פון אים: איך בין נעכטן געגאַנגען, אָדער נעכטן בין איך געגאַנגען, אָדער געגאַנגען בין איך נעכטן . . .

וואָסער בעל־דעה איז ער, אַז די קלאַנגען דאַרף ער אַרויסברענגען אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט ביים לערנען רעדן; אַז די ווערטער האָט ער נאָר יענע וואָס די סביבה, די שול וואָס ער האָט דורכגעמאַכט און די ליטעראַטור וואָס ער האָט געלייענט האָבן אים געגעבן; אַז ער איז כסדר געבונדן מיט די שפּראַכלעכע מנהגים און געוואוינהייטן פון זיין אַרום? ער האָט אַ שפּראַך־ירושה, און ער קען זיך פון איר ניט אָפּזאָגן. ער האָט אַ שפּראַך־סביבה, און ער קען פון איר ניט אַרויסשפּרינגען. שפּראַך איז ניט דער פאַרמעגן פון דעם יחיד, שפּראַך איז ניט קיין אַנאַרכיע. שפּראַך איז אַ מלוכה מיט אַ גענויען קאָדעקס, מיט אַ ים געזעצן, אָפט קליינלעכע, אָפטמאָל שולחן־ערוכדיקע באַגרענעצנדיקע. יעדער איינער וואָס נוצט אַ שפּראַך וואַרפט זיך אונטער אַ געוויסן געזעלשאַפטלעכן אָפּמאַך, וואָרים שפּראַך איז אַ מין געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך וואָס האָט ביסלעכווייז,

בהדרגה זיך איינגעשטעלט. עס איז גאָרניט שייך זיך ניט אונטערצואוואַרפן דער „טיראַניע" פון דער שפּראַך.

אָבער ווער איז דער שאַפער אין דער שפּראַך? יעדער איינער וואָס נוצט זי. דער פּראָצעס פון נוצן אַ שפּראַך וואָס מען קען זי גוט איז אין תוך אַ שאַפערישער פּראָצעס. ביים רעדן אָדער ביים שרייבן האַלט מען ניט בלויז אין דערמאָנען זיך און אין איבערקייען ווערטער און אויסדרוקן, נאָר מען באַשאַפט זיי גאַנץ אָפט, מען באַשאַפט זיי גלייכצייטיק מיטן אַרויסאַנטפּלעקן דאָס וואָס מען וויל אַרויסברענגען.

ניט בלויז דער שרייבער, ניט בלויז דער רעדנער, ניט בלויז דער שיינער מעשיות־דערציילער, ניט בלויז דער ווערטל־זאָגער — יעדער איינער וואָס נוצט די שפּראַך איז איר מיטשאַפער. איטלעך קינד איז אַ שפּראַך־קוואַל וואָס שפּרודלט מיט חידושים און אַ געוויסער טייל פון די קינדערשע חידושים פאַרבלייבט, ווערט אַלגעמיינער פאַרמעג. איז אַ כוח וואָס בייט די שפּראַך פון דור צו דור. דער מיושבדיקער מענטש מיט זיין משל, די יידענע מיטן טעפּל, די שכנה מיט איר רכילות, דער גאַליקער אַריינזאָגער, משה קאַפּויער וואָס איז מיט קיין זאַך ניט מסכים, דער האַלב־אינטעליגענט מיט שלעכט פאַרדייטע ווערטער פון ביכער, די באָבע מיט איר מעשה און די פאַרליבטע מיידל וואָס שושקעט עפּעס אין איר חברטעס אויער אַריין — זיי אַלע און נאָך צענדליקער, צענדליקער טיפּן פון דער סביבה האַלטן אין איין שאַפן שפּראַכלעכן פאַרמעגן. כמעט יעדערער וואָס נוצט די שפּראַך טוט עפּעס אויף פאַר איר. דער גוואַלדיק גרעסטער טייל אויפטוען גייט לאיבוד, אַזוי ווי זאָמען געטראָגן פון ווינט. קיינער וועט ניט קענען די אַלע ווערטער, אויסדרוקן, ווערטלעך, פיינע פאַרמולירונגען וואָס האָבן געטראָפן טויבע אויערן, וואָס זיינען ווי זיבעלעך אַרויס אין אַ קאַלטער וועלט און ניט געוואָרן. אָבער אַ טייל שאַפונגען בלייבן און זיי פאַרמערן דעם ווערטער־אוצר, האַלטן אין איין באַרייכערן די שפּראַך, אין צוגעבן איר קראַפט און זאַפט, אין מערן איר פאַלקסטימלעכן תיות, אין וועבן אַ שימערירנדיק קלייד פאַר איר.

די אַלע וואָס האָבן געשאַפן די וויציקע ווערטלעך, די קלוגע שפּריכ־ווערטער, די המצאהדיקסטע ווערטער־פאַרבינדונגען פאַרנעמען דעם אויבנ־אָן אין דער עדה שפּראַך־באַרייכערער. און צווישן אָט דער אַנאָנים גע־

בליבענער מחנה האָבן געקענט זיין גרעסערע שפּראַכשאַפערישע פעאיקייטן ווי ביי אַ טייל שרייבער מיט אַ נאָמען. אויב עס געפעלט אונדז אַ שיין וואָרט ביי אַ דיכטער, אַ געלונגענער נעאָלאָגיזם ביי אַ וויסנשאַפטלער, קען מען אויך ניט פאַרזען די פשוטערע ווערטער פון די פשוטע חי־וקימס. אָט איז געוואָרן די לעצטע יאָרן פּאָפּולער ביז גאָר אַזאַ ווערטעלע ווי יאַט, און אויב יאַט איז נאָך ווייניק — האָט זיך פאַרשפּרייט די יאַטיכע, ווער־טער וואָס קומען ניט פון סאַלאָן. דער פילקעפּיקער אַנאָנים גיט אַריין אין די שאַצקאַמערן דירעקט, אָדער אומדירעקט — דורך אַ שרייבער וואָס נעמט פון אים. מענדעלעס און שלום־עליכמס שפּראַכלעכע גרויסקייט נעמט זיך גאָר אין אַ גרויסער מאָס פון דעם וואָס זיי האָבן געהאַט געפיל און אויער פאַר די שאַפונגען פון דעם אַנאָנים.

דער באַוואוסטער פילאָלאָג יעספּערסען מיינט אַז מען איז שטענדיק מגזם די ראָלע וואָס עס שפּילן די שאַפער פון דער שיינער ליטעראַטור ביים אויספורעמען די כלל־שפּראַך, די ליטעראַטור־שפּראַך. אויב דאָס איז אַזוי ביי די אומות־העולם, איז דאָך ביי אונדז אַזאַ נייגונג איינזייטיק אָפּ־צושאַצן די שפּראַכלעכע אויפטוען אודאי פאַראַן, ווייל ביי אונדז האָט די שיינע ליטעראַטור געהאַט מער מזל אפילו אין פאַרגלייך מיט דער עצם שפּראַך אויף וועלכער זי איז געשאַפן געוואָרן. פאַראַן דאָך געגנוג וואָס האָבן אָפּשיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור און אַ באַציאונג פון ביטול צו יידיש.

אַז אונדזער שיינער ליטעראַטור וואָלטן מיר קיינמאָל ניט געקענט זיך דערשלאָגן צו דער מדרגה כלל־שפּראַך וואָס מיר פאַרמאָגן שוין. אָבער די שיינע ליטעראַטור אַליין קען ניט געבן די כלל־שפּראַך. שוין דערפאַר וואָס עס איז נייטיק די שפּראַך פון דער פּרעציזער וויסנשאַפטלעכער פּראָזע, פון דעם וועגנדיקן און מעסטנדיקן פאַרשער־געדאַנק, וואָס ער קען ניט אויסקומען מיט די ווערטער און אויסדרוקן פון פּאָעט און בעלעטריסט. עס דערמאָנט זיך אַן אויסדרוק פון דעם באַוואוסטן רוסישן יוריסט פּ. קאָני וועלכער האָט אָנגעוויזן ווי אויף מוסטער־רוסיש אויף דער „שפּראַך פון פּושקין און פון רוסישן געזעצבוך". דער פּושקין־אויפטו איז שוין ביי אונדז אויף אַ דרך, אָבער עס פעלט נאָך אין אַ היפּשער מאָס דער שפּראַך־אויפטו פון דעם געזעצבוך.

יעטווידער לשון גייט דורך אַ סטאַדיע ווען די ראָלע פון דעם פילאָלאָג איז באַזונדערס גרויס. דאָס איז יענע צייט, ווען די ליטעראַטור־שפּראַך פורעמט זיך, שטעלט זיך איין, ווען דער ווידעראַנאַנד פון פאָרמען און רעדענישן קומט צו אַ געוויסן אינעווייניקסטן שלום, ווען מען דאַרף אין אַ געוויסן זינען דעקרעטירן וואָס עס זאָל יאָ האָבן אריכת־ימים און וואָס עס מעג פאַרשווינדן פון שפּראַך־באַנוץ. אין יעדער כלל־שפּראַך איז פאַראַן אַ היפּשע דאָזע געקינצלטקייט, בכיוונדיקייט, אָנגעבונדנקייט. און עס זיינען פאַראַן פאַלן ווען די פילאָלאָגן וואָס האָבן איינגעשטעלט די נאָרמע זיינען ניט געווען אינגאַנצן גערעכט. און עס קען קומען שפּעטער אַ תקופה פון רעוואָלטירן קעגן געוויסע פּרטים פון דער סטאַנדאַרד־שפּראַך. אָבער אָן דער הילף פון דעם פילאָלאָג קען ניט קומען צו אַ סטאַנדאַרד־שפּראַך. און ביי אונדז האַלט מען נאָך אין פּראָצעס פון קומען צו איר, פון אַרויספאַרבעטן זיך צו איר.

מען מיינט אָפט אַז דער פילאָלאָג איז ניט מער ווי דער באָטאַניקער: ער דאַרף באַשרייבן די געוויקסן וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף דער ערד. אָבער דאָס איז ניט אַזוי — ער איז טאַקע דער באַטרייבער פון די געוויקסן, אָבער גלייכצייטיק איז ער דער שאַפער פון האָרטיקולטור פון דער שפּראַך. די שענסטע בלומען זיינען ניט די ווילדע בלומען, נאָר יענע וואָס דער מענטש האָט זיי קינסטלעך אַנטוויקלט.

דער פילאָלאָג איז ניט בלויז דער אינוועטאַר־מאַכער פון דער שפּראַכלעכער עשירות און ניט בלויז דער באַריילטער בוכהאַלטער וואָס פאַרצייכנט אין אַ פנקס אַריין די געשעפטלעכע אָפּעראַציעס פון אַ בעל־הבית וואָס האָט אים געדונגען פאַר אָט דער אַרבעט. דער פילאָלאָג איז טאַקע ניט מער בעל־דעה ווי יעדער בירגער אין אַ דעמאָקראַטישער סיסטעם. אָבער די אַרבעט פון שטודירן שפּראַכלעכע דערשיינונגען, די אַרבעט פון קאַטאַלאָגירן און פאַרצייכענען און דאָס איינניטן זיך אין שטענדיקן מעסטן און וועגן איטלעך וואָרט און איטלעך טיילכעלע פון וואָרט — זיין קענטעניש און זיין אחריות, זיין ליבשאַפט און זיין ציטערן איבער ווערטער ווי איבער עופעלעך גיבן צו זיינע מיינונגען און אַרויסזאָגונגען אַ מאָראַלישע וואָג, וואָס זי איז מכריע אין אַ נאָרמאַלער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.

און ווי יעדער באַנוצער פון דער שפּראַך איז דער פילאָלאָג אַ בעל־דעה ביז אַ גרענעץ. ער קען ניט קומען מיט אַבסטראַקטע מאָסן פון פּער־פעקטקייט און איבערמאַכן די שפּראַך. על פי לאָגיק איז גענוג איין מער־צאָל־ענדונג, עס איז איבעריק דער דריטער (דער מיטעלער) מין, אָדער עס זיינען בכלל איבעריק מינים פון זאַך־ווערטער. מען דאַרף ניט קיין פּערזאָן־ענדונגען פון ווערבן אאַז״ו, אאַז״וו. אָבער דער פילאָלאָג איז ניט קיין בעל־דעה איבער אַט די פורעמס. נאָר ווען עס זיינען פאַראַן עטלעכע קען ער זיך אויסקלייבן (ער קען, למשל, זאָגן אַז פאַר דער כלל־שפּראַך איז גלייכער פרוכטן איידער פרוכטער, בערג איידער בערגער, אָבער ער קען ניט מאַכן „דאַכן" פון דעכער).

עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען די פאַרפיינערישע אַרבעט וואָס די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע האָט דורכגעפירט איבער פראַנצויזיש; עס איז גענוג אַ קלער צו טאָן אַז דער יחוס פון ענגליש איז ניט בלויז דער יחוס פון געניאַלע שרייבער און פון מיליאָנען ריידער, נאָר אויך דער גלאַנץ פון איטאָן און אָקספאָרד, פון האַרוואַרד און יעיל; עס איז גענוג צו דערגיין די קאָלאָסאַלע ראָלע וואָס פילאָלאָגן האָבן געשפּילט אין אויפהייבן צו דער מדרגה פון קולטור־שפּראַכן אַ צענדליק פויעריש־דאָרפישע לשונות פון מזרח־אייראָפּע און אויף די באַלקאַנען, און גראָד במשך פון גאָר אַ קורצער צייט, — אַז עס זאָל אַ געשריי טאָן צו אונדז די באַדערפעניש וואָס אונדזער יידיש האָט איצט אין דורות פילאָלאָגן וואָס זאָלן זיין גענוג באַהאַרצט צו טאָן זייער אַרבעט פון נאָרמירן די כלל־שפּראַך, פון באַרייכערן און פון רייניקן די איצטיקע אומגאַנג־שפּראַך.

דער פילאָלאָג איז דער בוכהאַלטער און דער אַקציאַנער אין דער שפּראַך, דער באָטאַניקער און דער גערטעניר ער, די הייבאַם און דער דער־ציער. און ער איז אַ סך מער: ער דאַרף אָנשטעקן מיט ליבשאַפט צו דער שפּראַך און ער דאַרף וועקן דרך־ארץ צו איר.

III

ליטעראַטור, קונסט, מוזיק

י. ל. פרץ

„וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור" איז אַ טייל פון דער עסיי אונטערן זעלבן נאָמען, וואָס איז געדרוקט אין עלפטן באַנד (געדאַנקען און אידעען) פון פרצעס שריפטן, אַרויסגעגעבן פון ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1925.

וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?

1.

צו אַלעם ערשטן — ט ר אַ ד י צ י ע.

דער אָרטאָדאָקסער מאַטעריאַליסט שמייכלט; זאָל ער.

דער אייזנבאַן פּילט נישט, אַז ער אַליין צעגייט און זוכט נייע סימ־באָלן, נייע ימים־טובים, פּאַרטיי־פּאָליטיק. נאָר זוכן זוכט ער; ער צעגייט.

„קונסט" — ווי פרעמד, ווי ניט צום האַרצן עס איז מיר דאָס וואָרט אויף י י ד י ש, מוז איך עס דאָך, נישט האָבנדיק קיין אַנדערס, באַ־נוצן — קונסט איז די נשמה פון פאָלק, די נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייט. די מענטשלעכע קונסט וועט ערשט באַשאַפן ווערן מיט דער מענטשהייט צוזאַמען; דערווייל עקזיסטירט זי נישט. און די פערזענלעכקייט, די נשמה פון פאָלק, ווערט באַשטימט דורך טראַדיציע.

גייט מיט אַ ליכט און זוכט אין אונדזער ליטעראַטור טראַדיציע; איר וועט נישט געפינען. איר הערט אין ערגעץ נישט דעם אָפּקלאַנג פון די קולות אויפן באַרג סיני, איר זעט נישט דעם אָפּגלאַנץ פון דער שכינה איבער די כרובים, פאַרשטומט איז דאָס פּראָפעטישע וואָרט. דער רענעסאַנס איז קוים דערגאַנגען צו ר׳ נחמן בראַסלעווער . . .

טראַגי־קאָמיש: אַן אַלטער, גרייז־גראָער מאַן גייט צו קינדער אין חדר אַריין לערנען.

אַן אַלט, דאָס עלטסטע פאָלק און אַ יונגע, די יינגסטע ליטעראַטור!

ווער ביסטו, יונג־יידישער שרייבער?

אַ קינד אָן אַ טאַטן, אַ קינד אָן אַ מאַמען; מאָרגן — אָן עברי.

נישט נאָר אויף יידיש, י י ד י ש מוז געשאַפן ווערן; דערצו פעלט די טראַדיציע.

וואו איז דער יידישער געדאַנק? די שכינה? איז פאַרהאַן אַ פאָלק, וואָס טוישט זיינע שפּראַכן, אַ וואַנדער־פאָלק אָן געשטיצטע גרעניצן, אָן

אַן אייגענער עקאָנאָמישער סטרוקטור, און דאָס פֿאָלק לעבט, ליידט און גייט נישט אונטער; שוואַך און ווערט באַקעמפּט פֿון די מעכטיקסטע און שטאַרקסטע און גייט זיך נישט אונטער, — מוז אַזאַ פֿאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פֿילן, אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג האָבן, אַן אַנדער פֿאַרשטעלונג וועגן דער צוקונפֿט פֿון וועלט, לעבן און מענטש, — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין אונדזער ליטעראַטור?

זעט ווער מיט יידישע אויגן, פֿילט ווער מיט אַ יידיש האַרץ, קלינגט ערגעץ־וואו דאָס יידישע נשמה־וואָרט?

קומען מענטשן (מערצאָל, נישט ווייניקער ווי צוויי) פֿון בערלין . . . אין בערלין געווען, דעם שטיינערנעם ביסמאַרק מיט בלעכענע שטיוול געזען, די זיגעס־אַלייע פּאַסירט — מאַרמאָרענע גראַפֿן און מאַרקגראַפֿן . . . אָנגעזאַפּט די שוואַרצאַפּל מיט דער פּראַכט פֿון ווייכע און גאָלד באַשלאָ־גענע הויף־קאַרעטן, און אַרויסגעוועקסטע קייזער־וואָנסן און באַגייסטערט פֿון דער קראַפֿט, וואָס שלאָגט פֿון פּאָליציאַנט און ביר־יונקער — קומען די לייט אין אונדזער געטאָ אַריין און פֿרעגן אויף אייראָפּע . . .

נישט אייראָפּע פֿעלט אונדז . . . יידיש פֿעלט, עברי פֿעלט . . .

2.

אַ צעזייט און צעשפּרייט פֿאָלק, אַ וואַנדער־פֿאָלק, אַ וועלט־פֿאָלק, און אַן אייביק פֿאָלק, און אַ מאָמענט־אויפֿנאַמס־ליטעראַטור, וואָס קען פֿון וואָ־ליגער, ליטווישן און פּוילישן קליינשטעטל בשום אופֿן נישט אַרויס . . . און וויל דער אינדיק פֿון אַרומגעדרייטן קרייז אַרויס, הייבט ער אָן — קריסטלען . . . אינעם מאָמענט און אינעם תהום זעט זיך אַ גאַנץ גיכע אַנטוויקלונג.

פֿון צאינה־וראינה און תחינות וואַקסן אַרויס אמ״דס (אייזיק מאיר דיק) מעשהלעך אין ווילנע . . . קומט מענדעלע אין אָדעס און גיט די יידישע באָך נישט דיפֿערענצירטע מאַסן, יידן און יידענעס מיט מאַרק, מרחץ, הקדש און שול . . . באַוויזט זיך דינעזאָן פֿון זאַגער און ברענגט שטילע יונג־דראַמעס פֿון קינדער־טראַגעדיעס פֿון יידישן הויז . . . דער קיעווער שלום־עליכם — דעם קאַמי־וואַיאַזשאָר, דעם נאַאיוו־נאַריש־איבערקלוגן פּרנסה־זוכנדיקן איבערוואַנדערער פֿון דער קליינער אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, און

אַנטפּלעקט טביה דעם מילכיקערס טראַגי־קאָמעדיע . . . באַלד קומט די רעוואָלוציע פון וואָוילליערנער אין בית־המדרש . . . ווי דורך אַ געעפנטער טיר רייסן זיך אריין די יינגערע מיט נייערע טעמעס. אש גיט די ווייסל, דאָס קוילער־געסל, דעם עמיגראַנט; נאָמבערג — דעם צעבראָכענעם אינ־טעליגענט, וויסנבערג נישטערט אין שטעטל און זעט אַ מאַמע מיט בנים אין פאַרשטאָט און זעט זאַמדיקע פלעצער, אַ וועלדל, וואַסער און וואָלקן . . . נאָך יינגערע קומען מיט פאַרבן, ברענגען אַריין דעם ים, זונען־אויף־און אונטערגאַנג, פויערים, ציגיינער, גנבים . . . עס שיילן זיך אויס „צוויי וועלטן" — דער ראָמאַן ווערט געבוירן; די דראַמע איז שוין לאַנג דאָ.

אָבער וואו זיינען די ספרדישע יידן? וואו זיינען די אַמסטערדאַמער ברילליאַנטן־שלייפער? אַרגענטינער און פּאַלעסטינער קאָלאָניסטן? וואָס מאַכט ראָטשילד אין פאַריז, לוצאַטאָ אין רוים?

אַ וואַנדער־פאָלק און אַ ליטעראַטור, ווי אַ שטייענדיק וואַסער . . .

3.

איך רייד נישט פון פאַרשליסן זיך אין אַ גייסטיקן געטאָ. מען זאָל אַרויס פון געטאָ, נאָר מיט אייגענעם גייסט, מיט אַן אייגן גייסטיק פאַר־מעגן און טוישן: געבן און נעמען, נישט בעטלען.

געטאָ איז אימפּאָטענץ: קולטור־קרייציקונג — די איינציקע מעג־לעכקייט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. זאָל קומען דער מענטש, מוז ער זיין דער סינטעז, דער סך־הכל, די קווינט־עסענץ פון אַלע נאַציאָ־נאַלע קולטור־פאַרמען און וועלטאַנשויאונגען.

„נעמען און זיך נישט פאַרלירן" — דאָס איז די הויפּטזאַך, און דאָס איז דאָס שווערסטע ביי שוואַכע און נישט זעלבשטענדיקע פעלקער . . . פון יידישן שרייבער מוז מען דעריבער מער פאַרלאַנגען. דאָ איז אייגנאַרט — ווירקלעכער כאַראַקטער, די אָריגינעלע פאָרם — די העכסטע פאָרם פון ווילנס־קראַפט!

און נישט דאָס געמאָלטע, געשניצטע, באַשריבענע . . . מוז זיין יידיש. מען דאַרף אַרויס פון געטאָ און זען די וועלט, נאָר מיט יידישע אויגן . . . יידיש מוז זיין דער שטאַנדפּונקט, פון וועלכן די קינסטלער־פּראָבלעם ווערט באַטראַכט; די עטיש־פילאָזאָפישע באַלייכטונג, ביי וועלכער די

דערשיינונג ווערט געזען... קונסט איז סוביעקטיוויטעט; וויל מען יידישע קונסט, מוז מען האָבן דעם יידישן קינסטלער...

4.

„צוריק צו דער ביבל" הייסט נישט: בלייבן שטיין ביי דער ביבל. יידישקייט איז נישט קיין שטענדיק וואַסער, איז נישט קיין זומפּ. „מים חיים" (קוואַלנדיק וואַסער) רופט מען זי, די תורה.

יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט נישט אויס־געמעקט.

„יידיש" איז אונדזער, אונדזער איינאיינציקער וועג צום — מענטש, צום געטלעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט; צו איבערמענטש, אויב איר ווילט.

אין ערגעץ נישט פאַרשטיינערט, אין ערגעץ נישט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ נישט בלייבן שטיין...

אונדזער „מזל" איז שוין אַזוי... לעבן און שאַפן ביי די ערגסטע באַדינגונגען און נישט אַראָפּ פון וועג.

מאַקס עריק

ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסט. ריכטיקער נאָמען זלמן מערקין. געבאָרן אין 1898, אין סאָסנאָוויץ, פּוילן. געשטאָרבן אין פאַרשיקונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין 1940 (?).

דאָס ווייטערדיקע וועגן „שמואל־בוך" איז אַרויסגענומען פון „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה", פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע, 1928.

די גרויסע פּאָעמע פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור: „דאָס שמואל־בוך"

אין די אַמאָליקע יידישע געטאָס האָט אין די לעצטע יאָר־הונדערטער פון דעם מיטלעלטער עקזיסטירט אַן אייגנאַרטיקער מין לי־טעראַטור־טרעגער, וואָס האָט באַוויזן אויסצובויען אַן אייגענע, עקשנותדיק־וועלטלעכע דיכטונג. סאיז דער פּראָפעסיאָנעלער אידישער פּאַלקסזינגער,

דער אידישער שפּילמאַן. דעם טערמין „שפּילמאַן" נעמען מיר פון דער דייטשער ליטעראַטור־געשיכטע, בכדי צו אונטערשטרייכן די אנאלאָגיע צו דעם קריסטלעכן דייטשן קאָלעגע, וואָס אין זיין חדר איז געגאַנגען דער אידישער פאָלקסזינגער, וואָס ער איז דער פאָטער, דער באַפּרוכפּערער פון אָט דעם יידישן ליטעראַרישן זשאנר. אין דער יידישער גאַס האָט ער מן־הסתם געהייסן איינפאַך „זינגער", וואָרים אַזוי הייסט ער נאָך צום סוף פון דעם 16טן און אָנהויב פון דעם 17טן יאָרהונדערט.

די יידישע שפּילמאַן־דיכטונג איז אויסגעוואָקסן אין דער אָט־מאָספער און אונטער דעם שטאַרקסטן איינפלוס פון דער קונסט פון די דייטשע וואַנדערנדיקע פאָלקסזינגער, זי איז אָבער גיך אַריבער צו איי־גענע דיכטערישע אויפגאַבן. עס האָט געהאָלפן אַ געוויסע קרובהשאַפט פון טעמעס: זינגענדיק פאַר דעם יידישן עולם פון ריטערלעכע קאַמפן און שלאַכטן, מפּלות און נצחונות, פאַררעטן און געטריישאַפטן, רעציטירנדיק די לידער פון די העלדן־טאַטן פון אַ דיטריך פון בערן, דערציילנדיק פון דער טרייער איבערגעבנקייט פון אַ מייסטער הילדעבראַנדט, פון די אינ־טריגעס פון אַן אַרטוס־הויף, האָט דעם יידישן שפּילמאַן געמוזט אויפפאַלן, אַז אויך אין דער אַלט־העברעאישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ ווערק, וואו ס'רעדט זיך וועגן קאַמפן און מלחמות, שלאַכטן און דועלן; וואו ס'ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון אַ ריטער, וואָס דערגרייכט דאָס קיניגטום אין שווערע, אומגינציקע באַדינגונגען; וואו ס'ווערט האַרציק געשילדערט ריטערלעכע געטריישאַפט און וואו ס'זיינען אַריינגעפלאָכטן אַ ריי ליבע־עפּיזאָדן. ס'איז דאָס תנכישע „שמואל־בוך". אַזוי איז דער יידישער שפּיל־מאַן געקומען צום „שמואל־בוך", צו זיין גרעסטער שאַפונג. זיין ציל איז נישט געווען צו געבן אַן איבערזעצונג פון דעם תנכישן בוך, נאָר שאַפן אַ שפּילמאַנישע וועלטלעכע פּאָעמע, וואָס שטיצט זיך אויף דער תנכישער פאַבולע, ווייל צום שמואל־בוך איז ער געקומען טאַקע צוליב דער וועלט־לעכקייט פון דעם ספר, וואָס פאַרמאָגט כמעט אַבסאָלוט נישט קיין דינים און קיין מצוות־פאַרשריפטן אָדער אבסטראַקטע עטיש־נביאישע רייד און איז דאַקעגן פול מיט אַ פאַבולע, וואָס איז נאָענט צו דער מיטלעלטערלעכער עפּיק און צו דער פעאָדאַלער וועלט־אַנשויאונג.

מיט אַ נאַאיווער דרייסטקייט האָט דער יידישער שפּילמאַן איבער־געגאָסן דעם הייליקן בוך אין די וועלטלעכע דייטשע ניבעלונגען־סטראָפן

געזונגען מיט אַ קריסטלעכן ניגון (דער באַרימטער ניגון פון דעם „שמואל־בוך" איז באַשטימט געווען אַ דייטשע מעלאָדיע) דורכגעוויקט מיט דייטשער שפּילמאַנישער פּראָזעאָלאָגיע און עפּיטעטיק. דעם שפּילמאַן איז ווייניק די פּאָבולע פון דעם תנך און ער פאַרשטאַרקט דעם בעלעטריסטישן טייל פון דער פּאָעמע דורך צוגאָבן און באַפּוצונגען לויטן מדרש, אויסנוצנדיק קודם כל רש"י און תרגום יהונתן. אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס גרעסטע ווערק פונעם יידישן שפּילמאַן, דאָס שמואל־בוך און מע דאַרף ניט מיד ווערן איבערצוחזרן, אַז דאָס שמואל־בוך איז אַ וועלטלעכע פּאָעמע און נישט קיין תנך־איבערזעצונג.

מיטן שמואל־בוך האָט דער יידישער שפּילמאַן צוממייסטן געוואַגט, אָבער אויך צוממייסטן דערגרייכט. דער געלונגענער פּרואוו האָט אויסגע־טראָטן דעם וועג פאַר אַ גאַנצן ליטעראַרישן זשאַנר: דאָס שמואל־בוך ווערט אונדזער ערשטע ליטעראַרישע שול. מיט דעם זעלביקן מעטאָד ווערן איצט באַאַרבעט אויך אַנדערע תנכישע ספרים: יהושע, שופטים, מלכים, אאַז"וו.

דאָס „שמואל־בוך" איז די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער יידישער שפּילמאַנישער דיכטונג. צענטראַל קודם כל לויט דער ליטעראַטור־היס־טאָרישער פּאָזיציע וואָס דאָס ווערק פאַרנעמט. און דאָס „שמואל־בוך" דערלויבט אויך דייטלעך צו באַשטימען דעם אָנהייב און דעם פאַרלויף פון דער יידישער שפּילמאַן־תקופה. די דאָזיקע פּאָעמע איז אַנטשטאַנען ניט שפּעטער ווי אין דעם 14טן יאָרהונדערט און מן־הסתם נאָך פאַר דעם שוואַרצן טויט, ד"ה פאַר 49־1348. מיר געפינען דאָ אָבער די פאַרטיקע פּראָזעאָלאָגיע און טעכניק פון דעם יידישן שפּילמאַן אין אַ הויכער פאָלקאָמענהייט — אַ סימן, אַז דעם אָנהייב פון דער יידישער שפּילמאַנישער דיכטונג דאַרף מען אַוועקשטעלן אַ סך פריער, נאָך אין דעם 13טן יאָרהונדערט.

באַקאַנט זיינען פון דעם „שמואל־בוך" 6 דרוק־אויסגאַבן: אויגסבורג 1544; מאַנטוא, צווישן 1562־1564; קראָקע, 1578; קראָקע, 1593, פּראַג, 1609; באַזעל, 1612. אויסער דעם האָט דאָס „שמואל־בוך" קורסירט אין אַ גרעסערער צאָל כתב־ידן — צו אונדז זיינען דערגאַנגען אַזעלכע מאַ־נוסקריפּטן אין דער האַמבורגער שטאָט־ביבליאָטעק און אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. נאָך דעם יאָר 1612 איז דאָס „שמואל־בוך",

וויזט אויס, שוין מער ניט איבערגעדרוקט געוואָרן און ביסלעכווייז פאַר־געסן געוואָרן.

אין „שמואל־בוך" איז האַרמאָניש פאַרוועבט און צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן די דערציילערישע אַנעקדאָטישקייט פון דער יידישער פאַנטאַזיע, דער צעגאָסענער, געהויבענער פאַטאָס פון דער דייטשער עפּיק און יידיש־פאָלקסטימלעכע, לעבעדיקע און יאָוויאַלע געמיטלעכקייט. אַלץ איז צו־געדעקט געוואָרן מיטן מאַנטל פון באַשיידענער, שטילער פרומקייט.

דאָס „שמואל־בוך" — קרוין פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור איז פירקאַנטיק.

ב. ריווקין

איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. ריכטיקער נאָמען: ברוך אברהם וויינריב. געבאָרן 24טן יאַנואַר, 1883, אין יאַקאָבשטאַט, לאַטוויע. געשטאָרבן דעם 9טן יולי, 1945, אין ניו־יאָרק. געקומען קיין אַמעריקע אין 1911. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג".

די עסיי וואָס מיר דרוקן דאָ איז אַרויסגענומען פון ריווקינס גרעסערער אַרבעט וועגן די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" (אָפּאַ־טאָשו־לייוויק „זאַמלביכער", באַנד 2, ניו־יאָרק, 1936).

די תכלית־אידעע אין דער יידישער ליטעראַטור

פאַרוואָס גראָד האָט מען עס ביי יידן געדאַרפט פרעגן: צו וואָס ליטעראַטור? — ווייל ליטעראַטור, וואָס ליטעראַטור הייסט, איז געקומען צו יידן מיט אַ געוואַלטיקער פאַרשפּעטיקונג, ווען די אַרומיקע גרויסע וועלט איז שוין לאַנג באַזאָרגט געווען מיט ליטעראַטור, וואָס האָט שוין געהאַט אירע פעסטע איינגעשטעלטע פאָרמען; געקומען צו אַ פאָלק, ביי וועמען עס איז ניט געווען די נאַטירלעכע סביבה, וואָס פּראָדוצירט ליטע־ראַטור: ניט נאָר אָן אָן אייגענעם פאַררונדעטן עקאָנאָמיש געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס זאָל צווינגען די אינטעליגענץ צונויפצורעדן זיך מיטן פאָלק דורך ליטעראַטור; צו אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך דערצו גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז פאַררעכנט געווען ביי דער אינטעליגענץ פאַר אַ נבזה. די אינ־טעליגענץ צווישן זיך האָט גערעדט און געשריבן לשון קודש און צום בעל הבית וועגן פּריוואַט־געשעפט און צו דער וועלט וועגן געזעלשאַפטלעכן

געשעפט האָט זי גערעדט — אין רוסלאַנד רוסיש און אין פּוילן פּויליש. און ועל כולם צו אַ פֿאָלק, וואָס לויט היסטאָרישער געוואוינהייט און לויט אינסטינקט איז עס געווען שטאַרק קעגן עצם ענין ליטעראַטור לשמה.

האָט דער פּיאָנער פֿון דער יידישער ליטעראַטור געהאַט פֿאַר זיין ערשטער און שווערסטער אויפגאַבע צו פֿאַרענטפֿערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור אין די אויגן פֿון פֿאָלק — פֿאַר דעם פֿאָלקס תכלית־געפיל און באַוואוסטזיין. און אַ צווייטע, אפשר ניט קיין לייכטערע אויפגאַבע: צו שאַפֿן עפּעס ענלעכעס צו אַ נאַטירלעכער סביבה, וואָס רופט אַרויס באַדערפעניש אין ליטעראַטור. די ערשטע אויפגאַבע האָט דערפילט מענ־דעלע מוכר ספרים; די צווייטע שלום עליכם.

ווען מען שטודירט מענדעלעס ווערק אין זייער שטופנוויזן שטייגן צו אַלץ מער קינסטלערישקייט, לאָזן זיי פֿון זיך אָפּלערנען, ערשטנס: — אַז ניט נאָר זיין ערשט יידיש ווערק „קליינמענטשעלע”, נאָר אַלע זיינע ווייטערדיקע ווערק האָבן באַקומען זייער געבורטס־שטויס פֿון דער אידעע פֿון תכלית. קיין איין ווערק, אפילו ניט „שלמה ר׳ חיימס”, איז ניט געבאָרן געוואָרן פֿון ריינער כוונה צו שאַפֿן ליטעראַטור. אַלע זיינען זיי, אָן אויס־נאַם, פֿאַרענטפֿערט און באַרעכטיקט דורך דער גרויס־תכליתדיקער אידעע צו העלפֿן דער יידישער עדה קעגן דער טיראַניע פֿון אינעווייניק און פֿון אויסווייניק — קעגן דער טיראַניע פֿון קהל־שטיבל, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פֿון דער יידישער גביראָקראַטיע — קעגן דער טיראַניע פֿון גאַנצן רציחה־רעזשים, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם יידן פֿאַר דעם קרבן, קעגן וועמען אַלע זיינע אַנדערע קרבנות זאָלן זיך פֿילן ווי גליקלעכע.

צווייטנס, לאָזט זיך פֿון אַ שטודיום פֿון מענדעלעס ווערק אָפּלערנען, אַז די גרויס־תכליתדיקע אידעע איז ניט נאָר געווען די שטויס־קראַפֿט צום געבורט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די טרייב־קראַפֿט צו איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג. דער סאַמע מעטאָד זיינער זאָגט עדות, אַז זיין קינסטלערישקייט שטאַמט פֿון זיין תכליתדיקייט אַרויס. דער משל, דאָס משל־פּראָדוצירנדיקע פֿאַרשטעלעניש דורך אַ מוכר ספרים, זיינען פּונקט צוגעמאָסטן צו מאַכן אַ תכליתדיקן געדאַנק דערציילעריש זיך באַוועגן. דאָס האָט דער בעל־תכלית אָנגענומען דעם קינסטלער ביי דער האַנט, אים געפֿירט און געלערנט, וואָס בולטער צו ווייזן, צו שילדערן, צו

געשטאַלטן; וואָס געלויפיקער צו דערציילן — פאַר אַ שטאַרקערער ווירקונג.

און עס בלייבט אַ גרונט־אמת וועגן דער יידישער ליטעראַטור, ווי עס איז געווען אין דער פיאָנערן־וועלט: זי מוז שטענדיק פאַרענטפערט און באַרעכטיקט ווערן. ווי זי וואָלט כסדר געווען אין דער בחינה פון געבאָרן ווערן.

און עס איז פאַראַן געגנוג לעקציע צו לערנען פאַר דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור פון איר צווייטן פיאָנער — שלום עליכם. שלום עליכם איז געקומען אויף דעם פאַרטיקן, פון מענדעלען דורכגעאַקערטן באָדן. הגם אָנגעהויבן האָט ער אויך ווי מענדעלע מעשה בעל־תכלית — פובליציסטיש־פעליעטאָניסטיש — אָבער די נויט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן ליטעראַטור דורך תכלית איז שוין ניט געווען אַזוי שאַרף; איז אים לייכטער געווען דער איבערגאַנג צו שילדערונג־דערציילונג. אויך דאָ האָט אים מענדעלע געהאַט איינגעשפּאָרט אַ סך אַרבעט. די וואָלינער קליינשטעטלדיקע יידישע עדה איז שוין געווען אַרומגענומען — האָט שלום עליכם נאָר געדאַרפט דערגאַנצן מענדעלעס קאַבצאַנסק מיט כתרילעווקע און דער פאָלקס־טיפּ איז שוין געווען אָפּפאָטאָגראַפירט — מיט זיין פנים, מיט זיין הילוך. אפילו זיין אינוויינעק איז שוין געווען איינגעבראַכן: אשר מעקלער פון „ווינטשפינגערל" איז אָן ספק דער טאַטע פון מנחם מענדלען. און מענדעלעס „מענדעלע" איז אוודאי דער פאָרלויפער פון טביהן.

שלום עליכם האָט אָנגעהויבן, וואו מענדעלע האָט אויסגעלאָזט. מענדעלע האָט דורך זיינע העלדן אָנגעוויזן דעם אַדרעס פון דעם לייענער, דעם פאָלקס־מענטשן, צו וועמען די ליטעראַטור דאַרף זיין געווענדט. אָבער ניט גערעדט האָט ער צו אים פה אל פה, נאָר אַביסעלע פונדערווייטנס, פון אויבן אַראָפּ, איבער דעם לייענערס קאָפּ. נאָר אים האָט ער געמיינט. איז געבליבן די צווייטע העלפט פון דער אויפגאַבע: דירעקט זיך ווענדן צו אים, געווינען, איינהאַלטן, פאַראינטערעסירן, פאַראינטריגירן מיט מעשה. פאַר דער אויפגאַבע איז שלום עליכם געווען ווי געבאָרן: באַשאַנקען מיט דעם פאָלקס מענה לשון, בטבע אַ „זאָגער", און אַ ווערטלזאָגער, מיט אַ ברייטעכקייט, וואָס מאַכט לאַכן מיט דעם גוטן געלעכטער, וואָס לאָזט קיין קיין בייזקייט ניט איבער, נאָר גיט צו געזונט — האָט ער געמאַכט דעם

לייענער פאַר זיין העלד, וואָסביידע רעדן זיי איין לשון. ניט מכוח דעם העלד האָט ער גערעדט, נאָר דער העלד איז זיין מיטשמועסער געווען.

און דערצו נאָך איז דער לייענער — דער העלד, דער פאָלקס־מענטש — געווען אַ מער אויפגעוועקטער, ווי אין מענדעלעס פּיאָנערן־צייט. זיכער האָט דער פּראָגרעס פון דער רוסישער האַנדלס־עקאָנאָמיק דערצו אַ סך בייגעטראָגן; דעם פאָלקס־מענטשן איז שוין פשוט טשיקאַווע געווען צו וויסן וואָס ליטעראַטור איז, כדי כאָטש ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר די קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען, אָדער גיכער זיך געריסן גיין, אין דער גימנאַזיע.

איז דורך שלום עליכמען אָוועק אַ קעגנזייטיקע באַאיינפלוסונג — פון דער ליטעראַטור אויפן לייענער און פון לייענער אויף דער ליטעראַטור; די ליטעראַטור האָט געמערט דאָס לייענערטום; דאָס לייענערטום — די ליטעראַטור. און אַזוי־אַרום האָט דורך שלום עליכמען זיך איינגעשטעלט אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס דערפילט די געוויינלעכע עובדא פון קינסטלערישער ליטעראַטור. אַנגעלייענט זיך מיט שלום עליכמען, האָט דער ייד געקאָנט נעמען קוקן אויף זיך מיט אַ מיטפילנדיקן פאַרשטענדעניש־שמייכל, ווי אַנגעקוקט זיך אליין מיט די אייגענע אויגן פונדערווייטנס; ער האָט געקאָנט לאַכן דורך טרערן אויף זיינע אייגענע אומגליקן — און דאָס איז דאָך די באַפרייאונג און די אויסלייזונג, וואָס גיט פולע פאַרוואַנדלונג — און דאָס איז דאָך די העכסטע דערגרייכונג פון קינסטלערישער ליטעראַטור.

מען קאָן געפינען גענוג דירעקטע תכליתדיקייט ביים שלום עליכמען, אָבער די דערהויבונג פון דער יידישער ליטעראַטור צו דער ראַלע פון אַ קינסטלערישער פאַרוואַנדלערין איז אַ גרויסער תכלית פאַר זיך גופא — אמת, אַן אומדירעקטער תכלית, אַ באַהאַלטענער, וואָס ווייזט זיך ערשט אַרויס אחר המעשה, ווען עס איז שוין פריער דאָ נאַטירלעכער באַדאַרף אין ליטעראַטור. שלום עליכם האָט דעם באַדאַרף קינסטלעך אַרויסגערופן — טאַקע מיט דעם, וואָס אים, דעם ערשטן, איז געלונגען אַריינצוואַרפן דעם ברייטן עולם אין דער ליטעראַטור. נאָך שלום עליכמען האָט גענומען אויסזען, אַז ביי אונדז איז אַלץ נאָרמאַל ווי ביי לייטן — הויבט אָן ווערן נאָרמאַל — ווי ביי אַ פאָלק מיט אַ טעריטאָריע, מיט אַ מלוכה, מיט אַן

אָרגאַניש פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס שלאָגט פון זיך אַליין אָפּ אַן איבערשטע כוואַליע: ליטעראַטור, וואָס דאַרף ניט קיין קינסט־לעכע אָנשפּאַרן, אויסווייניקסטע און אינעווייניקסטע, אויף צו האַלטן זיך. דאָס איז שלום עליכמס אויפטו. אַ טעריטאָריעלאַז פאָלק — אין דעם זין וואָס עס האָט ניט קיין אייגענע פאַררונדעטע געזעלשאַפטלעכקייט, ווייל די יידישע גאַס פירט איר הויפטגעשעפט אויף דער גויאישער — אַ טערי־טאָריעלאַז פאָלק האָט דורך שלום עליכמען באַקומען אַ כמו־טעריטאָריע־ליטעראַטור.

די צוויי טענדענצן — די גרויס־תכליתדיקע און כמו־טעריטאָריעלע — זיינען געווען דער ענטפער, מיט וועלכן די פיאָנערישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגערופן אויף דער פראַגע פון יידישן שריפטשטעלער־פיאָנער: צו וואָס יידישע ליטעראַטור?

י. ל. פרץ — דער שאַפער פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" — האָט די ביידע טענדענצן אויפגעכאַפּט און זיי פאַרטיפט און פאַרברייטערט. ביידע טענדענצן — די גרויס־תכליתדיקע און די ליטעראַטור־טענדענץ — האָבן דאָ אויסגעשיידט פון זיך אַ דריטע טענדענץ — די באַוואוסטזיניקע טראַנס־פאָרמירונג פון דער געירשנטער גלויבנס־ענערגיע אין מאָדערנער מאָראַל־ענערגיע דורך קינסטלעריש־ליטעראַרישע מיטלען — וואָס פאַר קורצקייט וועגן וועלן מיר זיי אָנרופן: די ירושה־טענדענץ פון דער יידישער לי־טעראַטור.

אַ ליטעראַטור וואָס איז אַ כמו־טעריטאָריע איז ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס וואַקסט, אַנטוויקלט זיך, צעגלידערט זיך, באַרייכערט זיך אין פאָרמען, אויספאָלגנדיק אייגענע געזעצן, ווירקט אויס אייגענע אימ־פולסן באַאיינפלוסט און ווערט באַאיינפלוסט, איינהאַלטנדיק די אייגענע גאַנצקייט.

אָט די אייגענע ליטעראַטור־מלוכה אין פּראָצעס פון ווערן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום י. ל. פרץ, וועלכער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן, ווי איר קינפטיקער הויפט, בשעת מעשה דערפילט אַלע אירע פונקציעס. ווי זיי וואָלטן דערהערט זיין רוף פונדערווייטנס, האָט מיט אַמאָל זיך אַרום אים באַוויזן, אָנגעקומענע פון שטעט און שטעטלעך, אַ גאַנצע מחנה שריפטשטעלער, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ שפע ליטעראַטור. אין

דער ערשטער ריי האָבן זיך אָפּגערופן: אברהם רייזען, שלום אַש, דוד פּינסקי, ה. ד. נאָמבערג — וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די ערשטע „מלוכה"־פּליכט — איינצונעמען טעריטאָריע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם קינסטלערישן אַנאַליז פון דעם עולם אויפהויבנדיק און אויפלויכטנדיק אים, שיכט נאָך שיכט, אַזוי אַרום פאַר־מערנדיק דעם לייענער־קרייז פון דער יידישער ליטעראַטור.

בעל מחשבות

די קריטישע אָפּהאַנדלונג „דער זיידע און דאָס אייניקל" איז אַרויסגענומען פון דעם ערשטן באַנד פון די „געקליבענע שריפטן", פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע, 1910.

דער זיידע און דאָס אייניקל

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און שלום אַש)

פון דעם עלטסטן צווישן די אַלטע און פון דעם יינגסטן צווישן די יונגע ווילט זיך מיר איצט רעדן עטלעכע ווערטער. ביידע האָבן אונדז געגעבן קינסטלערישע בילדער פון דער אַמאָליקער פאַרצייטיקער פאַ־טריארכאַלישער צייט. ביידע האָבן אונדז געוויזן דאָס לעבן פון דער יידישער עדה אין די קליינע שטעטלעך, אין די איינציקע נעסטן, וואו עס האָט זיך הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד אויפגעהאָדעוועט דאָס געטאָ־יידנטום. ביידע זיינען מיט אַ טיף געפיל אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון די פאַרצייטיקע דורות. און יעדער פון זיי האָט אונדז געגעבן דעם תמצית, די עסענץ פון פּאָעזיע, מיט וועלכער יענע וועלט האָט זיך אויסגעצייכנט אַמאָל.

זייער מלוכה האָבן זיי געטיילט אין צוויי העלפטן: שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט גענומען די ליטווישע, די מתנגדישע וועלט, שלום אַש די פּוילישע — די חסידישע. און ביידע קיניגן אויף זיי מיט דער גאַנצער קראַפט פון גאָט־געבענטשטע פּאָעטן.

אמת, אָן דעם זיידן ר' מענדעלע וואָלט אפשר אויך דאָס אייניקל נישט אַרויסגעקומען אַזוי געראָטן, אַזוי שיין. אָבער אַ גרעסערער וואונדער איז דאָס וואָס שלום אַש, וועלכער איז געקומען אויף דער

וועלט מיט אַ יאָר פופציק שפּעטער נאָך מענדעלען, האָט אַרויסגעוויזן די אייגענע טיפּע מבינות אויף דער פּאַרצייטיקער וועלט, ווי זיין ליטעראַרישער זיידע.

אין דעם משך פון צוויי דורות איז דאָס אַלטע יידנטום שטאַרק צעבראָקלט געוואָרן. שלום אש קאָן ניט זאָגן אויף זיך דאָס אייגענע וואָס יעקב אַבראַמאָוויטש. יענער האָט זיך פאַרגליכן מיט „אַ פּעדימל וואָס איז שטאַרק פאַרוועבט אין דער גרויסער מאַטעריע, וואָס גייט דורך די וועלט מיטן נאָמען ייד". שלום אש איז שוין ניט קיין פאַרוועבט פּעדימל. און דעריבער איז נאָך מער וואונדער, וואָס אַ שלום אש האָט מיטגעבראַכט אין דער היינטיקער ליטעראַטור אַזאַ פרישן, לעבעדיקן חוש צו יענער וועלט, צו וועלכער ער געהערט שוין אַזוי ווייניק. —

צי באַווייזט נישט אָט דער דאָזיקער פאַקט, אַשס ליטעראַרישע דערשיינונג, אַז די היינטיקע יידישע עכטע אמתע פּאָעזיע איז שטאַרק און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט? אַז איטלעכס מאָל, ווען עס הייבן זיך אָן צו רירן פּאָעטישע געפילן, מוזן זיי ציען דאָס חיות פון דער פאַרגאַנגענהייט?

עס איז נישט קיין צופאַל וואָס צוויי דורות נאָך מענדעלען באַווייזט זיך אַ שלום אש. די פאַרצייטיקע וועלט האָט נאָך איר וידוי נישט אָפּגעזאָגט. אין מענדעלעס צייטן איז זי געווען די איינציקע, אין אשס — די איינציקע גאַנצע צווישן אַ סך אַנדערע צעשטיקלטע יידישע „וועלטלעך". זאָגט וואָס איר ווילט, רופט אָן די ליבשאַפט פון אונדזערע היינטיקע יונגע טאַלאַנטן צום עבר ראָמאַנטיק, חלומות, לבנה־פּאָעזיע א. אַז״וו — דער עכטער שאַפער קאָן נישט לעבן אָן אַ גרונט אונטער די פיס, און ווען דאָס לעבן גיט ניט קיין פולע קעגנוואַרט, שפּינט מען זיך צונויף מיט אַ פאַרגאַנגענהייט.

לאַכט פון ראָמאַנטיק, פאַרגעסט אָבער נישט אַז נאָר אַ דאַנק דער היינטיקער ראָמאַנטיק הערן מיר זיך אויף צו פילן ווי ציגיינער אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַ שטאַם.

מיר האָבן אויבן געזאָגט: מענדעלע און אש האָבן אונדז געגעבן דעם תמצית, די עסענץ פון דער פּאָעזיע פון דער פרום־פאַרצייטיקער וועלט.

אין וואָס באַשטייט אָבער די פּאָעזיע פון דער דאָזיקער וועלט?

איטלעכע פּאָעזיע ביי וואָס עס איז פאַר־אַ פאָלק האָט צו טאָן מיט צוויי פונדאַמענטאַלע געפילן: מיט דעם געפיל וואָס שטאַרקט אונדזער צו־זאַמענבונד, אונדזער אחדות מיט דער וועלט און מיט דעם געפיל וואָס פאַר־שטאַרקט אונדזער אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט, אונדזער איינזאַמקייט, פאַריתומקייט אין דער אַרומיקער וועלט.

די נשמה פונעם מענטש בייט אָפּט אירע ראָלן: אָדער זי איז די באַעגטסטע מחותנתטע אויף דער חתונה פון גאָטס ווערק, אָדער זי איז אַן אָרעם דערשלאָגן יתומל, וואָס פילט זיך אין דער פרעמדער קאַלטער וועלט „איינזאַם ווי אַ שטיין".

איטלעכע פּאָעזיע האָט צו טאָן מיט די צוויי הויפּט־געפילן אין זייערע פאַרשידענע מדרגות; מיט אַלערליי מדרגות פון דעם געפיל פון פאַרבונדקייט און פון דעם געפיל פון איינזאַמקייט. אַ פּאָעט איז דער, וואָס קאָן מיט דער קראַפט פון זיין פעדער צווינגען די וואַכעדיקע נשמה דורכצולעבן דעם טעם פון דיביידע געפילן אין פאַרשידענע מדרגות.

***

איצט, אין וואָס באַשטייט די פּאָעזיע פון דער פרומפאַרצייטיקער וועלט?

אויך ביי די געטאָ־יידן האָבן מיר צו טאָן מיט די צוויי פונדאַ־מענטאַלע געפילן אין זייערע פאַרשידענע מדרגות. דער חלוק איז נאָר וואָס די דאָזיקע געפילן ווערן ביי יענע יידן אַרויסגערופן דורך אַנדערע גייסטיקע און מאַטעריעלע אומשטענדן. די טיפסטע און ברייטסטע געפילן פון אחדות צו עפּעס אַ העכערער גרעסערער וועלט האָט דורכגעלעבט דער ייד אין די קלויזן, אין די בתי־מדרשים; די טיפסטע איינזאַמקייט האָט ער געפילט דעמאָלט ווען דאָס לעבן האָט אים געצוואונגען צו פאַר־לאָזן דאָס בית־המדרש און אַרויסצוגיין אויף דער פרעמדער קאַלטער גאַס, זיך יאָגן נאָך אַן אָרעמער פרנסה. יענע יידן האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייער הויך־רעליגיעזער און מיט זייער מאַטעריעל נידעריקער קולטור. איטלעכס מאָל ווען עס האָט געקאָנט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער די ענגע מויערן פון די בתי־מדרשים, די צענטערן פון פרומקייט, האָט זיך דאָס יידנטום געפילט הויך דערהויבן איבער אַלע זיינע טעגלעכע

דאגות, האָט עס דורכגעלעבט די העכסטע אחדות געפילן פון לעבן. פאַר־קערט אָבער, אין קאַמף פאַרן מאַטעריעלן לעבן האָט דאָס יידנטום פון די געטאָס זיך געפילט שרעקלעך פאַריתומט, אַרומגערינגלט מיט טויזנטער סכנות, ווי אַ ווערעמל, וואָס קאָן פון איטלעכן צעטראָטן ווערן.

ווען מענדעלע רעדט פון דעם „פינטעלע ייד" מיינט ער דערמיט די כאַראַקטעריסטישע אומשטענדן פון יידישן יחיד און כלל, וואָס וועקן אין אים אַ ריי געפילן אין גאָר אַן אַנדער סדר, ווי ביים כלל פון אַן אַנדער פאָלק.

***

די נייע יידישע וועלט וואָס הייסע קעפּ און ברייטע הערצער טוען היינט בויען ליגט נאָך באַהאַלטן אין אַ געדיכטן וואָלקן. עס וועט נאָך אַוועק אַ צייט מיט יאָרן, ביז דאָס נייע יידישע לעבן וועט אויסאַרבעטן אַלגעמיינע פאָלקסטימלעכע פאָרמען, וואָס זאָלן קאָנען וועקן אין אונדז יענע ברייטע, טיפע אחדות־געפילן און יענע טיפע פאַריתומקייט מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט די אַלטע פרומע וועלט. עס וועלן נאָך אַ סך וואַסערן אָפּפליסן, איידער די איצט צעריסענע יידישע פאָלקס־נשמה וועט ווידער פאַרוועבן דאָס גוטע פון דער אַלטער מיט דעם גוטן פון דער נייער צייט . . .

און איטלעכס מאָל ווען מיר ווילן אַרויסרופן אין אונדזער נשמה אַ בילד פון אַ גאַנצן פאָלקס־לעבן מיט אַ ריי טיפע פאָעטישע גע־פילן, וועלכע נעמען אַרום אַלעמען פון גרויס ביז קליין — מוזן מיר זיך אומקערן צו דער אַלטער פרומפאַרצייטיקער וועלט, וועלכע האָט געהאַט אַ סטיל, אַ פאָרם און אַ טיפן ברייטן אינהאַלט. און נישט אַזוי כדי זי ווייטער אָפּצופרישן, נאָר כדי אין אונדזער נייעם לעבן מיט דעם נייעם תוך אַריינצוברענגען די אייגענע גאַנצקייט, די אייגענע פאָעזיע מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט אונדזער אַלטע וועלט מיט איר אַלטן אינהאַלט.

ווייל מען אָבער די אַלטע פרומפאַרצייטיקע וועלט זען אין איר גאַנצער קלאָרער אָפּשפּיגלונג, מוז מען גיין צוערשט צו מענדעלעס ווערק, דערנאָך צו אַשס „דאָס שטעטל".

ש. ניגער

ליטעראַטור־קריטיקער און פובליציסט. ריכטיקער נאָמען שמואל טשאַרני. געבאָרן אין 1883, אין שטעטל דוקאָר, ווייסרוסלאַנד. געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" און אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג".

די עסיי וועגן טביה דעם מילכיקן איז אַרויסגענומען פון ניגערס בוך „שלום־עליכם", יידישער קולטור־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1928.

טביה דער מילכיקער

פאַרגעבונג — דאָס איז דער ביטערסטער וואָרצל און צוגלייך אויך די זיסעסטע פרוכט פון יעדן אמתן הומאָר. און אָט דאָס איז דער טייערסטער מענטשלעכער שטריך אין טביה דעם מילכיקן — טאַקע דאָס, וואָס ער, דער פּראָסטאַק, קאָן אַלץ פאַרשטיין און פאַרגעבן.

פאַרשטיין און פאַרגעבן איז אַ מידה טובה פון פילאָזאָפן, און אין יעדן עכטן הומאָריסט שטעקט אַ שטיק פילאָזאָף. אויך טביה דער מילכקער איז אַ פילאָזאָף, — נאָר מיטן האַרצן, נישט מיטן קאָפּ: דאָס איז נאָך בעסער. דער קאָפּ איז ביי טביהן, ווי ביי אַ ישובניק אַן עם־הארץ, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, זיין געמיט אָבער פאַרמאָגט די ליכטיקע ריין־פילאָזאָפישע פייאיקייט איבערצוקערן יעדע זאַך אויף דער לינקער זייט און אויסצוגעפינען דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן מען קאָן אַלץ פאַרענטפערן.

אָט דערציילט ער, ווי ער פּרוּווט ריידן מיט זיין טאָכטער, ציַיטל, וועגן לייזער־וואָלפן, דעם רייכן אַלמן, וואָס שדכנט זיך צו איר: „נישט באַשערט, זאָג איך דיר, טאָכטער מיינע, קומען אויפן גרייטן, ווערן אַ בעל־הביתטע אויף אַלדאָס גוטס און אונדז אַ שטיקל נחת דערלעבן, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָרן פאַר אונדזער האָרעוואַניע, זאָג איך. טאָג ווי נאַכט אין דער טאַטשקע איינגעשפּאַנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, נאָר שלים־שלים־מזל אַרום און אַרום"... אַזוי זאָגט ער צו איר ווייך און מיט האַרץ און מיט רחמנות, ווי זיין שטייגער איז, נאָר מען קאָן מיינען, אַז אָט־אָט ווערט ער ברוגז און קומט אַריין אין כעס; דערהערט ער אָבער ווי זי, ציַיטל, רופט זיך אָפּ מיט אַ געוויין: „איך, טאַטע, איך וועל מיך שטעלן, זאָגט זי, פאַר אַ דינסט, ליים וועל איך טראָגן, ערד וועל

איך גראָבן". הערהערט אַזוינע רייד פון זיין טאָכטער, פאַרשטייט ער איך האַרץ אויך. אַ טיף מענטשלעכע, טיף פאָטערלעכע מיטלייד פילט זיך אין זיין ווייטערדיקן דערציילן: „וואָס וויינסטו, נאַריש מיידל, זאָג איך צו איר, איך זאָג דיר דען עפּעס, נאַרעלע? צי איך האָב טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינצטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס מיך אויס מיט אים, מיטן רבונו של עולם, ווי אַזוי ער פירט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אַן אב־הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פיינט זיך אויס קעגן מיר, זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, זאָג איך, רעכנט זיך ווי מיט אַ טאַטן, און גיי שריי חי־וקים! נאָר מסתמא, זאָג איך, באַדאַרף אַזוי צו זיין; ער איז אויבן אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זיינען דאָ אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד, און מוזן זאָגן, אַז ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, ווארים, אַז מיר זאָלן וועלן שמועסן טאַקע דאָס אייגענע ווידער צוריק בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שריי איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערימל, וואָס פּויזשע אַרום דאָ אויף דער ערד, וואָס אַ מינדסט ווינ־טעלע, אַז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל עולם אין איין כהרף עין, שטעל איך מיך אַרויס מיט מיין נאַרישן שכל און וויל אים זאָגן דעות, ווי אַזוי צו פירן דאָס וועלטל זיינס? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, באַדאַרף זיין אַזוי. וואָס העלפט דאָ טענות?" אין אָט דער אידעלער, אָבער טיפער איראָניע פון דעם מילכיקן, וואָס פּלוצלונג האָט זיך צערעדט אין אים דער פילאָזאָף, — אין אָט דער אידעלער און דורכנעמענדיקער איראָניע דער־קענט מען נישט דעם בעל־בטחון, נאָר דעם פריילעכן פּעסימיסט, וואָס ווייס, אַז ווען מען וויל, קאָן מען אויף אַלץ האָבן אַ תירוץ און אַז מען וויל, איז אויף קיין זאַך קיין תירוץ נישטאָ און אַז דעריבער איז גלייכער נישט צו פרעגן קיין קשיות און נישט אַריינצולאָזן זיך אין טענות צום רבונו של עולם.

אָט דאָס פונעם הומאָר שטאַמענדיקע, באַפרידנדיקע „לאָזן גיין מיט דער נאַטור" שאַפט יענעם מאַנטל פון פרידן, פון געגעדיקייט און פון נאָכגעביקייט, אין וועלכן עס איז איינגעוויקלט טביהס פאַרהאַלטן זיך צו זיינעליידן און פריידן און וועלכער פאַרשפּרייט זיך אויך אויף זיינע באַ־ציאונגען צו אַנדערע מענטשן.

טביה וואָלט געווען דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט,

ווען ער זאָל נישט פאַרמאָגן אַט די פעאיקייט אַראָפּצוקוקן מיט אַ באַרואיקטן שמייכל אויף זיין אייגענער ביטערער מערכה, ווען אין אים זאָל נישט לעבן די וואונדערלעכע קראַפט, וואָס שטעלט אַוועק דעם מענטשן העכער פון גליק און אומגליק. ער וואָלט געווען אַן איוב, וואָס פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבאָרן ווערן, ווען ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען צו פאַרבינדן, אַזוי ווי קהלת, דעם אומעטיקן „הבל הבלים" מיט דעם לעצטן, מער קלוגן, ווי פרומען פסוק: „האָב מורא פאַר גאָט און היט אָפּ זיין געבאָט"...

עס טרעפן אים אומגליקן אויף אומגליקן און מיר האַלטן זיך איין און באַליידיקן אים נישט מיט אונדזער קליינעם רחמנות־געפיל, ווייל מיר זעען, אַז די צרות דערשלאָגן אים נישט, דערנידעריקן אים נישט, נאָר, פאַרקערט, זיי מאַכן אים נאָך טיפער און מענטשלעכער...

יע, אין טביה דעם מילכיקן האָט שלום עליכם געוויזן אונדז די טיפעניש פונעם הומאָריסטישן טיפּ מענטשן. ער האָט פאַר אונדז אין די אויגן אויסגעקערט דעם הומאָר אויף דער לינקער זייט, און מיר האָבן דערזען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אונטן, אונטער די פסוקים מיט די ווערט־לעך, מיט די המצאות. בכלל איז טביה דער מילכיקער דאָס ווערק, וואו מיר האָבן דעם טיפערן שלום עליכמען.

מען האָט אין טביהן געוואָלט זען דעם פאַרשטייער פון דער אַלט־פרענקישער קליינשטעטלדיקער יידישער מאַסע, מען האָט אין אים געוואָלט זען נאָר דעם יידן; מיר דוכט אָבער, אַז דווקא אין דער שילדערונג פון אָט דעם איינפאַכן תמעוואַטן וואָלינער ישובניק, האָט שלום עליכם זיך אויפגעהויבן איבער דאָס ספּעציפישע יידישע. געוויס האָט טביה אַלע געננג און פאַסטעמקעס פון אַ טיפּישן יידן, געוויס איז אין זיין הומאָר פאַראַן אַ שטאַרקע אָנצוהערעניש אויף דאָס טיפּיש יידישע לאַכן מיט קרעמענעס, דאָך אָבער האָט ער אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט אין ערגץ רייכער און פרישער ווי די קאַלטע, בייזע, פאַרביסענע יידישע איראָניע, און דער גאַנצער מענטש אין אים איז מיט צען קעפּ העכער פון דעם געוויינלעכן פּראָסטן קליינשטעטלדיקן יידן...

שלום עליכם פאַרהאַלט זיך צו טביהן אַנדערש ווי צו די איבעריקע כתרילעווקער. די יידן און יידענעס פון כתרילעווקע זיינען ביי אים אַלע

כמעט קאָמיש; טביה איז הומאָריסטיש (דער חילוק צווישן דיביידע זאַכן איז קלאָר: דער קאָמישער פּאַרשוין איז אַן אָביעקט צום לאַכן; דער הומאָריסטישער — לאַכט אַליין). צו אַנדערע זיינע פּאַרשוינען, אַחוץ צו די העראָאישע, ווי סטעמפּעניו, ראַפּאַלעסקאַ א. ד. ג., לאָזט זיך שלום עליכם אַראָפּ, ווען ער שילדערט זיי; טביהן האָט ער אויפגעהויבן צו זיך: ער האָט אים געשענקט די שענסטע פון די פייאַקייטן, וואָס ער אַליין פאַרמאָגט — די פייאיקייט צו לאַכן.

דאָס איינפאַכע לאַכן אין „טביה דער מילכיקער" איז אפשר נישט אַזוי ריין, נישט אַזוי שטאַרק, נישט אַזוי נאַאיוו, ווי אומעטום ביי שלום עליכמען, דערפאַר אָבער איז דאָ דאָס גייסטיקע לאַכן, דער הומאָר, — פון טיפסטן און איידלסטן סאָרט; דער הומאָר איז דאָ, ווי מיר האָבן געזען, אַזוי ווי אַ פרישע, אַ קלאָרע, אַ דורכזיכטיקע לופט, אַזוי ווי אַ צווייטע אַטמאָספערע וואָס רינגלט אַרום טביהן און נעמט אָפּ ביי זיין לעבנס־לאַסט דאָס געוויכט, די שווערקייט.

אינאיינעם מיטן הומאָר האָט שלום עליכם זיין געליבטן העלד נאָך באַשאָנקען מיט אַן אומגעווינלעכער בייגעוודיקייט פונעם גייסט, אַ זעלטענער ווייכקייט און צאַרטקייט פונעם געמיט; ער האָט אים, קורץ, אָפּגעגעבן דאָס בעסטע פון זיך אַליין...

טביה דעם מילכיקן האָט דער דיכטער, ווי געזאָגט, פאַרטרויט זיין אייגענע ראָלע, די ראָלע פון אַ הומאָריסטישן דערציילער, פון אַ מענטשן־קענער, פון אַ פּאָרטרעט־מאָלער, פון אַ וויצן־זאָגן, פון אַ שפּראַך־מייסטער, — און דעריבער איז דאָס בוך „טביה דער מילכיקער" נישט נאָר דאָס סימפּאַטישסטע און רירנדיקסטע, נאָר אויך דאָס אינטימסטע, דאָס פּערזענלעכסטע בוך שלום עליכמס...

ה[ערש] ד[וד] נאָמבערג

דערציילער און איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידיש־עסייאיסטן. געבאָרן אין 1874, אין אַמשינאָוו, פוילן, געשטאָרבן אין 1927, אין וואַרשע.

די עסיי וועגן „פאָלקס־לידער" איז אַרויסגענומען פון נאָמבערגס „דאָס בוך פעליעטאָנען", פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי, וואַרשע, 1924.

פאָלקס־לידער און פאָלקס־מעלאָדיעס

אין די פאָלק־לידער און אין די פאָלקס־מעלאָדיעס ליגט באַהאַלטן עפּעס אַ סוד, אַ מיסטעריע. איך ווייס נישט צי די פּראָבלעם האָט אַמאָל באַשעפטיקט אַ פּסיכאָלאָג, אַ פאָרשער. פאַרוואָס ווירקן אויף אונדז פרימיטיווע ווערטער, טיילמאָל גאָר זינלאָזע ווערטער אַזוי שטאַרק? פאַרוואָס דרינגט אַ געוויינלעכע מעלאָדיע, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון פינף טענער, אַן אָרעמע לויט איר אינהאַלט און אַ שוואַכע לויט דעם אויסדרוק, אַזוי טיף אין האַרצן אַריין?

די ביימלעך בליען, די יאָרן פליען,
די צייט גייט אַוועק ווי אַ רויך . . .

וויפיל מאָל איז דער פרימיטיווער געדאַנק שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן, וואָסערע פאַרשידנאַרטיקע קינסטלערישע פאָרמען האָט ער שוין אָנגענומען און דאָך, ווען מען הערט אים אויף דאָס ניי אין דעם פאָלקס־ליד, מאַכט ער אַ פרישן, אייגנאַרטיקן איינדרוק. וואָס איז דאָ צוגעקומען? זאָל דאָס זיין די פאַרקלענערונג פון 'ביימער" אויף „ביימלעך", פון „יאָרן" אויף „יאָרעלעך", פון וועלכער עס הערט זיך אַרויס אַ געוויסע ליבלעכקייט, אַ געוויסער טרויעריק־באַדויערנדיקער טאָן צו דער וועלט?

פאַרוואָס ווירקט אויף אונדז דער ניגון פון „כל נדרי" אַזוי אויפטרייסלענדיק? די מוזיקאַלישע שטאַרקייט? די פאַרשטעלונגען וואָס דערוואַכן אין אונדזער גייסט פון דער יום־כפּורדיקער אַטמאָספערע? דער ריח פון צעשאָטענעם היי, די ברענענדיקע ליכט מיט די ווייסע קיטלען? — איך מיין, דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

אַלע וואַסערלעך פליסן אַוועק,
די טייכלעך בלייבן ליידיק, —

אוי, ווי נעמט מען אַזאַ מענטש אויף דער וועלט,
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין וויטיק?

פּרואווט דעם געדאַנק אויפנעמען לאָגיש, האָט איר אַ ריינעם אומזין. די ערשטע צוויי שורות האָבן ניט קיין שום שייכות צו די לעצטע צוויי: נישט קיין לאָגישע, נישט אפילו קיין פּסיכאָלאָגישע. פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ אַסאָציאַציע וואָס פאַרבינדט דאָס בילד פון די טייכלעך, וואָס בלייבן ליידיק, מיט דעם ווייטיק וואָס קיין מענטש אויף דער וועלט קען ניט פאַרשטיין? — אַ ריינער צופאַל! אין מוח וואַלגערט זיך אַרום עפּעס אַ נעפּלהאַפטיק בילד פון „וואַסערלעך וואָס פליסן אַוועק". דאָס האַרץ קלעמט איבער עפּעס אַ ווייטיק און דאָס בילד מיט דעם געפיל טרעפן זיך צוזאַמען ווי צופעליק און ווערן צוזאַמען אויסגעדריקט.

און דאָך בלייבט דאָס האַרץ קיינמאָל ניט גלייכגילטיק, ווען מען הערט זינגען די פיר שורות. און איר אָנט אפילו אַן אָרגאַנישע פאַר־בינדונג צווישן די פיר שורות. עס איז פאַרט איינס, איין ליד! ווי אַזוי? פון וואַנעט נעמט זיך דאָס?

אַ ניגון און אַ ליד האָבן אַ נשמה. זיי וואַנדערן אויף דער וועלט, און יעדער וואָס זינגט זיי, לאָזט איבער אויף זיי אַ שפּור פון זיין גייסט, שענקט זיי אַוועק אַ שטיקל פון זיין נשמה. אַ פאָלקס־ליד און אַ פאָלקס־ניגון ווערן געשפּינט און געוועבט דורך דורות, און עס רינגלט זיי אַרום אַן אטמאָספערע פון הונדערטער און טויזנטער עכאָס פון געפילן, וואָס זיינען ביי די ווערטער און ביי די טענער דורכגעלעבט געוואָרן. ווי אַ שוואָם זאַפּט דאָס פאָלקס־ליד איין אין זיך די אַלע זיפצן, נחתן און אַנ־דערע איבערלעבונגען, וואָס זיינען דורך אים אַרויסגערופן געוואָרן, עס זאַפּט זיי איין און זיי וואַנדערן ווייטער מיטן ליד אויף דער ברייטער וועלט איבער דורות.

דאָס איז זייער נשמה.

און בשעת מע זינגט מיר „כל נדרי" ציטערן אפשר דאָרט ווייט, אונטער דער שוועל פון מיין דערקענטעניש, איבערלעבונגען פון מיינע עלטער־עלטער־זיידעס אין שפּאַניע, בשעת זיי האָבן די זעלבע מעלאָדיע געזונגען, איבערלעבענישן וואָס זיינען איבערגעגאַנגען צו מיר בירושה, וואָס דרימלען אין מיר, כאָטש איך ווייס פון זיי ניט און וועל קיינמאָל ניט

וויסן; דער אומזין פון די לידיקע טייכלעך מיט דעם וויטיק ווערט אָר־גאַניש פאַרבונדן, ווייל די געפילן, וואָס זיינען ביי די ווערטער דורכגע־לעבט געוואָרן, האָבן זיי באַהאַפטן און האָבן זיי געמאַכט פאַר איינס.

ביי פאָלקס־לידער איז די אַטמאָספערע וואָס טראָגט זיך אַרום זיי, פיל מער ווי דאָס ליד אליין; פאָלקס־לידער זיינען מער גייסט ווי קערפּער, מער ליריש געפיל, ווי געפורעמטער אויסדרוק.

ישראל ראַבינאָוויטש

מוזיק־קריטיקער און פּובליציסט. געבאָרן אין 1894, אין שטעטל בוטען, גראָדנער געגנט, פּוילן. אין 1911 אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, וואוינט אין מאָנטרעאָל. איז דער רעדאַקטאָר פון דער דאָרטיקער יידישער טאָג־צייטונג „קענעדער אָדלער".

די עסיי וואָס מיר דרוקן דאָ איז אַרויסגענומען פון ראַבינאָוויטשעס אַ גרויסער אַרבעט „מוזיק ביי יידן אין דער אוראַלטער צייט" אין זיין בוך „מוזיק ביי יידן און אַנדערע עסייען", מאָנטרעאָל, 1940.

אונדזער ליטורגיש געזאַנג

פאַראַן פירערליי פאָרמען פון געזאַנג אין דער יידישער ליטורגיע:

1) דאָס געזאַנג פון פאָרמלאָזן און אומריטמישן „זאָגן". דאָ האָבן מיר אַ „מוזיק" וואָס באַשטייט פון בלויז איין עלעמענט! מעלאָדיע; דער אַנדערער וויכטיקער עלעמענט: ריטם, פעלט דאָ אין גאַנצן און ווייל עס איז אַ „סאָלאָ"־געזאַנג איז שוין דער דריטער עלעמענט: הארמאָניע, דאָ אין גאַנצן ניט שייך.

2) דאָס געזאַנג פון חזנות, וואָס טיילוויז איז עס אַ מוזיק פון בלויז איין עלעמענט — מעלאָדיע, און טיילוויז פון צוויי עלעמענטן — מעלאָדיע און ריטם.

3) ריטמישע געזאַנגען.

4) כאָר־געזאַנגען. דאָס לעצטע האָט אין זיך אַלע דריי עלעמענטן: מעלאָדיע, ריטם, האַרמאָניע.

אַז די יידן אין אַלטערטום האָבן געוואוסט פון ריטמישער מוזיק, דאָס שיינט צו זיין איבער יעדן צווייפל, כאָטש זייט ביי זייט מיטן ריטמישן געזאַנג איז זיכער געגאַנגען די אומריטמישע פאָרם פון מעלאָדישער אימפּראָוויזאַציע. אַזוי, למשל, קאָנען מיר זיך גאַנץ לייכט פאָרשטעלן, האָבן די נביאים אימפּראָוויזירט פאַרן עולם זייערע פּייערדיקע רייד; אַזוי האָבן שפּעטער די דרשנים געדאַרפט רעדן פאַרן עולם אין די שולן און אַזוי האָט מען אויך זינגט עזראס צייט פאָרגעלייענט פון דער תורה, פון די נביאים און פון די אַנדערע הייליקע ספרים.

אָבער אין בית־המקדש, וואו עס איז געווען דאָס קאָלעקטיווע געזאַנג פון כאָר און אָרקעסטער, אין קיניגלעכן הויף, וואו עס זיינען געווען כאָרן און זינגערס און זינגערינס, אין די טרינק־הייזער וואו מע האָט געווילט דעם עולם מיט מוזיק, אין די פּראָצעסיעס ביי אַלערליי געלעגנהייטן, וואו עס איז געווען געזאַנג, אָפט באַגלייט מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, צווישן וועלכע אויך אַזעלכע ריינע באַצייכענער פון טאַקט און ריטם ווי צימבאַלן און פּייקלעך — אָט דאָ האָט די מוזיק זיכער געמוזט זיין ריטמיש, ווייל אָן ריטם איז ניט מעגלעך קיין קאָלעקטיווע מוזיק.

מיר האָבן היינט ניט קיין שום באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון די ריטמישע געזאַנגען ביי יידן אין דער אוראַלטער ביבלישער צייט. נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש איז אין יידישן לעבן פאַרבאָטן געוואָרן יעדער סאָרט פריילעכקייט און יעדער סאָרט מוזיקאַלישע פאַרווײלונג. געבליבן איז נאָר דאָס איינפאַכע געזאַנג פון תפילה, פון לייענען די תורה, די נביאים און די פינף מגילות און אויך דאָס געזאַנג פונעם „לערנען".

דאָס דאָזיקע איינפאַכע געזאַנג איז פון ארץ־ישראל איבערגעטראָגן געוואָרן צו די גלות־לענדער, און דורך דעם זכרון פונעם פאָלק איז עס איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און געבליבן אָפּגעהיט און גאַנץ ביזן היינטיקן טאָג.

אָט די ביבלישע ניגונים און תפילה־נוסחאות קאָן מען באַטראַכטן ווי דאָס „לשון קודש" פון אונזער ליטורגישער נגינה, ווייל וועגן זייער ביבלישן אָפּשטאַם איז היינט, אַ דאַנק די אויספאָרשונגען פון אַזעלכע מוזיקאָלאָגן ווי א. צ. אידעלסאָן און אַנדערע, מער קיין ספק ניטאָ.

אָבער אין גלות האָבן אידן מער ניט געקאָנט לעבן מיט „לשון קודש" אליין; זיי האָבן געמוזט אָננעמען אַנדערע דיאַלעקטן און אַנדערע מיטלען פון אויסדרוק. זיי האָבן זיי איבערגענומען פון דער פרעמדער סביבה און זיי גלייך פאַרדרייט אויפן יידישן שטייגער, ד"ה, זיי האָבן איבערגעקנאָטן דעם פרעמדן אידיאָם און אים געגעבן אַ יידישע צורה. דאָך ניט אומעטום האָט זיך יעדן גלייך איינגעגעבן צו יידישן דאָס פרעמדע. קיין אַראַמיש־יידיש איז ניט באַשאַפן געוואָרן. אָבער ספּעציעלע אומשטענדן האָבן, ווייזט אויס, געווירקט אַז עס זאָל באַשאַפן ווערן אַ שפּאַניש־יידיש און אַ „יידיש־טייטש" ביי אונדזערע אשכנזישע יידן. און ספּעציעלע אומשטענדן האָבן אויך געווירקט אַז אין דער ליטורגישער נגינה ביי די ספרדים זאָל זיך שאַפן אַ באַזונדערער „דיאַלעקט" ווי אַ צוגאָב צום „לשון קודשדיקן" עלעמענט און אַז ביי אונדזערע אשכנזים זאָל אַנטשטיין אַ מוזיקאַלישער „יידיש־טייטש" ווי אַ צוגאָב צום טראַדיציאָנעלן ביבלישן עלעמענט, וועלכער איז ביי אונדז אין די גרונט־דעטאַלן דער זעלביקער ווי ביי די ספרדים.

צום גליק האָט די יידישע שאַפונגס־פעאיקייט זיך ניט אָפּגעשטעלט מיטן אַוועקגיין אין גלות. ווען אונדזער טראַדיציאָנעלער געזאַנג־פאַרמעגן זאָל היינט באַשטיין נאָר פון דעם, וואָס מיר האָבן געירשנט פון דער אוראַלטער צייט, ווען אונדזער געזאַנג־אוצר, זאָל באַשטיין, הייסט עס, נאָר פון „לשון קודש" וואָלט אונדזער סקאַרבאָווע נגינה באמת געווען זייער און זייער אַן אָרעם לשון. צום גליק האָבן מיר, אשכנזים, אַ זייער רייכן אוצר „יידיש־טייטש" ניגונים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ביי די ברעגן פון ריין נאָך אין די צייטן פון מיטלעלטער און האָבן דאַן אַריבערגעוואַנדערט קיין מזרח־איראָפּע וואו זיי האָבן אָנגענומען נייע וואַריאַציעס, נייע באַאַרבונגען און פאַר דורות און דורות האָט דער ייד געפילט, אַז ער טרעט הייליקן באָדן ווען ער האָט די ניגונים געגומען זינגען. די דאָזיקע ניגונים זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי „מסיני"־ניגונים, כאָטש היסטאָריש און געאָגראַפיש איז דער באַרג סיני קיינמאָל ניט געשטאַנען אין דייטשלאַנד.

א. אַלמי

דיכטער און עסייאיסט. אמתער נאָמען אליהו חיים שעפּס. געבאָרן אין 1892, אין וואַרשע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1913. אַ געלעגנטלעכער מיטאַרבעטער אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען און צייטשריפטן.

דער עסיי־פראַגמענט וועגן אברהם רייזענען איז אַרויסגענומען פון זיין בוך „קריטיק און פּאָלעמיק", פאַרלאַג ש. צוקער, וואַרשע, 1939.

דער דיכטער שמייכלט

אין מיטאָלאָגיע פון די פּאַרצייטישע פעלקער געפינען מיר אַלערליי לעגענדעס וועגן דעם באַשאַף פון דער וועלט. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט מיט אַ טרער, מיט אַ זיפץ, מיט אַ געגעץ, מיט אַ וואָרט.

אברהם רייזען האָט באַשאַפן זיין וועלט מיט אַ שמייכל . . .

אַלע רייזענס געשטאַלטן, טיפן און פאַרשוינען זיינען דורכגעלויכטן מיטן שעפערישן שמייכל פון זייער מייסטער.

שלום־עליכם לאַכט. אברהם רייזען שמייכלט. ער שמייכלט אין זיין פּראָזע, ווי אין זיין ליד.

ס'איז אַ קלוגער, גוטמוטיקער שמייכל, קיינמאָל נישט קיין ביטערער און זעלטן אַן איראָנישער. ס'איז דער שמייכל פון דעם, וואָס זעט און פאַרשטייט. און פאַרשטיין מיינט פאַרגעבן.

אברהם רייזען פאַרגיט זיינע מענטשן פאַר זייערע קליינע מעשים און אפילו פאַר זייער שלעכטס. ביי אים זיינען נישטאָ קיין רשעים און קיין צדיקים. ער ווייסט אַז אין גרעסטן צדיק לעבט אַ שטיקל רשע און אין גרעסטן רשע טליעט אַ שטיקל צדיק.

דערפאַר איז ער קיינמאָל נישט בייז. אָט אַזוי איז דער מענטש, און מען דאַרף דעם מענטש נעמען ווי ער איז, ווי ער שטייט און גייט. אַנדערש וואָלט די וועלט קיין האָפּט נישט געהאַט.

אין דעם זין איז רייזען אַ ספּינאָזיסט. האָט דאָך ספּינאָזאַ אונדז געלערנט: „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין." און רייזען פאַר־שטייט, אַז נישט מיט אויסלאַכן אָדער באַוויינען, צי גאָר שעלטן דעם מענטש וועט מען אים דערהייבן. גייט ער צו צום מענטש פילאָזאָפיש־שמייכלנדיק גוטמוטיק און פּאַטעריש.

ס׳איז נישט ביי אים אַ טעאָריע אַזאַ, אַ שיטה, נאָר דער מהות מענטש און דער תוך קינסטלער אין אים, וואָס האָבן אינטואיטיוו פאַר אים אנגעצייכנט זיין קינסטלערישן וועג.

רייזען איז נישט קיין אָפּטימיסט און נישט קיין פּעסימיסט. ער איז נאָר טיף־מענטשלעך און אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז אים נישט פרעמד.

ער האָט ליב דעם מענטש מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות, מיט זיין ליכט און שאָטן. און דערפאַר גייט ער מיטן מענטש אויף דער ערד, נאָענט פון אים, האַרט ביי זיין זייט.

דערפאַר איז זיין סטיל אַזוי ליכטיק, די פשטות אַליין.

פיינשמעקער מעג זיין פשטות ניט זיין צום האַרצן. אָבער אַלע גרויסע ווערק „ליידן" פון פשטות. נאָך מער: פשטות איז נישט פשוט. קאָן נאָך זיין מער פשטות ווי אין דער ביבל?

רייזען איז ווייט פון ביבלישן סטיל, אָבער אין תוך איז ער ביבליש, אין דער קורצקייט און געפאַסטקייט פון זיין זאַץ, אין דער געהאַמערטקייט פון זיין אַרט דערציילן, פון שילדערן.

אויב איר ווילט איז דאָס — דער עכט־יידישער נוסח.

לייענט די אינדישע „וועדאס" אָדער די „זענד אוועסטא" פון די פאַרסים — אָט די הייליקע שריפטן פון די אור־אַריער — וואָס פאַר־אַ פעלזן־שווערער סטיל, וואָס פאַר־אַ מוראדיקער פלאַנטער אין זאַץ, אין דער שילדערונג, קוים דעו אָטעם אָפּצוכאַפּן.

און וואו דערפירן זיי? צו די זעלביקע אמת׳ן, וואָס די ביבל. נאָר די ביבל פירט אייך אויף איר וועג אַזוי שוועבנדיק־ליכט, גרינג־געמיטיק, גרינג־אָטעמדיק.

אברהם רייזען איז געבענטשט מיט דער גרויסער יידישער מתנה — צו שרייבן ליכט און פשוט וועגן טראַגישע מענטשלעכע שיקזאַלן. זיין שאַפונגס־וועג איז אַן אַנגענעמער שפּאַציר־גאַנג, אָבער ער דערפירט אונדז צום סוף צו הויכן און טיפן, צו די לאַבירינטן פון טראַגישן מענטשלעכן גורל אויף דער ערד.

לאַמעד שאַפּיראָ

דערציילער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1878, אין שטעטל זשישעוו, אוקראַינע. געקומען קיין אַמעריקע צום ערשטן מאָל אין 1906, צום צווייטן מאָל און אויף שטענדיק אין 1911. וואוינט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס.

די עסיי וועגן „עסיי" וואָס מיר דרוקן דאָ איבער איז אַרויסגענומען פון שאַפּיראָס בוך „דער שרייבער גייט אין חדר", פאַרלאַג „אַליין", לאָס אַנדזשע־לעס, 1945.

עסיי

איך וואָלט אינגאַנצן ניט געזוכט צו דעפינירן דעם „ריינעם" עסיי, נאָר צו כאַראַקטעריזירן דעם עסייאיסטישן סאָרט שרייבן — ניט דעם „עסייאיסטישן מענטשן". פּרואווט, אויף טשיקאַווּעס, דעפינירן „ריין" דאָס ליד, די דערציילונג, דעם ראָמאַן — יעדע איינע פון די ליטעראַרישע פאָרמען — און איר וועט פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין אַ געדיכטן פאַרפּלאָנ־טערטן וואַלד. אַלע ליטעראַרישע פאָרמען גיסן זיך אַריין איינע אין דער צווייטער, און אַ זשורנאַליסטישער אַרטיקל, אַזוי גוט ווי אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג, קאָנען פאַר אונדז אין די אויגן זיך פאַרוואַנדלען אין ליטע־ראַטור — דורך דער עסייאיסטישער פאָרם וואָס איז באמת דער אָנהויב פון ליטעראַטור. אַזעלכע שרייבער ווי ליטטאָן סטרעטשי, אָדער אַנדרע מאָרוואַ האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין זייערע בעלעטריסטישע ביאָגראַפיעס דורכן עסיי. ווען עמאַנועל קאַנט, וועמען עס איז פאַרגעשריבן צו זיין שטייף און פאַרקנעפּלט ביזן גאָרגל, זאָגט אַזוי ליריש און שטיל: „דער אויסגעשטערנטער הימל איבער מיין קאָפּ און דער קאַטעגאָרישער אימפּע־ראַטיוו אין מיין האַרצן" דערזעט איר בחוש די שימערירנדיקע זילבערנע שיין וואָס דער „אויסגעשטערנטער הימל" וואַרפט אויף דעם באַקעטן סקעלעט פון „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו". אָדער ווען דער זעלבער פילאָזאָף הויבט אָן זיין פאָרשונג פון דעם „דינג אַן זיך" מיט די וואָרגענדיקע ווער־טער: „און איצט לאָזן מיר זיך אַרויס אויף אַ נסיעה אין אומבאַקאַנטע, ניט־אויסגעפאָרשטע, ניט־מאַפּירטע וואַסערן" — דערשפּירט איר דעם פאַך פון די פליגל פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע. קאַרל מאַרקס עפנט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" מיטן זאַץ: „איבער איראָפּע האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער ספּעקטער פון קאָמוניזם" . . . באַמערקט, ווי די אַלע שרייבער ציִנדן אָן אייער פאָרשטעלונגס־קראַפט, ווייל זייער אייגענע איז

אַנגעצונדן. די טעמע קאָן זיין „אַ געבראָטן חזירל", ווי ביי איינעם פון די ענגלישע עסייאיסטן; אָדער אַ שאַלנדיקער רוף צו רעוואָלוציע, ווי ביי מאַרקסן; אָדער אַן אַריינדרינג אין „אומבאַקאַנטע וואַסערן" פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, פון איין זייט, און פונעם „דינג אַן זיך" — פון דער צווייטער. געמיינשאַפטלעך צו זיי אַלעמען איז דאָס, וואָס זיי באַנוגענען זיך ניט מיט ריינער עקספּאָזיציע: זיי זוכן אַרויסצוקריגן פון לייענער אַן עמאָציאָנעל־עסטעטישן אָפּקלאַנג. דאָס איז ליטעראַטור, און דאָס זיינען מאַניפעסטאַציעס פונעם עסייאיסטישן סאָרט שרייבן.

איך ווייס ניט צי עס וועט עפּעס וואָס קלאָרער מאַכן, אויב איך וועל זאָגן, אַז איך האַלט די מאָצאַרט־מוזיק פאַר „עסייאיסטיש" אין איר כאַראַקטער.

„דער עסיי שטייט ביים שיידוועג פון אַלע ליטעראַרישע פאָרמען." ער קאָן האָבן אַ ציל און וועלן אים דערגרייכן. אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט אויסשליסלעך אויף לאָגישער אַרגומענטאַציע — ער שטרעבט צו באַווירקן עסטעטיש־עמאָציאָנעל. אויב זיין טעמע איז אַבסטראַקט און „גרויס" נעמט ער זי אָן ביי אירע וויטאַלע, ווי מעגלעך קאָנקרעטע, פּונקטן; אויב זיין טעמע איז „קליין", טאָג־טעגלעך, טריוויאַל — גיט ער אַרמז אויף איר שייכות צו גרעסערע אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

שלמה ביקל

עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1896, אין שטעטל איס־טיטשקע, מזרח־גאַליציע. געלעבט צווישןביידע וועלט־מלחמות אין רומעניע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1939. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג".
די עסיי וועגן אַפּאַטאַשוס סטיל איז אַרויסגענומען פונעם בוך „דעטאַלן און סך־הכלען", פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1943.

אַפּאַטאָשום סטיל

ניטאָ, דאַכט זיך, קיין צווייטער שרייבער אין דער יידיש־פּראָזע וואָס זיין שפּראַך זאָל אָטעמען מיט אַזויפיל באַוועגלעכקייט און מיט אַזויפיל קראַפט ווי יוסף אָפּאַטאָשוס. זיין אופן פון געשטאַלטונג האָט עפּעס ווי גע־שטעלט אויף רעדער דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אַרויסגעריסן פון רואיקייט די קינסטלערישע מאָדעלן זיינע. און עס גייט ניט נאָר

וועגן דעם, וואָס אָפּאַטאָשו האָט טעמאַטיש געדעקט גרויסע שטחים פון יידישער טעריטאָריע און יידישער היסטאָריע. דאָס האָט אַש געטאָן באַ־גלייך מיט אים. עס האַנדלט זיך וועגן דער דינאַמישקייט מיט וועלכער אָפּאַטאָשו האָט אויסגעפּילט אַזוי צו זאָגן, אַלע מינוטן אין דעם מעת־לעת אין אַלע צייטן פון זיינע געשטאַלטן. עס איז גלייך ער זאָל ניט וועלן דער־לאָזן קיין איין ליידיק־גייערישן מאָמענט נישט אין דער אויסערלעך־פּיזישער און נישט אין דער אינערלעך נשמהדיקער פאָרמאַציע פון זיינע ליטעראַרישע פּאַרשוינען און זאַכן און אפילו ניט אין זייער אַרום פון געזעלשאַפט און נאַטור.

צו אַט דער געשטאַלטונג־כּוונה פונעם לעבן אינעם פּראָצעס פון לעבן האָט אָפּאַטאָשו צוגעפּאַסט זיין סטיל וועלכן מע וואָלט געקענט אָנרופן אַ סטיל פון צייטווערטער. וואָרים ביי קיינעם פון די אַנדערע וויכטיקע פּראָזע־שרייבער אין יידיש דאָמינירט ניט אין אַזאַ מאָס דאָס צייטוואָרט ווי ביי אָפּאַטאָשון. דאָס הויפּט־וואָרט פּרעזענטירט זיך אין זיין שפּראַך צום סאַמע גרעסטן טייל ניט מיטן גרים פון זיין אייגנשאַפט, נאָר מיטן ריטם פון זיין טואונג.

דער אַדיעקטיוו אפילו דער סאַמע ריכטיקסטער איז דאָך פאַרן הויפּט־וואָרט ערגעצוואו אַ אָפּשטעל אין צייט, ערגעצוואו אַ מאָמענט פון מער אָדער וויניקער געקינצעלטער שטייפקייט פאַר דער הנאה וועגן פונעם פרעמדן אויג. דאָס צייטוואָרט דאַקעגן אפילו אַזאַ גליווערדיקס ווי „רוען" האָט אין זיך דעם ברויז פון דינאַמיק, פון נאַטירלעכער באַוועגלעכקייט לשם לעבן.

ווערט טאַקע דערפאַר יעדע סיטואַציע, אפילו די סטאַטישע פּאָזיציע פון „רוען", ביי אָפּאַטאָשון געשטאַלטעריש פאַנענדערגעלייגט אויף אירע באַוועגונגס־טיילן און די לעבעדיקע גאַנצקייט, און ניט נאָר די גאַנצקייט, נאָר אויך דער קינסטלערישער צמצום פון דער גאַנצקייט ווערט באַשאַפן פון דעם צונויפשפּיל פון די איינצעלנע טואונגען.

אַט, למשל, האָט מען ביי שמעון פויער אין הויף פרי נאַכט געמאַכט און אין שטאַל האָט זיך באַזעצט די רו. איז, ווי אַזוי ווערט זי אונדז באַוויזן?

„אין די שטאַלן האָבן קי געאַרבעט מיט די בייכער ווי מיט בלאָז־זעק. פערד זיינען נישט איינגעשטאַנען, זיך געריבן אָן די ווענט, צע־

שאָטן די פּאַשע מיט די נאָזלעכער, גערִיסן פון בענקעניש די קאַ־רעטעס."

אַזוי די בהמות. און די מענטשן?

„די פּאַראָבקעס זיינען געלעגן אויף בונטן שטרוי מיט פאַר־ריסענע קעפּ, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון בהמה־מיסט, פון צעפּאַרעטן ווייבער־לייב, וואָס איבער די ווענט, געלאָזט קנוילן פּאַרע צו די באַלקענס און די אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן געווײנט פאַר צופיל שפע."

(„יוגנט", געזאַמלטע ווערק, באַנד 3, ווילנער פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1929).

די סטיליסטישע שפּאַרעוודיקייט אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער געשטאַלטונג איז, ווי מיר דאַכט, איינע פון די סאַמע שווערסטע און וואונ־דערלעכסטע פּראָזע־דערגרייכונגען, וואָרים דער צמצום ווערט דאָ פאַר־ווירקלעכט אין סאַמע מיט פון שפּראַך־רחבות. עס ווערן דאָ ניט גענוצט קיין סינטעטישע אַדיעקטיוון אויף איינצופאַנגען און אַרויסצוברענגען די נאַכט־רו אין שטאַל. עס געשעט ווי אין נאַטור: דער טייך מורמעלט ליאַרעמדיק, דיביימער ניט זיי שושקען זיך, נאָר זיי רעדן זיך איבער מיט זייערע בלעטער הויך און אויף אַ קול און גאַנץ לעבעדיקע באַשעפעניש האַלטן אויך ניט איין דעם אָטעם, נאָר זיי רייסן זיך די העלדזער אַיעדעס אויף זיין אופן — און אַזוי פון אַט דער שפע פון רעש באַקומט זיך דאָס די אַזויפיל באַזונגענע נאַכטישע שטילקייט אין וואַלד. פון אַט דער אויסער־לעכער באַוועגלעכקייט פון אירע טיילן גייט אויף די אינערלעכע מיסטעריע־שווייגעוודיקייט פון דער נאַטורס גאַנצקייט.

און ווי אין דער נאַטור אַזוי איז אויך מן הסתם אין דער קונסט. דער סוד פון האַרמאָניע באַווייזט דאָס דאָזיקע וואונדער פון געשטאַלטונג און אַ דאַנק דער רעאַליזירטער צוועקמעסיקייט אין פּראָפּאָרציע פון טוער און טואונג ווערט אַחוץ אַ שטענדיקער באַוועגלעכקייט פון ספּור המעשה אויך דערגרייכט דאָס וואָס איבער אָפּאַטאַשוס שפּראַך, דער דינאַמישסטער שפּראַך אין אונזער פּראָזע, שפּרייט זיך די גרעסטע מאָס פון ווערדע און פון רואיקער זיכערקייט — פון מענלעכקייט אין אונדזער פּראָזע.

אין שלום אשס שפּראַך דאָמינירן לירישע טענער. פון לאַמעד שאַ־

פיראָס לשון רייסן זיך אַקאָרדן פון סאַטירישן פּאַמפלעט. פון דוד בערגעל־סאָנס סטיל טראָגט זיך דער ניגון פון עלעגיע. אין יוסף אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דערציילונגען, אין וועלכע עס ברויזן אָפט אַזויפיל ליידנשאַפטן, עס צינדן זיך מיט אַזויפיל גבורה באַגערן פון גוף און נשמה — דוקא אין זיי איז דערגרייכט געוואָרן יענע זעלישע גלייכוואָגיקייט פון געשטאַלטונג, וועלכע קומט צושטאַנד דעמאָלט ווען קראַפט פאַרבינדט זיך מיט ראַפינירטקייט.

עס איז אין אָפּאַטאָשוס סטיל פאַראַן יענער זעלטענער צוזאַמענשפּיל פון מאַטעריע און גייסט, וואָס דערמאָנט אין די מאַנצביל־סקולפּטורן פון די אַלטע גריכישע מייסטערס. מען קוקט אויף אַזאַ באַרימטער שטיין־פיגור און עס דאַכט זיך, אַז איבער איר פּלייצע האָט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אַראָפּגעלאָזט די קאָנקרעטקייט פון פלייש און מוסקולן און זי פאַרנעמט דעם גאַנצן פּלאַץ. וואו קומט דאָ צום אויסדרוק דער גייסט? ער ליכטיקט זיך אין די אינערע באַוועגונגס־ליניעס פון דער שטיין־מאַסע, אין די מיט וואונדערלעכער דינקייט און ראַפינירטקייט אויסגעמאָסטענע דיסטאַנצן, אין פאַנאַנדער־געלאָף און אין קרייץ־געיעג פון די דיקע און געשפּאַנטע פלייש־רימענס.

אין אָפּאַטאָשוס שפּראַך איז מיט אומפאַרמינערטער גאַנצקייט פאַרבליבן די שפּראַכלעכע פלייש־מאַסע, איך מיין די מאַסיווע קאָנקרעטקייט פון ווערטער, פון אידיאָמען און שפּראַך־ווענדונגען פון רעגענסבורג, פון מלאווע און פון ניו־יאָרק. אַלע זיינע געשטאַלטן צי איז דאָס דער אַלטער צירונג־הענדלער פון קיסריה, קיוועקע גנב פון מלאָווע, די טענצערין רויזלין פון „אַ טאָג אין רעגענסבורג", אָדער רעגינע פון „ארום גרענד סטריט", צי גאָר אפילו משה העס אין 1863, אָדער דער אַסטראָווצער רבי, וואָס האָט אַ האַלב יאָרהונדערט געפאַסט תעניתים — אַלע שטייגן זיי אויף פון אָפּאַטאָשוס שפּראַך־קאָנקרעטקייט און רעדן כמעט דורכאויס קאָנקרעטע רייד. דער גייסט פון טיפע עטישע וועלענישן און די הייסע שטרעבונג צו אַ העכער לעבן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישע פאַרשוינען גייט אויף סטיליסטיש נישט פון אבסטראַקציעס, נישט פון ציטערדיק געפּיעשטשעטע ווערטער און אויך ניט פון אַריינטאַטואירטע פסיכאָלאָגישע פאָרמולעס, נאָר פון דער זעלטן יוגנט־

לעכער בויגעוודיקייט, מיט וועלכער ער ברענגט אריין באַוועגונג אין דער אַלטער און סאָלידער שפּראַך־מאַטעריע זיינער. אַפּאַטאָשוס סטיל איז, אַזוי צו זאָגן, דער וואונדער פון לייכטקייט מיט וועלכער עס באַוועגט זיך די שווערקייט.

ב[נימין] טוטשינסקי

ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1898, אין קעשענעוו, בעסאַראַביע. דאָרט געוואוינט ביז צום יאָר 1940 און זיך פאַרנומען מיט לערעריי. זינט 1940 ניטאָ פון אים קיין ידיעות. טוטשינסקי האָט אַרויסגעגעבן דריי גרעסערע ליטעראַטור־קריטישע שטודיעס אין בוך פאָרם: 1) „דער משיחיזם אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, קעשענעוו, 1930; 2) „אונטער דער האַק", פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגע, 1935 און 3) „בין השמשותן און שטורעמ־ווינטן", פאַרלאַג „טשערנאָוויצער בלעטער", טשערנאָוויץ, 1935.

די עסיי וועגן ליוויקן איז אַרויסגענומען פון דער גרעסערער שטודיע וועגן לייוויקן, „אונטער דער האַק".

ה. לייוויק — דער דיכטער פון ליידן

לייוויק דערלויבט זיך ניט קיין איין שמייכל אין זיין שעפערישקייט. ער דערלויבט ניט, אַז אפילו אויף איין רגע זאָל אַ שטראַל פון לייכטזין זיך אריינגנבענען צונ'אים און אים העלפן זיך פאַרגעסן. און מיט דער זעלבער שטרענגקייט ווי צו זיך אליין באַציט זיך לייוויק אויך צו זיינע העלדן.

לייוויקס העלדן געהערן צו יענע העראָאישע עקשנים, וואָס ווילן ניט אָננעמען קיין צוגעוואָרפענע רעשטלעך, ביז ס'וועט ניט אָפּגעגעבן ווערן דער מענטשהייט דאָס גאַנצע לעבן, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב.

זאָל מען מאַזען און לייוויקס דראַמע „שמאַטעס" געוועזן וועלן באַ־שענקען מיט פאַטערלעכן גליק, ער זאָל אויף אַ רגע פאַרגעסן אין דער אונטערשטער טרעפּ, צו וועלכער דאָס לעבן האָט אים אַראָפּגעשטויסן און זאָל דערזען די אָפּנאַרערישע האַנט פון גורל, וועלכע פּרוווט אים כלומרשט אַרויפצוציען. עס וואָלט פאַר קיין פאַל ניט געלונגען! זאָל לייוויק געוועזן דערלויבן דעם גולם צו זיין כאָטש אַ מעת לעת לאַנג אַ בשר ודם און צו פאַרזוכן פון ערדישקייט ווי דאָס געשעט מיט מיליאָנען. זאָל דער גולם געוועזן אויך איינזאַפּן אין זיך דאָס צופּיל־מענטשלעכע וואָס איז אין יעדן פון אונז און זיך כאָטש איינמאָל איינפאַך קינדעריש, זאָל זיין לעפּיש און

גולמדיק, צעדונערן מיט אַ צופרידענעם געלעכטער. זאָל הירש לעקערטן געווען אויך צוגעשאַרט ווערן כאַטש אַ זשמעניע צערטלעכקייט; זאָל ער ניט געווען דאַרפן אָפרייסן פון זיך מיט גוואַלד די פרויען־ליבע, די געטרייע, פאַרשטייענדיקע, אַלץ פאַרצייענדיקע ליבע, וואָס שטויסט גאָר ניט אָפּ, נאָר טרייבט צו העכערער טאַט.

לייוויק האָט דאָס ביי זיך ניט געקאָנט פועלן.

עמיצער האָט פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ תפיסה, עמיצער האָט דאָס פאַרוואַנדלט אין חורבות. אויף די טויערן ליגן שלעסער. אין די קאָרידאָרן הענגען חלפים, העק, שטריק; דורך די פענצטער טראָגט זיך נישט קיין זונען־ליכט און נישט קיין בלומען־געזרוך; פון אַלע זייטן הערט מען קרעכצן, קייטן־געקלאַנג, יללות, קללות פון געפייניקטע.

ווער ס'וויל, מעג פוצן זיין תפיסה מיט שערבעלעך, מעג דערפרייען זיין אויג מיט ברעקלעך בלויקייט פון אַ הימל צו וועלכן מע וועט נישט גרייכן. לייוויק האָט אַלץ אַרויסגעשליידערט פון זיין אייגן לעבן און פון דעם לעבן פון זיינע העלדן.

לייוויק גלויבט נישט אין אומקום פון דער וועלט, דאָס הייסט אין זיג פון שלעכטס און פינצטערניש. לייוויק גלויבט, פאַרקערט, אין פאַרענדערונג, אין גאולה. די לעצטע אָבער קאָן ערשט קומען דענסמאָל ווען מע וועט אויפהערן אַראָפּ און אַרויף גיין אויפן עשאַפאָט און מע וועט אין פייער פון וויטיק אויסגעלייטערט ווערן אינגאַנצן.

שוין פון די ערשטע באַוואוסטזיניקע מינוטן פאַלט אָן אויף לייוויקס גולם (העלד פון זיין דראמאטישער פאָעמע „דער גולם") אַ מורא פאַר די צוימענדיקע פיר ווענט פון דער עקזיסטענץ. ער שוידערט און וויל אַנטלויפן. אומענדלעך זיינען די ליידן פונעם גולם. אין מיסיע דערפילט, אַ צווייטע — וואַרט אויף אים. קיין אַנדער פלאַץ איז פאַר אים ניט אָנגעגרייט אַחוץ דעם פּאַליש. קיינער שענקט אים ניט קיין דאַנק־ווערטער, קיין ליבע, קיין טרייסט־צוזאָגן. פאַר אַלע טאַטן — אָפּשטויס, חוזק, גלייכגילטיקייט ווי צו אַ הענטל פון אַ האַמער, צו אַ פייער־לעפל. און די לעצטע רגע, די שרעקלעכסטע, דער נישט פאַרדינטער טויט פאַרן גערעכטן רעוואָלט, פאַרן פּרוּאוו זיך דורכצושלאָגן אַ וועג, פאַר אומרו אין וועלכן ער אליין איז ניט שולדיק, פאַר באַנוצן זיך מיט אַ האַק צו וועלכער ער

האָט ניט געבענקט, וואָס איר ראָל האָט ער נישט פאַרשטאַנען און צו וועלכער מע האָט אים צוגעשטעלט ווי אַ שטומען צוגאָב . . .

אָבער אויך דעם מהר״ל איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. מיר זייגען אים נישט מוחל זיין דעספּאָטיזם, זיין אכזריות צו די בעטלערס, זיין מאָרד פונעם גולם, אָבער ער אליין איז הוילער פּיין. אויך ער האָט נישט „אויס־געהיט זיין האַרץ פון טרויער, פון צער, פון רחמנות״; ער האָט געוואָלט העלפן און ליידט שרעקלעך ווען ער מוז פאַרטרייבן פונעם „פינפער־שלאָס״ דעם יונגן בעטלער, משיח בן־דודן. מיר זעען פאַר זיך דעם מהר״ל אַ געפּעניגטן מיט דער קייט פון פליכט. זיין האַרץ ווערט אָפּגעגאָסן מיט בלוט ווען ער טרייבט אוועק דעם וואָס איז אים צום ליבסטן, צום טייערסטן.

און ווי שרעקלעך זייגען דיליידן פון תנחומען, וועלכער צעשפּרייט זיינע אָרעמס, פאַרוואָרפט די אויגן, ציט אויס דעם האַלז, ציט זיך אויס דורך אַלע צעלעכערטע פענצטער, די ליידן פון תנחומען וואָס איז דער סימבאָל פון פאַרצווייפלונג, דער אָנזאָגער פון וועלטס חורבן, דער „האַר פון חורבות״.

תנחום גלויבט ניט אין אויסלייזונג. ער רייסט קריעה און ס׳דאַכט זיך אים, אַז „אַלע לאָזן וואַרטן דאָך אויף אים, ער זאָל זיך צורירן צו זיי און זיי צעררייסן.״

דער מהר״ל, תנחום, דער גולם זייגען ווי לעמער אויפגעשטעקטע אויפן בראָט־אייזן. פון יעדן טריפט זיין בלוט. יעדער פון זיי ווערט אויפגעצערט פון די גיריקע פלאַמען, יעדער פון זיי איז פאַרמשפּט צו טראָגן אַ יאָך, צו מאַטערן זיך און קיין איין רגע זיך ניט אָפּצורוען פון זיך אליין . . .

דאָס איז לייוויקס גאַנג אין לעבן.

„. . . נאָך יינגלווייז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן.
. . . און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט, אין ווייטער עלטער,
עפּעס גרויסעס וואונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען.״

דער קורסיוו ביים וואָרט „ליידן״ איז ניט לייוויקס, ער איז אָבער ווייט ניט קיין גרייז. ער פּאַרט זיך האַרמאָניש מיט די צופעליק־צוואָרפענע

שורות פון אַנדערע זיינע לידער, אין וועלכע עס איז איינגעשלאָסן איין זינען, איין שטענדיקער כאַראַקטער און עקשנותדיקע אויסגעהאַלטנקייט:

„ס'ווילט זיך אים קניען פאַר אַלעמענס אויגן
און ווי ברויט זיך אָפּגעבן דער הונגעריקער וועלט.”

ער האָט געזען אַלע פייניקונג־אינסטרומענטן: תליות, העק, חלפים, געפילט זייער שאַרפקייט, שפּיציקייט אויפן אייגענעם לייב און מיט אַנט־שלאָסנקייט אַנגענומען אַלץ פאַר ליב. לייוויקס שאַפונג — אומאָפּהענגיק פון איר גרויסן אָריגינעל־עסטעטישן ווערט — האָט רעהאַביליטירט די יידישע ליטעראַטור אין קינסטלעריש־עטישן זינען.

און די גרויזאַמע פּריווילעגיע, די פּריווילעגיע פון ליידן צוזאַמען מיט אַ דערנער־קראַנץ, איז צום ערשטן מאָל איבערגעגעבן געוואָרן אַ פּאַר־שטייער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

ד"ר א. מוקדוני

טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער. ריכטיקער נאָמען אַלעקסאַנדער קאַפּעל. געבאָרן אין 1878, אין שטעטל לעכעוויטש, ווייסרוסלאַנד. געקומען קיין אַמע־ריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל”.

דאָס אַרטיקל וועגן באַריישאָס „דער גייער” איז אַ טייל פון ד"ר מוקדוניס רעצענזיע אין „מאָרגן־זשורנאַל” (דעצעמבער, 1943).

יידיש געוויסן אין אַ כאַאָטישער צייט

דער העלד פון דער פּאָעמע, נח, איז פון אויבן אויף אַ רעאַליסטישער כאַראַקטער. ער טראָגט אויף זיך סיי די גרויע אויסערלעכקייט פון דעם רעאַלן לעבן, סיי די אינערלעכע גייסטיקע קאָנוואולסיעס פון אַן אומרואיקן מענטשן אין דעם רעאַלן לעבן.

אָבער אין תוך איז נח אַ סימבאָל.

נח סימבאָליזירט דאָס יידישע געוויסן, די יידישע מאָראַל.

און דער דיכטער מנחם פירט דורך זיין סימבאָלישן העלד, דאָס יידישע געוויסן, די יידישע מאָראַל, דורך אַ צייט ווען דאָס יידישע לעבן מאַכט דורך שווערע און פאַטאַלע איבערבראַכן.

עס איז די צייט ווען די השכלה מאַכט אירע ערשטע אָפּגעהיטע טריט אין יידישן לעבן, עס איז די צייט ווען דער אַלטער שטייגער הייבט זיך אָן

צו צעפאַלן. עס איז אַן איבערגאַנגס־צייט און דעריבער אַ צייט פון גייס־טיקן כאַאָס, פון גייסטיקער וואַקלעניש און פון גייסטיקער הפקרות אפילו.

און אַט אין דער דאָזיקער מאָראַלישער יידישער ערדציטערניש מאַכט „דער גייער נח" זיינע „עקסקורסיעס" אין יידישן לעבן און אומעטום וואו ער קומט, ווערט אַפּגעשפּרונגען פון יידן דאָס פאַלשע, דאָס ניט־עכטע און דאָס ניט־יידישע. דאָס יידישע געוויסן שפּאַנט איבערן מאָראַלישן כאַאָס און שלאָגט זיך דורך אַ וועג.

נח ליידט און טריאומפירט, נח קעמפט און זיגט, נח מאַכט פשרות, נייטיקע פשרות, אָבער ער גייט ניט אָפּ אויף אַ האָר פון דער יידישער מאָראַל. נח פאַלט אַריין אין דער ניט־יידישער וועלט, ער פאַלט אַריין אפילו אין אַ רויער חברה פון וואַלד־מענטשן, ער איז צווישן רויע „באָ־סיאַקעס" פון אַ טוץ רוסישע פעלקער, ער איז צווישן אַרבעטער, באַן־בויער, אָבער דאָס ריינע לויטערע יידישע געוויסן צוימט די רויע קראַפט אַרום אים און מאַכט פאַר פריינט די סאַמע געפערלעכסטע און סאַמע רויסטע כאַראַקטערן.

נח זעט אויס ווי אַ שלימזל. ער איז כסדר אַ קליינער פאַרדינער, ער וואַרפט זיך אויף אַלע פרנסות, אָבער ווי נאָר ער דערשפּירט אַביסל פוילעניש, אַביסל פאַלשקייט און אַביסל ניט־ערלעכקייט אין זיינער אַ פרנסה — זוכט ער אַ נייע פרנסה.

אָבער אָט דער שלימזל נח איז אין עצם שטאַרקער פון די שטאַרק־סטע. כיטרעקייט ווערט אָפּהענטיק, ווען זי באַגעגנט זיך מיט אים, גדלות לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ ווען זי שטויסט זיך אָן אויף אים, רויקייט ווערט צעגאַנגען ווי פוטער אויף דער זון, ווען זי שטייט פנים אל פנים מיט אים. זיין שלימזלדיקייט איז אייגנטלעך מאָראַלישע שטאַרקייט. ער האָט כסדר די גרויסע געבענטשטע גבורה צו זיין אַן אָרעמאַן, צו זיין אומאָפּהענגיק און פריי.

דער דיכטער באַריישאַ האָט געדאַרפט האָבן אַ שלימזל צוליב נאָך אַ טעם, צוליב אַ ריין ליטעראַרישן טעם: ער האָט באַדאַרפט דורכפירן זיין העלד דורך דער גאַנצער יידישער וועלט מיט אירע פאַרשיידענע גרופּעס און קלאַסן, ער האָט אים אויך באַדאַרפט דורכפירן דורך דער פרעמדער קריסטלעכער וועלט מיט אירע פאַרשיידענע גרופּעס און קלאַסן.

איז נח געוואָרן אַ גייער. ער גייט איבער דער יידישער און איבער

דער קריסטלעכער וועלט און זיין געוויסן טייטלט אויף דאָס גוטע און עכטע און אויך אויף דאָס שלעכטע און פאַלשע. ער שפּאַנט פון מלמדות צו האַלצהעקעריי אין וואַלד, ער שפּאַנט פון פליטעריי ביז אַ גאמן פון דער „קאַראַבקע", ער גייט איבער די הייזער, ער עפנט פּרעמדע טירן און דערזעט כסדר באַהאַלטענע זינד און עלנט, רשעות און באַהאַלטענע טוגנט.

ער זעט עמך, דעם פּשוטן יידישן מענטשן מיט זיין געזונטער מאָראַל און מיט זיין מחיהדיקער אָפנהאַרציקייט, ער זעט ליכטיקע נשמות אונטער פאַרסמאַלעטע העמט און אונטער פאַרדריפּעטע רעקלעך.

איר גייט מיט נחן און מיט צענדליקער און הונדערטער יידישע כאַראַקטערן שאַרף און קורץ געצייכנט. איר זעט גרופּעס און קלאַסן מיט זייערע שאַרפע קלאַסן- און גרופּעס-פּנימער. יעדע נייע פּרנסה נחס פירט אייך אַריין אין אַ נייער יידישער וועלט.

דער געשיכטלעכער און ליטעראַרישער הינטערגרונט אין מנחם באַ-ריישאַס פּאָעמע איז אַ פעסטער, אַ גרינטלעך דורכגעשטודירטער, אַן אָנגע-וואַרעמטער מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און אַ באַהויכטער מיט אַ דיכ-טערישן געמיט. פון הינטערגרונט קוקט אַרויס צו אייך די יידישע מיסטיק, די קבלה און די פילאָזאָפיע פון דער השכלה. פון הינטערגרונט קוקט צו אייך אַריבער די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַלטע יידישע היס-טאָרישע געשעענישן און רעליגיעז-פילאָזאָפישע דיסקוסיעס באַגעגענען זיך מיט שפּאָגל-נייע און זיי דערקענען איינע די אַנדערע, ווי יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער. היינט און נעכטן באַגעגענען זיך אויף טריט און שריט, יידישער נעכטן מיטן יידישן היינט און פרעמדער נעכטן מיטן פרעמדן היינט. אַ געפלעכט, אַ געמיש פון געשעענישן, אָבער אומעטום איז דער מאָראַלישער זינען, דער יידישער מאָראַלישער זינען שאַרף און בולט אַרויסגעבראַכט.

***

מנחם באַריישאַ באַטראַכט זיין ווערק „דער גייער" ווי אַ היינטיקן מוסר-ספר. און ווען איר זאָלט נעמען בלויז דעם אינהאַלט און די אי-דעאָלאָגישע ליניע פון דער דאָזיקער גרויסער פּאָעמע איז עס אפשר ריכ-טיק. אָבער מוסר-ספרים זיינען לויט זייער מהות ניט קיין קונסטווערק. און ווי עס קומט צו קונסטווערק ווערט דאָס קינסטלערישע דער עיקר, דער גאַנצער תוך.

מנחמען איז אָנגעגאַנגען צו געבן אונדז אַ קווער־שניט פון דעם גייס־טיקן לעבן פון יידן אין אַ געוויסער עפּאָכע און די אָנווענדונג פון דער יידישער מאָראַל דווקא אין דער דאָזיקער עפּאָכע, וואָס איז מאָראַליש צעטומלט און צעטריסלט.

אָבער סוף כל סוף האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ קינסטלעריש ווערק פון פאַרנעם. מיר האָבן דאָ ריינע דיכטונג אויף צענדליקער און צענדליקער טעמעס, ניט קוקנדיק וואָס אַלץ קאָנצענטרירט זיך אַרום דער מאָראַלישער זויבערער פערזענלעכקייט פון נחן. די דערציילונג האָט אין טאָן, אין זשאַנר, אָבער די עפּיזאָדן, די מחשבות וואָס ווערן אַרויסגערופן ביים דיכטער ביי די פאַרשיידענע פאַרקנוילונגען פון זיין העלד און די אינטער־מעצאָס זיינען פון פאַרשיידענע דיכטערישע פאָרמען. אַזוי אַרום איז דאָ אין דער פּאָעמע אַ שלל דיכטערישע פאָרמען.

לעאָ קעניג

עסייאיסט. ריכטיקער נאָמען לייב יפה. געבאָרן אין 1889, אין דאָרף סאלען, מינסקער קרייז, ווייסרוסלאַנד. געלעבט אין ארץ־ישראל, אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך. אין 1912 אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

די עסיי וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַרויסגענומען פון קעניגס בוך „שרייבער און ווערק", ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1929.

מאַרק שאַגאַל און שלום־עליכם

ווען מען זאָל וועלן געפינען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ קינסט־לער וואָס איז אַממייסטן קרובהש, פאַרוואַנדט צו מאַרק שאַגאַלן, דעם מאָלער, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויף שלום־עליכמען.

ס'מעג אפילו אויסזען מאָדנע אויפן ערשטן אויגנבליק: שאַגאַל איז בלי־ספק דער אָריגינעלסטער און אוממיטלבאַרסטער אין דעם נייעם דור יונגע יידישע פּלאַסטיקער און מאָלער; שאַגאַל איז דער רעוואָלוציאָנער, פאַר וועלכן די פאַרשידענע בירגערלעכע און אַקאַדעמישע קונסט־קרייזן שרעקן זיך . . .

און שלום־עליכם איז דער פאָרשטייער פון דעם אַלטן דור יידישע דיכטער און שריפטשטעלער און דאָך זיינען דער אַלטער (אינעם זין פון

שולע) שלום־עליכם און דער יונגער אולטרא־מאָדערנער שאַגאַל צומייסטן, ווי מיר דאַכט זיך, קרובהש אַלס קינסטלער.

איך וועל פּרואווּן דאָס בשותפותדיקע צווישן זיי אַנווייזן אין אַ פּאָר שטריכן:

שלום־עליכם איז דער פאָלקסטימלעכסטער פון די יידישע דיכטער: די בעסטע שטיקער פון זיין פּראָזע זיינען די וועלכע יעדער פשוטער, תמימותדיקער, אָן חכמותדיקער ייד וואָלט געקענט אָנשרייבן אָדער דער־ציילן.

אויך שאַגאַלס הויפּט־כאַראַקטער־שטריך איז זיין פאָלקסטימלעכקייט: זיינע בעסטע לייוונטן טראָגן דעם כאַראַקטער פון פאָלקס־מאָלעריי; עס דאַכט זיך, אַז יעדער פּשוטער דאָרפס־שייגעץ, אָדער תמימותדיקער קליינ־שטעטלדיקער ייִנגל זעט אַזוי נאַטור און לעבן, ווי שאַגאַל זעט זיי אין זיינע עכטע שאַגאַל־בילדער.

שלום־עליכם איז אַ הומאָריסט; שאַגאַל איז דאָס נאָך מער. אַלעק־סאַנדער בענוא האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „אין שאַגאַלס ווערק לייכט זיך גאָטס שמייכל"; דער זעלבער רוסישער קריטיקער וואָלט עס אויך גע־זאָגט אפשר אויף שלום־עליכמן. שלום־עליכמס שמייכל איז מענטשלעכער, געזעלשאַפטלעכער; שאַגאַלס טאַקע „געטלעכער" אפשר אין פאַנטאַס־טישן זין.

דער פאָלקסטימלער איבערגעשפּיצטער מנחם מענדל לאַכט; אין שאַגאַלס בילדער שטשירעט מיט די ציין דאָס יידיש־קליינשטעטלדיקע קינד פון די אייגענע נאַאיוו־קאָשמאַרע זעאונגען אין וועלכע מענטש, חיה און אייגענע טאַטע־מאַמע מישן זיך אויס אין איין געמיש פון פאַרביקע געשטאַלטן.

אויסער מענדעלען איז שלום־עליכם דער ליטעראַרישסטער, דער באַ־רעדעוודיקסטער און מייסט דערציילערישער פון די עלטערע יידישע שרייבער; מאַרק שאַגאַל איז דער ליטעראַרישסטער צווישן די מאָדערנע קינסטלער.

שאַגאַל דערציילט מעשיות אין זיינע בילדער; ער איז כמעט אַ

זשאנריסט, כאָטש ער האָט און וויזט אויך אָפּט אַרויס אַזויפיל ריין־קינסטלערישן פאַרשטענדעניש פאַר פאָרם, פאַרבן און קאָמפּאָזיציע.

ס'זיינען דאָ שטיקער אין שלום־עליכם, וואָס דערמאָנען שטאַרק שאַגאַל־מאָטיוון. למשל, אין איינער פון זיינע לעצטע „אַמעריקאַנער" זאַכן, וואו ער שילדערט „אַ יידן אויף לופט", וואָס דערפילט עפּעס קילס ווי פּעטשאַ אויף דער באַק און ער קוקט זיך אום און דערזעט, אַז גאָר די לבנה איז אויף זיין באַק. אָדער דאָס אומפאַרגעסלעכע שלום־עליכם־בילדל, וואו ער שילדערט טביהן פירנדיק די פאַרבלאָנדזשעטע נגידותטע אין וואַלד . . .

און אַזעלכע צענדליקע מאָטיוון וואָלט מען געקאָנט געפינען אין די ווערק פון דיביידע קינסטלער, מאָטיוון וואָס זאָגן עדות אויף אַ קרובה־שאַפט צווישן זיי. שלום־עליכם איז דער אָנערקענטער מייסטער פון דער יידישער שפּראַך. עס וועט אפשר זיין אַ פּאַראַדאָקס ווען איך וועל זאָגן, אַז אויך מאַרק שאַגאַל, דער מאָלער איז אַ מייסטער פון דער יידישער שפּראַך. איך ווייס נישט פון נאָך אַ יידישן קינסטלער, וועלכער זאָל אַזוי קענען יידיש ווי שאַגאַל. איך מיין, נישט אַזוי קענען ווי זען. שאַגאַל זעט מיט דער הילף פון דער יידישער שפּראַך אָדער דורך איר. ער זעט דער שפּראַכס בילדער און ווערטער. דאָס וואָרט איז נאָך נישט אָפּגע־נוצט און אָפּגעבלייכט אין שאַגאַלס אויגן. נאָר ער האָט געקענט מאָלן אַזעלכע יידישע „בוכשטעבלעכע" בילדער, ווי „אַ ייד גייט איבער הייזער" און אַנדערע.

שלום־עליכם האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שפּראַך. עס מעג אויסזען פאַנטאַסטיש, אָבער אויך שאַגאַל האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שפּראַך: ווי אַן עכטער אוממיטלבאַרער קינסטלער האָט ער פאַרשטאַנען אינטואיטיוו, אַז אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיקער מוזעאום פון פאָלקסטימלעכע בילדער און פאַרמען און נאָר אַזאַ נאַאיווער און צו דער זעלבער צייט ראַפינירטער קינסטלער ווי שאַגאַל האָט געקאָנט וויסן ווי אַזוי אַריינצוגיין אין דעם פאַרשוועכטן היכל פון שפּראַך און דאָרט צו דערזען אוצרות פון בילדער.

יואל ענטין

ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער. געבאָרן אין 1874, אין פּאָהאָסט, ווייס־רוסלאַנד. געקומען קיין אַמעריקע אין די ערשטע נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז אַ מיטאַרבעטער פון אַ רײ ייִדישע צײַטשריפטן און זשורנאַלן.

די באַמערקונגען וועגן יהואשן זײַנען אַרויסגענומען פון ענטינס אַ גרעסערן אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין „מאָרגן־זשורנאַל", דעם 13טן און 20טן אויגוסט, 1944.

וועגן יהואשן

א) דער באַשאַפער פונעם ייִדישן ראָמאַנטיזם

דער דיכטער יהואש האָט מיט אַ כיוון, סיסטעמאַטיש, באַשאַפן אַ ייִדישן ראָמאַנטיזם. געשעען איז דאָס פונקט מיט הונדערט יאָר נאָך דעם ווי עס איז אין דײַטשלאַנד אויפגעקומען דער קריסטלעכער ראָמאַנטיזם.

כאָטש די נײַ־העברעאישע און די נײַ־ייִדישע ליטעראַטור קומען אויף ביידע אין איין צײַט מיטן דײַטשן ראָמאַנטיזם און דער ערשטער דור פון זייערע שעפערס האָט דווקא יאָ געהאַט, אמת, אַ ווײַטע, מגע ומשא מיט די דײַטשע ראָמאַנטיקער — האָבן די דאָזיקע ליטעראַטורן קיין ייִדישן ראָמאַנטיזם ניט באַשאַפן. בלויז בײַם ייִדישן דיכטער ד״ר שלמה עטינגער (געבאָרן 1799, געשטאָרבן 1855) געפינען מיר אַ ראָמאַנטישע באַלאַדע וואָס איז מן הסתם אַ פּשוטע איבערזעצונג פון דײַטש. העברעאישע דיכטער פון יענער צײַט לאָזן זיך נאָך באַאײַנפלוסן פון דעם דײַטשן קלאַסיקער קלאָפּשטאָק. דער דעמאָלטיקער גרויסער העברעאישער פּאָעט, נפתלי הערץ וויזעל, גייט נאָך אין זײַנע „שירי תפארת" דער אַלטגריכישער פּאָעזיע.

אמת איז, אַז אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָבן מיר אי העברעאישע און אי ייִדישע ראָמאַניסטן, וואָס זײַנען שוין ראָמאַנטיש. אָבער סײַ דער העברעאישער אברהם מאַפּו און סײַ דער ייִדיש־שרײַבנדיקער מענדעלע מוכר ספרים געפינען זיך ביידע גאַנץ שטאַרק אונטערן אײַנפלוס פונעם פראַנצויזישן סי, וואָס זיין ראָמאַנטיזם, אַזוי ווי דער ראָמאַנטיזם פון זײַנע צײַט־חברים איז שוין אַ צווייטער, צי אַ דריטער גלגול, פונעם דײַטשן ראָמאַנטיזם. סי האָט איבערגענומען פונעם דײַטשן ראָמאַנטיזם זיין פאַנטאַסטיק, זײַנע אידעאַליזאַציעס און זײַנע אַוואַנטיורעס.

אָבער ניט זיין פילאָזאָפישקייט, ניט זיין רעליגיאָזיטעט און ניט זיין היס־טאָריש־נאַציאָנאַלע שמאַכטעניש.

די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע יידישע בענקעניש הויבט זיך אָן פילן אין דער העברעאיש־יידישער פּאָעזיע פון די לעצטע זעכציקער און דערהויפּט פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, נאָכן אויפקום פון דער ערשטער פּאָזע פון ציוניזם. יהודה ליב גאָרדאָן זינגט דאָן וועגן מלך צדקיהו און וועגן מיטלעלטערלעכע יידישע מאַרטירער. דער דיכטער שמעון פרוג קאָן באַצייכנט ווערן ווי אָן אמתער יידישער ראָמאַנטיקער בלויז אין זיין פאָלקס־לעגענדע „דעם שמשס טאָכטער". קוים וואָרעמער פון פרוגן איז אין זיין יידישן ראָמאַנטיזם אויך דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד.

איז געפאַלן דער גורל אויף יהואשן, וואָס באַוויזן האָט ער זיך אין דער צייט פון פרצס יידישער „פאָלקישקייט" און אויפגעטויכט אויפסניי איז ער ביי דער געבורט פונעם פאָלקס־ציוניזם (ס. ס. און פועלי־ציון) — צו באַשאַפן אַ יידישן ראָמאַנטיזם, צו געבן דער יידישער פּאָעזיע די שול וואָס האָט איר די גאַנצע צייט אַזוי שטאַרק געפעלט.

שוין אין זיין אָנהויב, אין 1890, איז יהואש מיט אַזעלכע לידער ווי „מזמור שיר ליום השבת" און „אויף די פעלדער פון בית־לחם", געגאַנגען מיטן וועג פון דער פאַרצייטיקער יידישער דיכטונג. לויט איך געדענק האָט ער זיין דעביוט אין „פאָרווערטס" געמאַכט מיט דער תנ"ך־פּאָעמע „איוב". כמעט אָן אַן איבעררייס איז זיין דיכטונג אין משך פון יאָרן געווען פאַרנומען מיט תנ"ך־מאָטיוון. נאָכן ערשטן צענדליק יאָר האָט יהואש אויסגעברייטערט זיין פעלד און געשריבן לידער אויף אַנדערע טע־מעס, אָבער אַלץ אָפטער און אָפטער קערט ער זיך אום צוריק צו אַלט־יידישע מאָטיוון. נאָך שפּעטער האָט ער געקרוינט זיין דיכטונג מיט זיין תנ"ך־איבערזעצונג.

יהואשעס ראָמאַנטיזם איז בכן ניט געווען קיין צופאַל, נאָר אַ סיס־טעם; ניט קיין דיכטערישער איינפאַל, נאָר אַ קולט, ניט קיין אויפפלאַקער פון פּאָעטישער גלוסטעניש, נאָר אַ לעבנס־אַרבעט.

און עס איז געווען אַן עכטער, אַן אמת יידישער ראָמאַנטיזם אַט ווי עס איז געווען אַ קריסטלעכער דער ראָמאַנטיזם פון די שלעגעלס און נאָוואַליסעס ביי די דייטשן. יהואש פאַראַפראַזירט ניט, דערציילט ניט

איבער זיינע תנ״כדיקע, תלמודישע אָדער מדרשדיקע געשיכטעס נאָר ער הילט זיי איין אין זיינע פּאָעטישע פלאַמען. ער בענקט און גאַרט נאָך זיינע העלדן פון „אַלטן יידישן ברונען״. ער נעמט זיך אָן מיט זייער פייער. ער שמאַכט נאָך זייער הייליקייט. ער זאַפּט זיך דורך מיט זייערע מענטשלעך־געטלעכע פריידן און ליידן.

און דאָס איז געווען יהואשעס ראָמאַנטיזם, דער יידישער ראָמאַנטיזם, וואָס ער האָט באַשאַפן און וואָס האָט דערנאָך באַגייסטערט און געפירט אויפן זעלבן וועג פון שאַפונג אַזויפיל יידישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער (אברהם ליעסין, ה. רויזענבלאַט, דוד איגנאַטאָוו און אַנדערע).

ב) פּאָעט און פילאָזאָף

יהואש איז אַן אינטעלעקטועלער פּאָעט. ער איז דער פילאָזאָפישסטער אין דער גאַנצער אַלט־נייער פּאָעזיע, כאָטש זי האָט פאַרמאָגט אַזאַ נאַטור־דענקער ווי מאָריס ראָזענפעלד און אַזאַ גייסטיק־פאַרגייסטיקטן דיכטער ווי אברהם ליעסין.

אָבער ניט יהואשעס פּאַנטעאיסטישע פילאָזאָפיע און ניט זיינע איינ־טערעסאַנטע געדאַנקען וועגן לעבן און טויט און אַנדערע אייביק מענטשלעכע ענינים מאַכן אים פאַר אַן אינטעלעקטועלן פּאָעט. אינטעלעקטועל איז ער דערמיט וואָס זיין גאַנצע לירישע פּאָעזיע מיט דער אויסנאַם פון אַ קליינער צאָל ליבע־לידער איז דורכגעזאַפּט מיט געדאַנק.

אפילו יהואשעס בענקעניש־לידער און אפילו זיינע תפילות, וואָס אין פלוג זיינען זיי פּראָסט פשוט שטאַרקער ליריזם, ווערן אַזוי אויסגעשטעלט דורך אַלעגאָריע און פּאַראַלעלן און פאַרמאָגן אין זיך יענעם „קאָסמישן טראָפּן״ וואָס דערהויבט דאָס ליד פון פרט צו כלל, פונעם מאָמענטישן ביז צו דעם וואָס מענטשן אין זייער פאַרצווייפלטן קלאַמערן זיך אין וועלט, רופן אַן אייביקייט.

דעם מענטשנס לעבן איז אַ שפּאַן —
ווי לאַנג וועט מיינס געדויערן ? . . .
און ניט נאָר א י ך און ד ו, ווען ס׳זאָל
די גאַנצע מענטשהייט שטאַרבן,
דער הימל וואָלט ניט אויף אַ האָר,
געביטן זיינע פאַרבן.

דער סטיל פון יהואשעס פילאָזאָפישע לידער איז אַ פעסטער, סאָלידער און געבונדענער סטיל מיט אַ מעטאַלענעם קלאַנג. די שורות בינדן זיך און קלינגען ערנסט, זיכער און רופן אַרויס דרך־ארץ. נישט אַנדערש, יהואש האָט דעם דאָזיקן סטיל וואָס איז ביי אים איין און איינציק, געבאָרגט פון די גרויסע ענגלישע קלאַסיקער פון די מילטאָנס און בראַונינגס מיט וועלכע, ווי עס ווייזט אויס פון זיין ביאָגראַפיע, ער איז נאָך געווען באַקאַנט אין דער אַלטער היים.

ג) יהואשעס תנ״ך־איבערזעצונג

מענטשן האַלטן די תנ״ך־איבערזעצונג פאַר דער קרוין פון יהואשעס פּאָעזיע. זיכער איז זי די קרוין פון זיין לעבנס־אַרבעט.

די תנ״ך־איבערזעצונג איז מן הסתם געווען אַן אַלטער וואונטש ביי יהואשן נאָך פון דער צייט ווען ער האָט זיך געוואָרעמט אין דער גוט־פריינטשאַפט פונעם טייערן ד״ר חיים ספיוואַק. פון יענער צייט האָט עס געשטאַמט יהואשעס און ספּיוואַקס „יידיש ווערטערבוך״ (פון העברעאישע און כאַלדעאישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך) און יהואשעס איבערזעצונג פון פּרק. אַרום 1910 האָט דער דאָזיקער „נאַקעטער אידעאַל״ אָנגעהויבן נעמען אויף זיך גוף אין דער געשטאַלט פון צוויי בענד „ישעיה״ און „איוב״ און פיר מגילות. עס איז געווען אַ נישט גרעסטענע אַרבעט און יהואש אַליין האָט עס דער ערשטער איינגעזען. די צוויי גרויסע פעלערן פון דער אַרבעט זיינען געווען וואָס דער איבערזעצער האָט לחלוטין אויסגעמיטן סלאַווישע און לשון־קודשדיקע ווערטער וואָס זיינען שוין געווען איינגעבירגערט אין יידיש.

צום גליק האָט יהואש, ווי געזאָגט, זיין פעלער איינגעזען און האָט פאַרטראַכט אַ נייע תנ״ך־איבערזעצונג און קומענדיק צוריק פון ארץ־ישראל האָט ער זיך פאַרשפּאַרט ווי אַ נזיר אין זיין הויז און גענומען אַרבעטן אויף דער נייער איבערזעצונג.

ווער עס האָט געהאַט דאָס גליק צו זען יהואשן ביי דער אַרבעט איז פאַרכאַפּט געוואָרן ווי פון עפּעס אַ הויך־ראָמאַנטישן, פּרעכטיקן און שרעקלעכן בילד. עס איז געווען דער לעבעדיקער „סופר״ פונעם באַרימטן יידיש־האָלענדישן מאָלער יוסף איזראַעלס. אַ גראָער פּאַטריאַרך — און דאָס ליכט פון זיין ווייסן קאָפּ און באָרד פאַלט אַראָפּ אויפן טיש און באַ־

לייכט דעם ווייסן פּאַרמעט פון דער ספר־תורה. פּאַליאַנטן ווי גמראָס אויף טיש און אויף בענק און אויפן דיל און אינמיטן זיצט יהואש, מיט אַ געדאַנק־באַלויכטענעם שטערן און צייכנט מיט דער פּען אויפן ווייסן פּאַפּיר. און דאָס שרעקלעכע פון דעם בילד — דער שווינדזיכטיקער דיכטער איז געלאָפן אין אַ געיעג מיטן מלאך המות, ווער וועמען עס וועט אַריבעריאָגן. און צום סוף האָט דער קראַנקער פּאָעט געזיגט. ערשט ווען ער האָט איבּ־גאַנצן פאַרטיק געמאַכט די אַרבעט איז ער געשטאָרבן.

און עס איז אַ פּרעכטיקע, אַ געניאַלע אַרבעט. געלערנט און קאָרעקט ווי נאָר אַזאַ אַרבעט ביי אַן אמתן און פלייסיקן תלמיד־חכם קאָן זיין. שפּראַכלעך דורכגעגנישטערט, דורכגעזאַפּט און דורכגעווייעט מיט אַלע דיאַלעקטן פון יידיש און דערעיקרשט מיט דער גאַנצער נייער און אַלטער יידישער ליטעראַטור. און וואונדערלעך שפּאַרעוודיק איז יהואשעס שפּראַך אפילו פאַר די מינדסטע איבערגאַנגען פון פּראָזע צו פּאָעזיע. אָפט איז די איבערזעצונג גאָר קיין איבערזעצונג נישט, נאָר אַן איבערדיכטונג.

ב[נימין] י[עקב] ביאַלאָסטאָצקי

דיכטער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1892 אין שטעטל פּומפּיאַן, ליטע. איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1911. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

די עסיי „אונדזער ליד אין אַמעריקע" איז אַרויסגענומען פון ביאַלאָסטאָצקיס בוך עסייען, פאַרלאַג „צוויגן", ניו־יאָרק, 1932.

אונדזער ליד אין אַמעריקע

דריי דורות — דריי הויפּט־עפּאָכן.

פריער איז געווען וועלט־ווי. דער תוך פון דעם ליד איז געווען: וועלט, רחמנות אויף דער וועלט, טענות צו דער וועלט, גלויבן אין דער וועלט (אָדער „מענטשהייט").

עדעלשטאַט, דער באַוויינער, ווענדט זיך צו דער וועלט.

באָווישאָווער, דער רעוואָלוציאָנער, רופט די וועלט.

פאַר יהואשן אפילו, דעם שבתדיקן אַליין־זינגער, שטייט אין דער

גרעסטן טייל פון זיין שאפן, און דערהויפט אין דעם, וואס איז עכט יהואשדיק — וועלט, וועלט־צער.

און אויך פאר ליעסינען. אויסנאמען? געוויס! נאר דער הויפט־טאן איז געווען — וועלט, וועלט־ווי — דאס פייער וואס האט דאס ווארט צושמאלצן.

***

„יונגע", בייקייט פון ווארט? עקזאקטקייט פון ווארט? רייניקונג פון ווארט? בייער קאליר? ביט נאר דאס, נאר אויך דער אינערלעכער קאלאריט האט זיך א מינע געטאן און זיך געביטן. אנשטאט „וועלט־ווי" — „היים־ווי". כעס קעגן זארגן זיך אייביק וועגן סתם וועלט, ווי־דערווילן קעגן פאעטישע דרשות; נעענטער צו זיך. איז אנשטאט „וועלט־ווי" געווארן — „היים־ווי".

וואס איז געשען — און איז — דער גרונט־טאן פון די לידער פון י. ראלניקן, מאני לייבן, א. ל. האלפערינען, אייזלאנדן און זישע לאנדוין? איך זע דאס אין דער פארחלומטער, פארבענקטער שאטנדיקייט פון „היים־ווי". דאס איז זייער גרונט־טאן געווען. איינער מער, א צווייטער — ווייניקער. איינער שארפער, א צווייטער — באהאלטענער, אבער דאס איז עס.

אפגעגרענעצטקייט, זייטיק, פרעמדלעך צום לעבן דא, בייזלעך אויף דער שטאט וואס „שלינגט לעבנס איין", אויף די „משוגענע געשרייען" פון דער שטאט.

קוקן און זען און דערמאנען זיך; זכרונות, דעראינערונגען, קליינע פענטערלעך, קליינע הייזלעך, א מיל־ראד; ווערבעס, גאליצישער ערב־שבת, ליטווישע הימלען, אוקראינישע פארנאכטן.

„היים־ווי" און געמיינט האט דאס: לאמיר אויסזינגען דאס וואס אונדז טוט ווי מיט אן אמת.

— היים, מיין היים! . . .

און דעריבער אזא שטילקייט, ראמאנטישקייט, אזא ציטערדיקע, לופ־טיקע מוזיקאלישקייט אין די מערסטע לידער פון „יונגען" פעריאד:

גייט י. ראלניק אין די בראָנקס, דערמאָנט ער זיך:
— איך זע אַמאָל אַ פולע גויים
צווי שטיינער מאָלן מעל אויף ברויט.

און מאני לייב „יאָגט" אויף היימישע ווייסע פערד: יאָגט זיך נאָך היימישע לבנות און זעט אַלץ פאַר זיך געזיכטער און לענדער וואָס זינגען:
אַוועק פון מיר ערגעץ, אַמאָל.

און אַזוי אויך ר. אייזלאַנד. ער זעט מער פון אַלץ — ווייטקייט. און זישע לאנדוי פירט זיך אַרום מיט „דאָרפישע הינט", זעט דאָ לאַנדשאַפטן מיט היימישן לבנה־שיין באַגאָסן. ביי מ. ל. האלפערן גייט ערשט אָפּ די שיף אַהער. י. י. שווארץ וואַרפט אויף די היגע לאַנדשאַפטן היימישע יאַגדעס . . . און אויך ב. לאפינס הינטערגרונט — דערמאָנונג, ווייטקייט, היימישקייט. לייוויק, ווידער אַמאָל: ווייטע וועגן, ווייטע פנימער, ווייטע זעאונגען — זיין גרונט.

זכרונות, היים־ווי, ווייט־ווי.

***

שפעטער.

אין אונדזער היגער בייעסטער פאָעזיע הערט זיך ווי אַ נייער טאָן רייסט זיך גרונטיק צו ווערן. ניט „וועלט־ווי", ניט „היים־ווי", נאָר — „דאָ־ווי".

דאָאיקער צער און דאָאיקער ווי, אַמאָל אויך פרייד, אומעט? ניין, טרויער מער ווי „אומעטיק".

עס פילט זיך דאָ אין די יונגע לידער אונדזערע אַ דאָאיקייט (און מאָדנע דוקא לאנדוי האָט אויסגעטראַכט דאָס וואָרט: „דאָאיק"), אַ נאָענטקייט צום אַמעריקאַנער טאָן — אַלעבפאַלס אַ דערנענטערונג — צו דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. די היימישע בענקשאַפט האָט זיך שוין וויפיל ס'איז איינגעשטילט. נייע מאָטיוון, היגע מאָטיוון קומען צו. מען מאַכט שוין שלום מיט דער שטאָט, אי מיט דער געטאָ דאָ, אי מיט דער אומבאַקאַנטקייט און פרעמדישקייט פונעם לאַנד. יאָ, עס פילט זיך אָן איבערבעטן זיך, שטאָט — ניט שטאָט וואָס לויפט פאַרביי, נאָר שטאָט

וואָס בלייבט. שטאָט ניט אויף בייז־וואונדער, נאָר שטאָט — די אָנ־געגומענע, געוויינלעכע טאָגטעגלעכקייט.

פון „וועלט־ווי" דורך „היים־ווי" צו „דאָ־ווי" דערגאַנגען.

דערגאַנגען? נאָך ניט אין גאַנצן אָבער אַהער גייט דער וועג. פון אָנפאַנג איז אויך ביים דריטן דור — ווי איך באַצייכן אים — געווען „היים־ווי" — דער הויפּט־קוואַל, אָבער דערנאָך איז עס אַנדערש געוואָרן.

די נייערע פּאָעטן האָבן זיך אינגאַנצן באַפרייט פונעם הויפּט־טאָן פון די „יונגע". אָנשטאָט דאָס וואָרט „ווייט", „דאָרט", חזרט זיך אָפט איבער אין די נייע לידער דאָס וואָרט „נאָענט" און אויך דאָס וואָרט „דאָ".

ז. וויינפּער זעט שוין„אויף יעדן סקווער זיין טראָט, בליק, באַריר". אַזוי אויך אפרים אויערבאַך אין זיין צווייט בוך „דער רויטער פּאָדעם" זינגט שוין פון „אונדזער ברודערשאַפט" פון דער באָוערי, פון אָרטשארד סטריט. און א. ניסענזאָן זאָגט איינמאָל און נאָכאַמאָל „בראָדוויי־געוויקס, קאַליפּולסטע פון פלאַנצען", נפתלי גראָס האָט אונטער דער שטימונג פאַרעפנטלעכט זיין בוך „יידן". אָבער דאָס זיינען „יידן" פון וועלכע ער קען שוין זינגען מיט פעסטקייט, פּלאַסטישקייט און טאָן־אָוועקגע־שטאַנענקייט.

„דאָ־ווי" — איז געוויס אויך דער שפּעטערדיקער ראובן לודוויג און אויך יעקב גלאַטשטיין. אגב, די „אינזיך"־גרופּע האָט ווי אַ גרופּע געזוכט אַרויסצוהויבן די דאָאיקייט אונדזערע, זי האָט אַריינגעבראַכט אין דער פּאָעזיע אמעריקאַנער אָטעם.

י. י. סיגאל.

איז דער טאָן ביי אים נאָך אַלץ „יונג"? איז זיין וואָרט — נאָך אַלץ „ווייט"? ניין. אין זיין לעצט בוך איז ניטאָ די בייזקייט אויף דער שטאָט און די פאַרבענקטקייט, נאָר ווי אין דער גאַנצער גייסטער דיכ־טונג: אַן אָפּגעזעגענען זיך מיטן שטעטל און אַן איבערבעטן זיך מיט דער שטאָט.

י[הושוע] ראַפּאָפּאָרט

ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסט. געבאָרן אין 1895, אין דער שטאָט ביאַליסטאָק. ער האָט געלעבט און איז געווען ליטעראַריש טעטיק אין פּוילן און דער עיקרשט אין וואַרשע, ביז צום אויסברוך פון דער דייטש־פּוילישער מלחמה אין 1939, דאַן אַריבער קיין ווילנע און פון דאָרט געפּרואווט זיך דערשלאָגן איבער סאָוועט־רוסלאַנד און יאַפּאַן קיין אַמעריקע און איז שטעקן געבליבן אויפן וועג אין דער כינעזישער שטאָט שאַנכאַי.

די עסיי וועגן איציק מאַנגערס „חומש־לידער" איז אַרויסגענומען פון ראַפּאָ־פּאָרטס בוך „צווישן יאָ! און ניין!" (קריטיק און עסיי), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1937.

איציק מאַנגערס „חומש לידער"

אין מאַנגערס צוויי פריערדיקע לידער־ביכער זיינען דאָ גענוג אַלטע שפּורן פון נישט קיין דורכשניטלעכן חוש פאַר פאָלקסטימלעכקייט בכלל און פאָלקסטימלעכן הומאָר בפרט. די הומאָריסטיש־גראָטעסקע באַלאַדע — דער דאָזיקער פּרעכטיקער זשאַנער — געפינט זיך סיי אין ערשטן בוך „שטערן אויפן דאַך", סיי אין צווייטן בוך — „לאַמטערן אין ווינט". די דאָזיקע באַלאַדן און לידער זיינען נישט צאָלרייך, אָבער זיי זיינען נישט קיין צופעליקע געסט אין מאַנגערס דיכטונג. זיי זיינען טיף פאַראַנקערט אין מאַנגערס אויסערגעוויינלעכער פילבאַרקייט פאַר דאָס עכט פאָלקס־טימלעכע און שאַרף גראָטעסקע.

די חומש־מאָטיוון זיינען אַן אומגעצוימטער אויסבראָך פון מאַנגערס דאָזיקן, ביז איצט בלויז פון צייט צו צייט פריי־געגעבענעם, דיכטערישן עלעמענט. און די פריי־געגעבענע אייגנשאַפט האָט זיך פאַנאַנדערגע־שפּילט אין אַ ברייטער גאַמע קלאַנגען און פאַרבן.

צוטרעטנדיק באַאַרבעטן די חומש־מאָטיוון האָט מאַנגער געפונען פאַר זיין אויפגאַבע די בעסטע לייזונג. באַאַרבעטן די חומש־מאָטיוון אַזוי ווי זיי זיינען — הייסט אַריינפאַלן אין אַ מער אָדער ווייניקער געלונגענער, אָבער תמיד אומפאַרמיידלעך־אומשעפערישער סטיליזאַציע. קאָן מען דען צוגעבן מער חן, מער נאַאיווקייט און מער קראַפט די חומש־מאָטיוון? דאָס געלינגט אפילו ניט אין פּראָזע, בפרט אין פּערזן, ווייל אין די שנעסטע פּערזן מוז די געקינצעלטקייט פון דער סטיליזאַציע זיין נאָך בולטער.

מאַנגער האָט אויסגעמיטן די ווענדקע פון סטיליזאַציע. ער האָט די

חומש־מאַטיוון אויסגענוצט שעפעריש. ער איז נישט אַוועק צו די אבות, נאָר זיי אַראָפּגעבראַכט צו אונדז; ער האָט אריינגעטראָגן אין די דאָזיקע מאָטיוון דעם חן פון היינטצייטיקער פאָלקסטימלעכקייט; ער האָט פאַר־מישט דעם חומש־פּרימיטיוו מיטן אידיש־פאָלקסטימלעכן פרימיטיוו פון היינט; ער האָט די אבות אָנגעטאָן שטריימלעך און הגרן — רויטע קרעלן; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָבליגאַטאָרישן פרום־יידישלעכן פּאַטאָס און אויגן־גלאַנצעניש אין אָנגעזיכט פון די אבות און די אמהות, און די חומש־מאָטיוון און געשטאַלטן באַלעבט דורך פאָלקסטימלעכן גראָטעסק. מאַנגער קוקט נישט אריין אין חומש, כדי צו זען ווי צו באַ־שרייבן יעקבס באַגעגעניש מיט רחלען, נאָר ער לאָזט אברהמען אריינ־קוקן אין חומש:

„ווייל יצחקל איז מיין אויג אין קאָפּ
איך האָב אים קוים אויסגעווייִנט,
דו ווייסט עס אַליין, מיין געטרייער קנעכט,
ווייל דו האָסט עס אין חומש געלייענט."

נישט מאַנגער באַנוצט דעם חומש, נאָר ער לאָזט זיינע העלדן באַנוצן דעם חומש. זיינע העלדן, די פאַריידישלעכטע אבות. דאָס ווירקט גראָטעסק, אָבער דער דאָזיקער גראָטעסק האָט אָפּגעהיט מאַנגערס לידער פון אומ־פּרודוקטיקער סטיליזאַציע, ווייל ער האָט דעם חומש דורכגעבראָכן דורך דער פּריזמע פון היינטצייטיקן יידיש־פאָלקסטימלעכן לעבן.

די שפּראַך פון די דאָזיקע „חומש־לידער" איז פאָלקסטימלעך אין בעסטן זין פון וואָרט. דער דינאַמישער פערז איז מוסטערהאַפט און גלייכצייטיק איינפאַך ווי אַ פערז פון אַ פאָלקס־ליד די לידער שפּרודלען מיט פיינעם הומאָר און מיט גראָטעסק־פאַנטאַזיע. ווען אברהם זאָגט צו אליעזרן:

זוך אויס פאַר מיין יצחקל אַ ווייב
זי זאָל זיין איינע אין דער וועלט,
שיין זאָל זי זיין ווי די זון בייטאָג
און זי זאָל האָבן אַ קניפּל מיט געלט,

האָט דאָס דעם זיבעטן פאָלקסטימלעכן חן און דער הומאָר פון פערז איז דערביי נישט קיין ביליקער, ווייל מיר דערזעען פאַר זיך אברהמען

ווי אַ לעבעדיקן היינטצייטיקן סוחרישן גביר, אַ למדן וואָס זוכט אַ שמאַלץ־גרוב פאַר זיין זון. די אומגעריכטקייט פון דערזעען אברהם אבינו ווי אונזערן אַן אמתן קרוב, ווירקט נישט נאָר גראָטעסק, נאָר אַ דאַנק דער איבעררראַשונג — געזעלשאַפטלעך־סאַטיריש. אַ דאַנק דעם וואָס אברהם אבינו איז געוואָרן אַזוי נאָענט, דערזעען מיר פלוצלונג דעם לעבנס־שטייגער פון אונדזערע היימישע יידן אין דעם געהעריקן ליכט, דאָס גראָטעסקע ווערט דאָ נישט נאָר אַ מיטל פאַר אַ שפּאַס, נאָר אַ מיטל צו שטעמפּלען דערשיינונגען פון אונדזער שטייגער־לעבן.

די בעסטע „חומש־לידער" אין דעם ביכל זיינען יענע לידער וואו צו די אַלע אויסגערעכנטע מעלות (עכטע פאָלקסטימלעכקייט, שפּראַך־ און פערז־מייסטערשאַפט, שטאַרקע און גלייכצייטיק פשטותדיק־פאָלקסטימלעכע בילדלעכקייט) קומט צו די גרעסטע מעלה פון דיכטונג: דאָס טיף מענטש־לעכע געפיל. די הגר־לידער געהערן צו די בעסטע אין דער זאַמלונג נישט נאָר צוליב זייער פאָרם־מייסטערשאַפט, נאָר דערפאַר ווייל עס איז אויס־געדרוקט אין זיי אַ טיף געפיל: דאָס געפיל פון אַ גרויסער עוולה לגבי אַן אויסגענוצטער פרוי, לגבי אַ מוטער.

צום דאָזיקן ביכעלע „חומש לידער" איז צוגעגעבן אַ פּרעכטיקער קורצער פאָרוואָרט, אַ מייסטערהאַפטע שטיקל פּראָזע. פון דאָזיקן קורצן פאָרוואָרט דערוויסן מיר זיך זייער אַ סך און ער לאָזט אונדז אַ סך איבער־לעבן, ווי יעדע עכטע שטיקל דיכטונג, מעג עס זיין פאַרפאַסט אפילו אין גוטער פּראָזע . . .

צווישן אַנדערן דערוויסן מיר זיך, אַז מאַנגער האַלט דאָס דאָזיקע ביכעלע פאַר „אַ שטיפערייַ אַזאַ מיט די גרייז־גראָע בערד פון די אבות." איך מיין, אַז עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן אַז אַ דיכטער דענקט און זיין טאַלאַנט לענקט. אַ דיכטער טוט אַמאָל אַ שטיף און די ליטעראַטור נעמט עס אויף זייער ערנסט און האָט פון דעם אַן ערנסטע השפעה. דאָס איז ביי אונדז נישט לאַנג צוריק געשען מיט אַפּאָטאַשוס קאַפּיטלעך וועגן אליהו בחור. ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז יידיש איז שוין זייער אַלט און אַזוי דערווייל געגעבן אַ שטיקל פּראָזע, וואָס איז די גרעסטע דער־שיינונג נישט נאָר פאַר אַפּאָטאָשון, נאָר פאַר אונזער ליטעראַטור, און דאָס זעלבע איז געשען מיט מאַנגערס שטיפערייַ אין די „חומש־לידער".

יעקב באָטאָשאַנסקי

ליטעראַטור־קריטיקער און דערציילער. געבאָרן אין 1894, אין אַ דאָרף אין דרום־בעסאַראַביע. אין יאָר 1924 זיך באַזעצט אין דער אַרגענטינישער הויפּט־שטאָט בוענאָס־איירעס. ער איז דאָרט דער מיטרעדאַקטאָר פון דער טאָג־ציטונג „די פּרעסע".

די עסיי וועגן שטיינבאַרגן, וועלכע מיר גיבן דאָ מיט קיצורים, איז געווען געדרוקט אין דער וואָכנשריפט „יידישער קעמפער" (ניו־יאָרק, 23טן נאָוועמבער, 1945).

קיילעכיק און שפּיצעכיק

(וועגן פאַבוליסט, קינדער־שרייבער און פּעדאַגאָג אליעזר שטיינבאַרג)

מיר שיינט, אַז אליעזר שטיינבאַרגס הויפּט־חן געפינט זיך אין דעם, וואָס ער איז אַגיל ואשמח לויט דער יידישער טייטש — ער איז קיילעכיק און שפּיצעכיק. ער איז דאָס געווען אין לעבן און ער איז דאָס געווען אין אַלע זיינע זשאַנרן.

אין לעבן איז ער געווען אַ קליינקער, אַ קיילעכיקער אין גוף און אין פּנים. זיין פּנים איז געווען אַ גאַנצע, פולע, קיילעכדיקע לבנה מיט אַ קיילעכיקן געלעכטער. זיינע אויגן זיינען געווען טאַקע ממש קיילעכער. זיי זיינען געבליבן קיילעכיק סיי ווען ער האָט זיי געזשמורעט, סיי ווען ער האָט זיי שטאַרק צעעפנט. זיין ריזיקער שטערן, וואָס האָט פאַרנומען עפּעס ווייניקער ווי אַ העלפט פון זיין פּנים און מסתמא נישט ווייניקער ווי אַ צענטל פון זיין גאַנצן גוף, איז אויך געווען קיילעכיק. און אפילו די פיס האָבן זיך ביי אים געדרייט קיילעכיק. זיי האָבן געמאַכט קינדיש קיילעכיקע באַוועגונגען.

און די מערסטע פון זיינע משלים, קינדער־לידער און קינדער־מעשיות זיינען שטאַרק פאַרקיילעכט. ער האָט יעדנפאַלס אַ גאַנץ לעבן זיינס זיי געוואָלט פאַרקיילעכן אין דער פאָרם. מען זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן זיך טרייסטנדיק מיט דעם געדאַנק, אַז אויב אייניקע פון די משלים זיינען נאָך נישט שלימותדיק, עס הייסט נישט קיילעכיק פאַרענדיקט, מוז מען דאָס נישט אָננעמען פאַר קיין גרויסן אומגליק.

און כאָטש ער איז געווען אויסערלעך קיילעכיק און ער האָט אינערלעך געשטרעבט צו קיילעכדיקייט, האָט ער פאַרמאָגט סיי בפנים, סיי בחוץ אַ זעלטענע שפּיצעכיקייט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען אים זען אין אַ קלאַס פאַרן, ווייל מען האָט אים גראַד אַהין, צום אומגליק, יאָ גערופן, כאָטש

פון גאַר קליינע קינדער. דאָס איז געווען אין דער שלום עליכם שול פון בראַזילס הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַניירא און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין קינדער־גאָרטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די פיר און פינף־יאָריקע קינדערלעך און ער האָט אויסגעזען עפּעס ווי איינער פון זיי, וועלכן מען האָט אַנדערש אָנגעטאָן און וועלכן מען האָט געמאַכט אַביסל גרעסער.

איז ער, דאַכט זיך, דעמאָלט געווען קינדיש קיילעכיק, דאָך האָט ער זיך מיר פּלוצים באַוויזן מיט זיין גאַנצער שפּיצעכיקייט. עס האָבן אַרויס־געשטאַרטשעט שפּיצן פון זיין שטערן, פון זיינע אויגן און איבערהויפּט פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעזאָגט וועגן דערציאונג און טאַקע פון דעם גאַנצן אופן ווי ער האָט דערצויגן די קינדער. ער האָט פּלוצים אויפגעהערט מיר אויסצוזען ווי אַ קינד און ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער יידישער חריף, פון וועלכן די באָרד איז (נוצנדיק א. לוצקיס אַן אימאַזש) אַנטלאָפן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז עפּעס גע־שען אַ טעות: אַ למדן, אַ חריף, וואָס דאַרף לערנען אַ האַרב שטיקל גמרא מיט גרויסע און שאַרף־קעפּיקע בחורים, לערנט גאָר טראַף מיט קליינע קינדער און דעם טראַף פאַרקיילעכט ער מיט אַ לידעלע, וואָס קומט צו אַזוי נאָענט צו די קינדער, אַז זיי זיינען אַזש גרייט אים צו קושן, אָבער פון דער קיילעכדיקייט שטאַרצט אַרויס אַ שפּיצעכיקייט פון שאַרפע גע־דאַנקען, וואָס איז גאָרנישט פאַר קיין קינדער . . .

עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה צו באַטראַכטן שטיינבאַרגן נאָר ווי אַ חריף. ער איז לכל הפחות נישט ווייניקער פּאָעט ווי חריף. ער האָט משלים, וואָס זיינען פון אַזאַ קינסטלערישן ווערט ווי די בעסטע משלים פון לאַפאָנטען און קרילאָוו. ער האָט משלים, וואָס זייער כוונה איז נישט צו לערנען חריפותן, נאָר צו דערקוויקן, ווייל עס איז „טרויעריק אויף דער גרויסער וועלט, דער גראַמער." און זייער אַ סך פון די משלים, וואָס זיינען אויסן צו לערנען, זיינען אויך אָפט מער ווערט אַלס פּאָעזיע ווי אַלס חכמה. נעמט, אַ שטייגער, דאָס פּאָפּולערסטע משל שטיינבאַרגס, דעם „חלף מיט דער זעג". דער מוסר השכל פון דעם, אַז „נאָך עד היום איז אַ זעג אַ בעל מלאכה גאָר אַ פּלעק אין דער משפּחה און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה, אי מען קוילעט, אי מען מאַכט איבער אים אַ ברכה." אָט

דער מוסר השכל איז דאָך ווייט נישט פון אַזאַ ווערט ווי עס איז דער פּאָעטישער ווערט פון דעם דיאַלאָג צווישן דעם חלף און דער זעג און פון זייער שפּראַך און פון דער שפּראַך אַרום זיי (דער חלף צעלאָזט זיין „שאַרפע צונג״ . . .) ; דאָס משל איז דאָ אַ סך שענער און גרעסער ווי ס׳איז דער נמשל.

שטיינבאַרג האָט זייער אַ סך סאָציאַלע מוסר השכלס און אַזעלכע מוסר השכלס זיינען געוויינלעך באַגאַל. אָבער שטיינבאַרג באַוויזט די גרויסע קונץ פון אַרויסברענגען אַ נייקייט, אָדער כאָטש אַ פרישקייט אויך אין סאָציאַלן און עטישן מוסר השכל. נעמט, אַ שטייגער, דאָס וואונ־דערלעכע משל „שנאת חנם״, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ ליריש־שטייגערישן דיאַלאָג צווישן אַ מאַן און ווייב, וואָס האָבן אַ בהמה אַ פגירה און זיי באַ־שליסן זי צו פאַרקויפן דעם קצב. דער הונט מישט זיך דאָ אַריין און ער גיט צו, אַז די קו איז שוין אַ זקנה און עס איז שוין צייט פאַר איר אין יאַטקע. די קו גייט אַרויס פון די כלים. זי קען איינגיין, אַז די דאָזיקע, וואָס האָבן זי אַ גאַנץ לעבן געמאָלקן, זאָלן זי קוילען, אָבער דעם פרעמדן הונט קען זי נישט פאַרטראָגן און זי זאָגט אַזוי קוויש־מענטשלעך:

מיט מיין מילך אים נישט גענערט,
נישט געווען קיין פריינט איט און נישט כ׳בין אים
און אַ שונא ! גאָט, באַהיט פון שנאת חנם . . .

אָדער נעמט דאָס משל „דער קוש״, אין וועלכן עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער ביין דערפרייט זיך דערמיט, וואָס עס לעקט אים דער באַ־לעבאָס אליין און וואָס ענדיקט זיך מיט דער סענטענץ פון אַלע כלים:

וואַרט אַביסל,
ביז ר׳ ניסל
וועט דעם מאַרך דיר אויסנאָגן,
וואָס וועט איר, ר׳ ביינוש, דעמאָלט זאָגן ?

אליעזר שטיינבארג האָט משלים, וואָס זייערע מוסר השכלס זיינען אָדער דורכאויס פּאָעטיש, אָדער זיי זיינען פּאָעטיש־פילאָזאָפיש. און ער האָט משלים, וואָס זייערע מוסר השכלס וואָלטן געדאַרפט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, אַשטייגער ווי :

גוטע צייטן,
חיריק זאָל פון אויבן רייטן!

אָדער:

אויב חלבנה איז אַ סחורה
און מען באַצײט זי פון מרחקים,
צאָל פאַר איר ממתקים . . .

אליעזר שטיינבאַרג האָט הונדערטער משלים, קינדער־מעשיות און קינדער־לידער, וואָס האָבן די דאָזיקע אגיל ואשמחדיקע קיילעכדיקע שפּי־ציכעקייט וועגן וועלכע דאָס פאָלק רעדט און וואָס זיינען וויטערדיקע און אַנדערשדיקע שלום עליכםדיקייטן. זיי זיינען נישט עפּיגאַניש, נאָר זיי זיינען עכטע קאָנטינואיטעט. פון איין זייט האָט טאָקע שטיינבאַרג צומאָל געמאַכט נמשלס און מוסר השכלס פאַר משלים, פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט ער געקענט פאַרוואַנדלען אפילו חריפותן אין פּאָעזיע און אין הומאָר. ער האָט געהאַט דעם כוח צו פאַרוואַנדלען אַ געדאַנק אין אַ ווילן, אין אַ משל.

אליעזר שטיינבאַרגס לעבנס־וועג האָט אין זיך געהאַט מער שפּי־צעכיקייט ווי קיילעכדיקייט און מער אידישן פאַטאַליזם ווי גורל־באַ־הערשונג. מער ווי דריי־פערטל פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין דעם קליינעם בעסאַראַבישן שטעטל ליפּקאַן, ניט ווייט פון דער בוקאָווינער גרענעץ. דער וועג קיין טשערנאָוויץ, וואָס איז געווען אַ נאַטירלעכער צו־ליב דעם וואָס בוקאָווינע איז פונקט אַזוי געוואָרן רומעניע ווי בעסאַראַביע, איז געווען אַן אָנהויב פון דעם גרויסן וועג, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכ־מאַכן. עס האָט געדאַרפט געשען, אַז אָדער טשערנאָוויץ זאָל ווערן אַ גרויסער קולטור־צענטער און שטיינבאַרג זאָל ווערן זיין פירער און וועג־ווייזער, אָדער ער זאָל אַוועקפאָרן קיין ווילנע. זיינען ביידע זאַכן נישט געשען. טשערנאָוויץ איז נישט געוואָרן דער גרויסער יידישער קולטור־צענטער, ווייל רומענישע רעאַקציע האָט דאָס נישט געלאָזט און ווייל די גרופּע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין טשערנאָוויץ, איז געוואָרן אומרואיק און האָט געזוכט גרעסערע און מער זיכערע באָדנס. און קיין ווילנע איז שטיינבאַרג נישט געפאָרן מסתמא, ווייל מען האָט אים אַהין צום אומגליק נישט גערופן, און קיין ריאָ דע זשאַנייראָ איז ער גע־

עס איז דאָרט פאַר אים נישט געווען נישט נאָר קיין פלאַץ, נאָר אפילו ניט קיין פינטל. און דער וועג צוריק קיין טשערנאָוויץ, וואָס איז שוין דע־מאָלט געווען אַ געוועזענער צענטער, איז, ליידער, אויך געווען דער וועג צום אויפהערן אין סאַמע בלי פון לעבן דורך עפּעס אַ נישט געלונגענער אָפּעראַציע. דאָס לעבן אונדזערס איז פאַר שטיינבאַרגן נישט געווען אגיל ואשמחדיק און נישט קיילעכיק און שפּיצעכיק, נאָר סתם שפּיצעכיק . . . מקבר געווען האָט מען שטיינבאַרגן דינסטיק, דעם 29טן מערץ, 1932, אויף דעם אַלטן טשערנאָוויצער יידישן בית־עולם צווישן קברים פון קינדער, וואָס זייער בענקשאַפט נאָך מעשיות איז איבערגעשניטן געוואָרן פאַר דער צייט.

יעקב גאָטליב

דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1911, אין דער שטאָט קאָוונע, וואו ער האָט געוואוינט און איז געווען ליטעראַריש טעטיק ביז צום יאָר 1941. דאָרט — אַרויסגעגעבן פיר ביכער לידער („גאָלד און בלוט", „קולות פון דער ווייט", „אַ ווערבע ביים טייך" און „סאָנעטן") און אַ קריטישע שטודיע וועגן ה. לייוויקן. ביים אויסברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה זיך עוואַקואירט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. געשטאָרבן דעם 27טן מאַי, 1945.

די עסיי וועגן „לעילעסעס דראַמאַטישער פּאָעמע שלמה מולכו" וואָס מיר דרוקן דאָ איז אַרויסגענומען פון גאָטליבס אַ גרעסערער קריטישער אַרבעט וועגן לעיעלעסן (אַפּאַטאַשו־לייוויק־זאַמלביכער, באַנד 4, ניו־יאָרק, יוני, 1939).

א. לעיעלעסעס דראַמאַטישע פּאָעמע „שלמה מולכו"

גלייכצייטיק צו געשטאַלט אין ליד, גייט א. לעיעלעס צו דער אייגנטלע־כער אַרענע פון געשטאַלט — צו דער דראַמאַטישער פּאָעמע און צו דער דראַמע. לעיעלעסעס גאַנג צו דער דראַמע איז אויך זיין גאַנג צו רייפקייט, צו פורעם. סטיל־רייפקייט האָט לעיעלעסן געגעבן פליגלען זיך אַ טראָג צו טאָן צו די באַרג־הויכן פון דער געשיכטע, פון וואַנעט ער שעפּט זיין דראַמע־שטאָף. אָבער אויסגעאַרבעטער, באַוואוסטזיניקער וועלט־בילד און געזעלשאַפטלעך־אידעאישע פּראָבלעמען־אויפפאַסונג, האָבן געגעבן שוואונג און קראַפט צו זיינע פליגלען. אָנגעלאָדן מיט אָט די ביידע אייגנשאַפטן האָט זיך לעיעלעס אַ לאָז געטאָן צום זעכצנטן יאָרהונדערט, צו יענער אויסטערלישער עפּאָכע, ווען דער רענעסאַנס האָט זיך גענומען וויקלען ווי אַ רויטער זון־אויפבראָך איבער די תהומען פון מיטלעלטער. הויך, גאָר

הויך, האָבן זיך גענומען אויסלייגן זילבערנע שטרייפן, בלייכע צייכנס פון אַ נייער תקופה. טיף אין די טאָלן פון די יידישע געטאָס זיינען אָבער נאָך געלעגן אַנגעוואָקסן די שאָטנס פון די פינצטערע יאָרהונדערטן. ווי אַ שוואַרצע וואַנט איז דער גירוש־שפּאַניע געשטאַנען אַריבערגעבויגן איי־בערן יידישן לעבן. אָבער אויך די שאָטנס האָבן זיך גענומען באַוועגן. פייערן האָבן מיטאַמאָל זיך באַוויזן. דאָס זיינען שוין ניט געווען בלויז די פייערן פון דעם אינקוויזיציע, וואָס האָבן אָפּגעגאָסן מיט רויט ליכט דאָס יידישע לעבנסבילד. דאָס זיינען געווען פייערן פון גאולה, פון משיחיזם, וואָס האָבן מיטאַמאָל גענומען טרייבן די פינצטערניש דורך טיר און טויער.

און אָט דער גרעאַנגל פון העלישע אינקוויזיציע־פייערן מיט לויטערע משיח־פלאַמען איז זיכער געווען דער באַזונדערס צוגעפּאַסטער ליכט־עפעקט צו דער דראַמע פון דעם שניט, וואָס לעיעלעס האָט פאַרטראַכט — צו דער דראַמע פון שלמה מולכו, וואָס איז געווען די אויסטערלישסטע געשטאַלט פון דעם אויסטערלישסטן יאָרהונדערט.

קומען מיר אין אינטימער באַרירונג מיט דער דראַמאַטישער פּאָעמע, וואָס איז אַזוי פלאַמענדיק געפורעמט אין אירע צען בילדער־רינגען, דאַן גייען אונדז אַנטקעגן צווי עיקרדיקע מאָטיוון אין דער דערשיינונג מולכו, אויף וועלכע דעם דיכטערס אויפמערקזאַמקייט איז באַזונדערס וואָך גע־פאַלן. דאָס איז קודם כל די פאַרוואַנדלונג פון דיאָגאָ פּירעס אין שלמה מולכו און דאַן — זיין צונויפגיין און פאַנאַנדערגיין זיך מיט דוד ראובני.

דאָס אומקערן זיך פון מאַראַן דיאָגאָ פּירעס, אַ געבוירטיקער קריסט, צו אָפענער יידישקייט, נאָך מער צו משיחישקייט, האָט זעלבסטפאַר־שטענדלעך ניט געקענט צוגיין אַזוי גלאַט אין זיך ווי די געשיכטלעכע כראָניק פאַרצייכנט. דער וועג פון דיאָגאָ פּירעס צו שלמה מולכו איז גענוג לאַנג, אפשר אַזוי לאַנג ווי דער וועג פון שלמה מולכו צום שייטער. און אָט דער וועג איז דאָך אין דער געשיכטלעכער כראָניק ניט אַרויסגע־הויבן געוואָרן. פאַרן געשיכטע־שרייבער איז אַזאַ וועג אויך ניט וויכטיק. ער פאַרצייכנט בלויז די טאַט, דעם פייערפלאַם פון אַרויפגעשאָסענעם דינאַמיט, אָבער ניט דעם פּראָצעס פון זיין דערוואַרעמונג און אויפהיצונג. פאַרן דיכטער אויף געשיכטלעכע מאָטיוון איז ער אָבער באַזונדערס וויכטיק, ווייל ערשט דערטאַפּנדיק דעם געהיימען אונטערערדישן וועג, וואָס פירט יעדע געשיכטלעכע פערזאָן צו איר העכסטן פאַרנעם, ערשט דאַן לאָזט

זיך דערזען אין פולן ליכט די אינערלעכע וועלט פון דער היסטאָרישער געשטאַלט, לאָזט זיך דערשפּירן דעם געהיימען שופר פון איר לעבן און שאַפן. אין דעם פאַל מולכו האָט שוין די עצם פאַרוואַנדלונג פון דיאַגאַ פּירעס אין שלמה מולכו באַהאַלטן אין זיך זיין קומענדיקן קאָנפליקט מיט ראובנין. ווייל ווי מערקווערדיק: שלמה מולכו און דוד ראובני האָבן זיך דאָך געזאָלט דערגאַנצן איינער דעם צווייטן ווי משיח בן־אפרים און משיח בן־דוד.

וואָס האָט געבראַכט צום ריס צווישן זיי? די גרונט־פאַרשידנקייט פון מולכוס און ראובניס אַרט אויפפאַסונגען פון דעם משיח־באַגריף. ראובני האָט דעם יידישן משיח־געדאַנק אויפגעפאַסט ווי אַ פּאָליטישער ציוניסט (נאָך פאַר הערצלען). אַ סברה אַז אָט דער פירשט פון כאבאר איז גאָר געווען אַ געבירטיקער פון דער פראַגער געטאָ. און די געטאָ האָט אים געצוואונגען צום געדאַנק מיט וואָס פאַר־אַ וועג לאָזט זיך צום פּראַקטישסטן פאַרווירקלעכן די יציאת געטאָ. ער איז געווען גענוג ניכטער־קלוג איינצוזען, אַז ס'איז דאָ איין רעאַלע קראַפט, מיט וועלכער די פעלקער פון דער וועלט קענען זיך רעכענען, דאָס איז — אַקעגנשטעלן קראַפט קעגן קראַפט.

שלמה מולכו, דער בעל־חלומות און וואָרזאָגער קומט ניט פון געטאָ, נאָר פון קיניגלעכן הויף. ער קומט מיט זיין גרויסאַרטיקן חלום פון גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט, ניט בלויז פאַר אידן, מיטן דערהויבן צו „אַלץ" דעם „גאָרנישט", מיטן פאַריינען אין גאַנצן דעם גוף אין זיך אויפן חשבון פון גייסט, מיטן באַרעכטיקן די „ברענער" וואָרים „אַז די ברענער ווי וואָלטן דען געקענט פאַרברענטע זיין?"

שלמה מולכו האָט קיין קלאָר פּאָליטישע חשבונות פאַר זיין וויטערן גאולה־וועג ניט אָנגעוואָרפן. אים האָט ניט סטימולירט קיין לאָגישע פאַרטראַכטונג. ער איז גיכער געשטויסן געוואָרן פון אַן אינערלעכן בלוט־אימפּעראַטיוו. לייד איז פאַר אים געוואָרן פון אַ גאולה־צייכן — גאולה־זין. ווען ראובני האָט געזען אין לייד די דירעקטע סיבה צו זיין משיח־טאָט, האָט מולכו אין לייד אַליין געפונען דעם זין פון דער וועלט. ווען ראובני האָט ווי אַ רעזולטאַט פון לייד־באַוואוסטזיין געוואָלט דערפירן זיין פאָלק צום שטאַנד פון די פעלקער פון דער ערד, האָט מולכו ווי אַ רעזולטאַט פון לייד־געפיל געוואָלט דערפירן די פעלקער פון דער ערד צום שטאַנד פון זיין פאָלק.

נחמן מייזיל

ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסט. געבאָרן אין 1887, אין קיעוו. צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט ער געוואוינט אין וואַרשע און איז דאָרט געווען ליטעראַריש טעטיק. ער האָט רעדאַקטירט די וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער". געקומען קיין אַמעריקע אין 1937. איז רעדאַקטאָר פון דער חודש־שריפט „יידישע קולטור" אין ניו־יאָרק.

די עסיי „דוד בערגעלסאָן און דער נסתר" איז אַרויסגענומען פון דעם פאָרוואָרט וואָס מייזיל האָט אָנגעשריבן צום נסתרס ראָמאַן „משפחה מאַשבער", וועלכן דער פאָלקס־פאַרלאַג פון „ייקוף" האָט איבערגעדרוקט און אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1943.

דוד בערגעלסאָן און דער נסתר

עס זיינען נישטאָ אפשר קיין מער קעגנזעצלעכע נאַטורן און קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן ווי דוד בערגלסאָן און דער נסתר, און דאָך האָבן זיי אַ שטיק שאַפונגס־וועג אַדורכגעמאַכט ווי אײנאײנעם. זיי האָבן ביידע באַלאַנגט צו דער אַזוי־גערופענער קיעווער גרופּע יידישע שרייבער.

איך קען דעם נסתר פון יאָר 1910 און יאָרן און יאָרן האָב איך גע־האַט די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן זיין לעבן און שאַפן. און נאָך מער איז פאַר מיר אָפן און אַנטפּלעקט געווען דוד בערגעלסאָנס שאַפונגס־וועלט. פרעג איך זיך — וואָס האָט זיי פאַרבונדן? עס איז קלאָר אַז דאָס געמיינזאַמע, דער צד השווה ביי זיי איז פריער פון אַלץ געווען די אומ־צופרידנקייט, וואָס עס איז געווען ביי זיי ביידן (און ביי אונדזער גאַנצער קיעווער גרופּע!) צו דער „אָפיציעלער" יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געשאַפן דאַן אין דער טומלדיקער יידישער וואַרשע. זיי ביידע, בערגעל־סאָן און דער נסתר, זיינען געקומען אין דער ליטעראַטור יעדער איינער אויף זיין אופן און שטייגער, מיט רייכע אוצרות פון יידישע טראַדיציעס, שטייגערישע און גייסטיקע. ביידע זיינען זיי געווען אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון דער פּראָבלעמען־רייכער און טיף־אייגנאַרטיקער רוסישער ליטעראַטור און ביידע זיינען זיי געווען באַהאַפטן מיט דעם אומרו און מיט דער שפע פון ספקות און בענקענישן, וואָס האָט געוױרט ביי די אינטעלעקטועל פאָרטיפטע העברעאישע שרייבער ווי מיכה יוסף בערדי־טשעווסקי, י. ח. ברענער און אורי ניסן גנעסין. אָט די ביידע אוקראַאיניש־וואָלינישע דיכטער, בערגעלסאָן און דער נסתר, געקומען פון טראַדיציאָנעלע

הימען, זיינען אויפגעקומען אין אַ צייט און אין אַ סביבה, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ברויזן. עס איז געווען ערב און בעת און גלייך נאָך דער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1905־1906, וואָס איז געווען רייך אין פריידיק־גליקלעכע און אין מוראדיק־גרויזאַמע געשעענישן. די רוי־שיקע לעבנס־פּראָצעסן האָבן דעם שפּירעוודיקן מענטש און דיכטער געדייצט און אינטריגירט און געשטאַרקט זיין ווילן צו געבן אַן אויסדרוק צו די פּאַסירונגען פון לעבן.

אָבער די ביידע שטאַרק־אויסגעשפּראָכענע קינסטלער וואָס זיינען אָפּ־געגאַנגען ווי אינאיינעם פון איין היים און סביבה, האָבן זיך גלייך גע־לאָזט אויף אַנדערע שאַפונגס־וועגן, פאַרשידנאַרטיקע און אַנדערשדיקע. דוד בערגעלסאָן איז שוין פון זיינע ערשטע שאַפונגען אָן געווען דער רעאַליסט, דער מענטש מיט אָפענע אויגן און מיט אַ וואַכן געהער און דער נסתר, פאַרקערט — דער סימבאָליסט, דער וויזיאָנער, דער פאַנטאַסט.

דוד בערגעלסאָן, וואָלט איך איצט געזאָגט, איז געווען דער שרייבער מער פון בייטאָג (הגם ער האָט דאָן געמאָלט מער דעם בין־השמשות) און דער נסתר — פון נאַכט. בערגעלסאָן האָט געהאַט פאַר זיך אַ דורכ־אויס־רעאַלע וועלט און דער נסתר — אַן אידעאַלע. דער ערשטער האָט אַרויסגעבראַכט ווירקלעכע געשטאַלטן, דער צווייטער — בישט־דאַאיקע.

אין דעם קיעווער „יידישן אַלמאַנאַך" (1910) — וואו מיר אַלע האָבן געמאַכט כמעט אונדזערע ערשטע ליטעראַרישע שריט — האָט דוד בער־געלסאָן פאַרעפנטלעכט זיין שטאַרק־רעאַליסטישן „דער טויבער" און דער נסתר — זיין טיף־לירישן „פרילינג". און אַזוי ווייטער, אין די אַלע איבעריקע אויסגאַבעס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אָן דער זייט פון דער אָפיציעלער ליטעראַרישער וועלט. דוד בערגעלסאָן איז גלייך מיט זיינע ערשטע ווערק, אַריין מיט פעסטע טריט אין דער יידישער ליטע־ראַטור, דער נסתר איז אַלץ געבליבן אַ נסתר, אַ פרעמדער, אַ פאַררוקטער אין אַ זייט.

און דאָס כאַראַקטעריסטישע און אייגנטימלעכע פון זייערע קינסט־לערישע נאַטורן איז געווען דער אופן פון זייער שאַפן, פון זייער שרייבן. דוד בערגעלסאָן האָט געלעבט אָפן, פראַנק און פריי מיט זיינע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשעפּט פון אַרום. בעת דעם שרייבן האָט ער פאַרבראַכט צווישן זיי ווי צווישן לעבעדיקע, זיך געטיילט מיט יעדער פּאַסירונג און

יעדער ענדערונג אין זייער לעבן. גאָר אַנדערש איז געווען דער נסתר. ער האָט זיך תמיד פאַרבאַהאַלטן מיט זיינע פאָרשונגען, ער האָט זיך פאַר־שלאָסן אין זיין צימער און דאָרט, אין דער שטיל און געהיים אַרויס־גערופן זיין געשילדערטע וועלט, וואָס איז געווען פול מיט סודות און וואונדערנישן. בערגעלסאָן איז געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט דער צייט, מיטן אָרט, מיט דער אַרומיקער אַטמאָספער, און דער נסתר איז געווען אויסער צייט און רוים. בערגעלסאָנס שרייבערישער טיש איז געווען אַ מין אָפענע קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע. אויפן שרייבטיש — מאַנוס־קריפּטן, אָנגעהויבענע פאַרשריבענע זייטלעך, טינט און פעדער. ווען מען איז אַריינגעקומען צו אים האָט מען געטראָפן נישט נאָר אים, דעם קינסטלער ביי דער אַרבעט, נאָר דאָס צימער איז ווי פול געווען מיט די פאָרשונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויפן פּאַפּיר. מען האָט גע־רעדט וועגן די געשטאַלטן און וועגן די סיטואַציעס אין זייער לעבן ווי וועגן לעבעדיקע, רעאַלע און נאָענט באַקאַנטע.

גאָר אַנדערש איז געווען דער נסתר. מען האָט אים קיינמאָל נישט געטראָפן ביי דער שרייבערישער אַרבעט. ער פלעגט דאַן בעלם ווערן, זיך אויסבאַהאַלטן און מען האָט שוין געוואוסט, אַז דער נסתר האַלט „ביים האָבן". ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אַ זאַך וואָס ער האָט געהאַלטן אין שרייבן. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין טיפער גע־היימניש. עס איז קיינמאָל אויף זיין פשוט, הילצערן טישל קיין זכר נישט געווען פון קיין שרייב־געצייג. די נאָענטע פריינט האָבן געוואוסטע אַז זיינע כתבים, זיין טינט און פעדער, ליגן פאַרשלאָסן אונטער דעם פשוטן שלעסל אינעם שטרויענעם קוישל וואָס איז געווען פאַררוקט אונטערן בעטל. דאָרט, האָבן מיר געוואוסט, זיינען געלעגן די גרויסע ווייסע בויגן פּאַפּיר, וואָס דער נסתר פלעגט פון זיי דערנאָך שעמעוודיק און ווי אַ נישט־דאַאיקער פאַרלייענען פאַר זיינע נאָענטע פריינט שוין אינגאַנצן אַ פאַרטיקע, פאַר־ענדיקטע זאַך. און ער האָט עס געלייענט מיט אַ באַזונדערן ריטם און מיט אַן אייגנאַרטיקער באַטאָנונג, ווי דאָס אָנגעשריבענע גופא איז געווען — מיט אַ טיף־אייגענעם רושם און מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל.

דער שאַפונגס־וועג פון דוד בערגעלסאָן איז געווען שטענדיק אַן אָפענער. זיינע ווערק זיינען ווי רינגען פון איין שאַפונגס־קייט. זיי זיינען

אויסדרוקן פון די לעבנס־פּראָצעסן במשך פון דער צייט און אויך קינסט־לערישער אַנוואוקס, און יעדער נייער שאַפערישער שריט איז ביי אים ממילא פאַרבונדן מיטן פריערדיקן.

גאָר אַנדערש איז דער נסתר אין זיינע שאַפונגען. עס איז נישטאָ און יעדנפאַלס — עס איז נישט אַזוי גרינג צוליב זייער אבסטראַקטקייט צו באַווייזן די פאַרבינדונג פון איין ווערק מיטן צווייטן, און עס איז שווער אַנצואווייזן אויף דער „נאָכפאָלגערשאַפט", אויף דעם דירעקטן המשך אין זיינע פאַרשידנאַרטיקע שאַפונגען.

און דעריבער איז דעם נסתרס ראָמאַן „משפחה מאשבער", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1939, געווען אַן אמתע איבערראַשונג פאַר די אַלע וואָס קאָנען גוט דעם קינסטלער. ווארים דער נסתר — זאָגט דער סאָוועטישער קריטיקער מ. דובילעט — איז אין „משפחה מאשבער" פון אַ „נסתר" (פאַרבאַרגענער) געוואָרן אַ „נגלה" (אַנטפּלעקטער).

א[ברהם] טאַבאַטשניק

דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1901, אין ניזשנע ליטשעדאַיעוו, פּאָדאָליער קרייז, אוקראַינע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1921. וואוינט אין ניו־יאָרק, איז אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור „ייטאַ".

די עסיי וועגן נאַדירן איז געווען געדרוקט אין דער חודש־שריפט „די צוקונפט", סעפּטעמבער, 1943.

דאָס זעלבסט־בילד משה נאַדיר

ווען משה נאַדיר וואָלט ניט געווען אָנגעשריבן קיין אַנדער ליד ווי דאָס לעצטע ליד זיינס „נעענטער", וואָלטן מיר אים געמעגט פאַררעכענען ניט בלויז פאַר דעם מייסטער פון אַ נייעם פינקלדיקן און בלענדענדיקן וואָרט־כישוף, נאָר אויך פאַר איינעם פון די אייגנאַרטיקע יידישע פּאָעטן.

אָבער דאָס ליד „נעענטער" איז ניט דאָס איינציקע ליד נאַדירס. פאַראַן אַ סך פון דעם מין. פאַראַן אַ גאַנצע „וועלט מיט אַרבעט". אין דער סעריע לידער מיט דעם דאַזיקן נאָמען, וואָס נאַדיר האָט אין משך פון יאָרן געדרוקט אין „האַמער", האָבן מיר משה נאַדירן פאַר זיך אין צענדליקער פאַרשיידענע בילדער־פּאָזעס און זיין גרונט־טעמע אין הונ־דערטער וואַריאַציעס. און וואָס איז אָט די גרונט־טעמע נאַדירס? דאָס

איז טרויער פון פאַרגענגלעכקייט, פּאַטאָס פון זיין און ניט ווערן, ליבע צום לעבן און טראַגישער שפּיל מיטן טויט. אין די דאַזיקע לידער האָבן מיר אויך פאַר זיך נאַדירס הויפּט שעפערישן מעטאָד: דערמאָנונג, — וואָס קומט ווי אַ בליץ, וואָס טויכט־אויף פון דער טיף פון דער נשמה און לייכט מיט דער רירנדיקער שיינקייט פון אָפּגעגאַנגענע צייטן.

דערמאָנונג איז ראָמאַנטיק. אָבער נאַדיר איז ניט געווען פון יענע ראָמאַנטיקער, וואָס זוכן שיינקייט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. יעדער פאַרגאַנגענער טאָג האָט פאַר אים צוריק אויפגעלויכטן מיט פּאָעטישער שיינקייט, איז ביי אים געוואָרן בונטע ראָמאַנטיק. נאַדיר איז דער ראָמאַנטיקער ניט פון דער ווייטער, נאָר פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט. ביי אים איז אפילו ריווינגטאָן סטריט געוואָרן אַ בונט־ראָמאַנטישער גראָטעסקער מאַסקאַראַד. אָבער דער טיפסטער קוואַל פון זיין דערמאָנונג־ראָמאַנטיק איז געווען נאַראַיעוו, זיין היים־שטאָט אין גאַליציע.

און מיט וואָס פאַר אַ בליציקייט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרביקייט, מיט וויפל וואָרט־וואונדער האָט ער עס דערמאָנט יעדן ווינקל־ווי, יעדן שאָרך און יעדן גערוך פון זיין היים־שטאָט נאַראַיעוו. אויף וויפל לירישע מאָמענטן נאַדיר האָט דאָס פאַנאַנדערגעטיילט און אָן אויפהער געכפּלט און געקייטלט די דאַזיקע וואונדערלעכע לירישע פּאָעמע נאַראַיעוו.

נאַדיר, זאָגט מען, האָט ניט געשאַפן קיין דויערנדיקע געשטאַלטן. אָבער וואָס איז משה נאַדיר אַליין, אָט דער פאַרוואַנדלטער יצחק רייז, אויב ניט קיין קונסט־געשטאַלט, אויב ניט קיין „העלד פון אונדזער צייט", אויב ניט קיין אויסדרוק פון קינסטלערישן אינדיווידואַליזם, וואָס איז אויפגעקומען אין יידישן לעבן אין 20טן יאָרהונדערט? אין משה נאַדירס אַרטיסטישע און קאָקעטישע פּאָזעס איז געווען באַוואוסטזיניקע קולטיווירונג פון אינדיווידועלן שיינגייסט. אין זיין שיינרעדעריי — באַוואוסטזיניקע אַריבערהייבונג איבער דעם מוטנעם טייך פון שפּראַך און לעבן־פאַרוואולגאַריזירונג.

אין זיין קאַפּריזנעם איבערנעמען זיך — אַזויפיל אַריסטאָקראַטיש־קינסטלעריש שטרעבן זיך צו ראַטעווען פון שפלות־שאַבלאָן.

אָט דעם מוסטער־טיפּ, וואָס נאַדיר האָט פון זיך געשאַפן, אָט דאָס זעלבסט־בילד, וואָס איז ווי ביי יעדן עכטן קינסטלער מער בילד ווי „זעלבסט", האָט נאַדיר געלאָזט זיך אויסשפּילן אויף דער רייך־דעקאָ־

רירטער בינע פון זיינע הונדערטער עסייען, קריטישע אַרטיקלען, עסטעטישע נאָכטראַכטעניש, הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, לידער און פּאָלעמישע אַרטיקלען. און אויב די געשטאַלט האָט אונדז ביי יעדן אויפטריט פאַרכאַפּט, איז דאָס אַ דאַנק דער הויפּט־פעאיקייט נאַדירס, אַ דאַנק דעם בליציקן וואָרט זיינעם, וואָס האָט אויפגעכאַפּט אפילו דעם שאָטן אין אַ געדאַנק, אין אַ געפיל, אין אַ שטימונג, אין אַ נאַטור־אימפּרעסיע.

דער רייכער אוצר פון נאַדירס וואָרט־קאָבינאַציעס האָט געשטאַמט קודם־כל פון זיין פעאיקייט צו זען און צו פילן פאַרשיידענע ניואַנסן אין זאַכן און אין נאַטור־דערשיינונגען. אויב מיר האָבן אַן אימפּרעסיאָניסט אין דער יידישער וואָרט־קונסט מיט אַ רייכער פּאַליטרע פאַרבן ענלעך צו אַ רענואַ, אַ וואַן־גאָג, איז דאָס משה נאַדיר.

פונקט ווי די דערמאָנטע פראַנצויזישע מאָלער־אימפּרעסיאָניסטן האָבן געמוזט דערפינדן נייע ליכט־און־שאָטן קאָמבינאַציעס איבערצוגעבן זייער נייעם אופן זען די נאַטור, אַזוי האָט אויך נאַדיר געדאַרפט אַ נייעם וואָרט־אינסטרומענט איבערצוגעבן זיין פאַרשאַרפטע סענסיטיווקייט.

נאַדיר זאָגט ערגעץ אין זיינע „טעג פון מיינע טעג״: „פּאַמעלעכן ווי אַ קינד שניידט אַריין אין אַ גאַנצן לעקעך, וואָס די באָבע האָט אים געשענקט צו זיין געבוירנטאָג. אַזוי האָב איך פּאַמעלעכן אַריינגעשניטן מיין אויג אין דער וועלט אַריין, עס לאַנגזאַם געזעטיקט, ניט פאַרגינענדיק זיך צו זען מער ווי אַ ברעקל וועלט אויף אַ מאָל.״ איבערגעבן דאָס זעטיקן זיך מיט אַ ברעקל וועלט איז פיל שווערער ווי „שלינגען קאָסמאָסן״. און ניט קיין וואָרט־זשאָנגלירונג איז דעריבער נאַדירס שפּראַך־מייסטערשאַפט, נאָר אַן אויסדרוק פון אַן אייגנאַרטיקער וועלט־זעטיקונג.

עס זיינען אָבער אין איינע זינען געווען יענע, וואָס זאָגן, אַז נאַדירס טאַלאַנט איז דערהויפּט אַ שפּראַך־טאַלאַנט. זיי מיינען צו זאָגן, אַז נאַדירס שפּראַך־דיאַלעקטיק איז געווען דער אויסדרוק פון זיין גייסט־דיאַלעקטיק. זיין וואָרט, וואָס האָט זיך באַוואויגן זיגזאַגיש, צווישן שפּרונג און ווידערשפּרונג, וואָס האָט אַ טבע מיט אַמאָל אַ שפּרינג טאָן איבערן קאָפּ און זיך צוריק פאַרקערעוון צום אָנהייב, אָדער זיך פאַרדרייען אויף אַ נייעם וועג, אויפבליצן מיט אַ נייעם איינפאַל און דורך אַן אַסאָסיאַציע זיך דערמאָנען אין עפּעס אַ נאָענט־וויטער זאַך און ווידער שפּרודלען און פינקלען, אָט די דאָזיקע וואָרט־דיאַלעקטיק איז דער סימבאָל און דאָס

אָפּבילד פון נאַדיר־גאַנג, פון נאַדיר־גייסט, וואָס פּונקט ווי זיין וואָרט האָבן זיי זיך באַוואויגן צווישן שפּרונג און ווידערשפּרונג. און אָט די דאָזיקע באַוועגונג צווישן שפּרונג און ווידערשפּרונג האָט נאַדירן דעם ליריקער געפירט צו נאַדירן דעם הומאָריסט, דעם קינסטלער פון נאַנסענס, פון פּאַראַדיע, פון גראָטעסק און פאַרס.

איין באַגאַבונג נאַדירס, איין זשאַנער זיינער האָט זיך לאָגיש אַרויסגעקייטלט פון אַ צווייטער. און איך זע אין זיי זיין פאַרשיידנאַרטיקייט: צעוואָרפנקייט און ווידערשפּרעכלעכקייט, לאָגיק און תשוקה נאָך געזעצמעסיקייט. דאָס איז נאַדירס אומרו, דאָ זעט מען זיין גייסטיקן הונגער נאָך מער זאַטקייט, נאָך טיפערן אַריינשניידן זיך אין דעם „וועלט־לעקעך". נאָך דעם האָט ער געבענקט ניט צוליב תכליתדיקער אָביעקט־שאַפונג, נאָר צוליב דעם אומאויפהערלעכן פּראָצעס פון זעלבסט־אויסדרוק, פון סוביעקטיווער שעפערישקייט, וואָס בלויז דער טויט האָט געקענט אָפּשטעלן.

י[שעיה] י[הושוע] טרונק

עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין יאָר 1887 אין אָסמאָלסק, פוילן. געקומען קיין אַמעריקע אין 1940.

די עסיי וועגן י. י. זינגערן איז אַרויסגענומען פון טרונקס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן פאַרשטאָרבענעם ראָמאַניסט, אין דער חודש־שריפט „די צוקונפט", מערץ, 1944.

נישט די מאַסע, נאָר דער יחיד

(וועגן אַן עיקר־מאָטיוו אין י. י. זינגערס ראָמאַנען)

דעם וויכטיקסטן און טאַלאַנטירטסטן טריט נאָך מענדעלע מוכר ספרים האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן געטאָן י. י. זינגער.

וואָס שייך זיין קינסטלערישער פיזיאָגנאָמיע האָט י. י. זינגער קנאַפּ ענלעכקייט צו מענדעלען. אין דעם אופן פון זיין שרייבן, אין דעם טאָן און אין דעם קאָלאָריט פון זיין שפּראַך האָט זינגער פולשטענדיק דאָס ראָמאַנטישע און פאַרביקע פון פוילישן יידיש. ער האָט דעם פרייען געמיטרייכן פענזל־שטריך מיט וועלכן ער שאַפט דעם ריטם און די פאַרב פון וואָרט. אין סטיל דערגרייכט ער אָפט צו טיפער ליריק, אָבער — אין

דעם באַשטייט קודם כל איינס פון די אָריגינאַליטעטן, וואָס זינגער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור — ער האָט באַוויזן דעם לירישן און וואַרעמען טאָן פון זיין שפּראַך צו פאַראייניקן מיט דער שניידנדיקסטער און ביטערסטער סאַטירע.

זינגער איז אין תוך אַ סאַטיריקער פון אַ ברייטן פאַרנעם. נישט קיין קאָמעדיע־סאַטיריקער, נאָר אַ טראַגעדיע־סאַטיריקער. זינגערס סאַ־טירע איז דורכאויס טראַגיש, ווייל זי איז דורכאויס פּסיכאָלאָגיש.

י. י. זינגער האָט אַ קריטישן צוגאַנג צום אופן פון יידישן לעבן. ער איז ניכטער און שפּילט זיך נישט מיט קיין פאָראורטיילן. דערמיט פירט ער ווייטער אין דער יידישער ליטעראַטור די ליניע פון מענדעלע מוכר ספרים.

„יאָשע קאַלב" איז אַ סאַטירישע עפּאָפּייע קעגן דער ל"ושער ראָ־מאַנטיק, וואָס פּרץ האָט אויפגעבויט אין די יידישע הימלען. אַש האָט זי געוואָלט זען אין יידישן קליינבירגערטום פון פּוילן און קולבאַק — אין די האַרעפּאַשנע מאַנטיקס. הימלדיקייט? איראָניש און מיט דעם זשעסט פון אַ פּאָעטישער אומברחמנותדיקייט שאַרט י. י. זינגער פאַנאַנ־דער די ראָזע פאַרהאַנגען פון דעם אויסגעחלומטן און אויסגעכאַוועטן הייליקטום.

אָבער זינגער איז ווייט נישט קיין נעגאַטיווער סאַטיריקער ווי מענ־דעלע. די „יידישע טאַרבע" איז פאַר מענדעלען דער סימבאָל פון דער פולשטענדיקער אויסוועגלאָזיקייט. י. י. זינגער האָט זיין אייגענעם פּאָזיטיוון צוגאַנג צו דער איבערווירקלעכקייט פון לעבן. ער גלויבט אין דער געלייטערטקייט פון דער וועלט. ס'איז דאָ אַן איבערווירק־לעכקייט, און זייער אַ טיפע און זייער אַ הייליקע איבערווירקלעכקייט. זי קאָן נאָר דערגרייכט ווערן פון אַ יחיד, פון אַ מענטש אַליין נאָך אַ גרויסן חשבון מיטן לעבן. געלייטערטקייט הייסט אָפּזאָגן זיך. געליי־טערטקייט הייסט — אינערלעך פריי זיין פון אַלע חיהשקייטן. געלייט־ערטקייט הייסט — אַסקעטיש אַנטלויפן פון לעבן. י. י. זינגער גלויבט נישט, אַז וואָסער עס איז מאַסע קען דורך אַ דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג קומען צו אַ קאָלעקטיווער דערהויבנקייט, ווי עס האָבן געלערנט העגעל און מאַרקס, נאָר אַן איינציקער מענטש קאָן עפּעס דערגרייכן, און דאָס

אין שווערן קאַמף מיט זיך אַליין. דעריין איז י. י. זינגער דורכאויס אַן אינדיווידואַליסט און ער האַלט נישט דאָס מינדסטע פון סאָציאַליזם. די אַלע מכלומרשטע הייליקע און הערא̇ען, וואָס זיינען דערהויבן געוואָרן אין די גלויבונגען פון קאָלעקטיוו, זיינען סוף כל סוף פאַרבליבן ביי אַלע נידעריקע אינסטינקטן פון מענטש. די הערא̇ען פון דער מאַסע זיינען מאַסע, חיהשער אינסטינקט. אַנטלויפן פון דער מאַסע אין פערזענלעכן ליידן — דאָס איז דער וועג פון אַ יחיד צו דער איבערווירקלעכקייט. און זינגער גלויבט טיף אין איר עקזיסטענץ און אין איר יש. אַזוי שטייט דער אַסקעטישער הייליקער יאָשע קאַלב אין קעגנזאַץ צו די אַלע קאָלעקטיווע צדיקים פון דער חסידישער ראָמאַנטיק. ער געהערט נישט צו דער סטאַדע פון צדיקים. אין נסיונות און אין שווערע געראַנגל מיט די לאַנגען פון דער גופישער וועלט האָט ער זיך באַפרייט פון אַלע אָנגענומענע קאָלעקטיוון. נאָר אויף זיין אייגענעם אויסגעפייניקטן וועג האָט ער דערגרייכט די גרויסע מענטשלעכע אויסגעלייטערטקייט. וואָס האָט עס צו טאָן מיטן קאָלעקטיוו? יאָשע קאַלב איז דער פולשטענדיק פרעמדער (אַזוי רופט ער זיך אַליין אָן), דער אויסנאָם, דער דיסאָנאַנס אין דער חיהשער געמיינשאַפט וואָס רופט זיך מענטשעלעכע געזעלשאַפט. אונטער וואָסער נאָמען און אונטער וואָסערע אידעאַלן די מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל נישט אויפטרעטן, תמיד און אייביק בלייבט זי די גידיקע בעסטיע.

אַלע אָפּטימיסטישע אידעאַליסטן, ווען מ׳וויזט זיי דעם מענטש אַזוי ווי ער איז אין די טיפענישן פון זיין וועזן, דאַן האָבן זיי דעם אייביקן תירוץ: די קעגנוואַרט איז דער סטאַדיום פון אַ ירידה, זי איז נישט מער ווי דאָס דעגענערירטע בילד פון אַ געוועזענער גאָלדענער צייט. פון דער קעגנוואַרט איז נישט קיין ראיה. גוטע און עטישע קאָלעקטיווע מענטשן געפינען זיך בלויז אויף די נעפלדיקע פליינען פון דער פאַרגאַנגענהייט. די פאַרגאַנגענהייטן דערציילן אונדז דעם אמתן וועגן דער מענטשלעכער טבע. דעם דאָזיקן גרויסן טעות באַמיט זיך זינגער צו קאָרעגירן. ער מאָלט טאַקע זיין „יאָשע קאַלב" אויף די לייוונטן פון אַ יידישער פאַרגאַנגענהייט. אַט האָט איר די פאַרגאַנגענהייטן, און וואָס זעט איר? דאָס אייגענע און דאָס אייגענע אייביקע. דער מענטש פון דער פאַרגאַנגענהייט איז אין זיינע מעלות און אין זיינע חסרונות פונקט דער

נעמלעכער ווי דער מענטש פון דער קעגנוואַרט. די געזעלשאַפט האָט קיינמאָל נישט דערלאַנגט צו דער איבער־ווירקלעכקייט, און וועט צו איר אויך קיינמאָל נישט דערלאַנגען. סיידן אַן אינדיווידועלער יחיד. סיידן אַ יאָשע קאַלב.

די דאָזיקע טענדענצן, און נאָך אין אַ ברייטערן פאַרנעם פירט זינגער דורך אין זיין גרויסער עפּאָפּייע פון יידישן לעבן אין פוילן „ברידער אשכנזי".

ברידער אשכנזי איז נישט — ווי „יאָשע קאַלב" — אַ בלויזער אויס־שניט פון אַ געוויסן קלאַס אין דער פויליש־יידישער געזעלשאַפט. אין דער עפּאָפּייע „ברידער אשכנזי" האָט זיך י. י. זינגער פאַרמאָסטן צו שילדערן אַן אַנשטערענגונגס־פּראָצעס פון אַ גאַנצן יידישן ישוב אויף דער פוילישער ערד, דאָס אויסוואַקסן פון אָט דעם ישוב, זיין אויסגעשטאַלטונג, ווי ער שטייגט אויף און פאַרפונדעוועט זיך ביז ער קומט ענדלעך צו זיין אינערלעכן ווידערשפּרוך: צום פאַנאַנדערפאַל.

די דאָזיקע גרויס־אַנגעלייגטע עפּאָפּייע פון י. י. זינגער פאַרנעמט אַ היפּשע קייט (אין דער צייט) פון יידישע דורות. עס גייען דורך אַ שלל טיפּן פון דעם אַלטן און נייעם יידישן לעבנס־שטייגער אין פוילן. קאָנפליקטן און קעגנזאַצן סיי ווירטשאַפטלעכע סיי פּסיכישע זיינען די דינאַמישע מאָטאָרן, אויף וועלכע ס'איז געבויט די דאָזיקע דראַמאַטישסטע עפּאָפּייע פון יידישן לעבן אין פוילן. די עפּאָפּייע איז אָנגעשריבן אין אַן איידעלער און דורכזיכטיקער מאַלערישער פּראָזע. די פיגורן שטייען אין דראַמאַטישן שפּיל און קעגנשפּיל. אָבער אויך די יידישע דורות שטייען אין שפּיל און קעגנשפּיל אויף דער גרויסער צייט־בינע, וועלכע י. י. זינגער האָט קאָנסטרואירט.

אויך אין „ברידער אשכנזי" איז פאַראַן די אייגענע טענדענץ ווי אין „יאָשע קאַלב" און ווי זינגער באַמיט זיך שפּעטער בולטער צו אילוסט־רירן אין „חבר נחמן", נעמלעך: אַלע מענטשלעכע דערהויבנקייטן קאָן מען קיינמאָל נישט דערוואַרטן אין די טאַטן פון קאָלעקטיוו. אויך נישט פון יענע יחידים, וואָס זיינען מיטן קאָלעקטיוו צונויפגעבונדן.

אליעזר גרינבערג

דיכטער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1896, אין שטעטל ליפּקאַן, בעסאַראַביע. געקומען קיין אַמעריקע אין 1913. די ערשטע יאָרן געוואוינט אין באָסטאָן, איצט אין ניו־יאָרק.

די עסיי וועגן „עמיל און קאַרל" איז אַ טייל פון אליעזר גרינבערגס אַ קריטישן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אויפן וועג צו יעקב גלאַטשטיינס פּראָזע", וואָס איז געווען געדרוקט אין דער וואָכנשריפט „יידישער קעמפּער" (7טן יוני, 1940).

„עמיל און קאַרל"

(יעקב גלאַטשטיינס דערציילונג וועגן קינדער)

ווי אַ מין אינטערליוד צווישן זיינע צוויי פּראָזע־ביכער: „ווען יאָש איז געפאָרן" און „ווען יאָש איז געקומען" האָט דער מאָדערנער און טיף־יידישער דיכטער און נאָוועליסט יעקב גלאַטשטיין פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1940 אַ דערציילונג וועגן קינדער.

„עמיל און קאַרל" — אַזוי האָט גלאַטשטיין אַ נאָמען געגעבן זיין דערציילונג נאָך די נעמען פון צוויי יינגל־העלדן פון בוך. אָבער נאָך פּאַסיקער וואָלט געווען ווען דאָס בוך הייסט: „די מסעות פון עמיל און קאַרל". די מעשה וואָס קומט פאָר מיט די צוויי יינגלעך — קרבנות פונעם היטלעריזם אין דייטשלאַנד — איז ווייט ניט קיין פריילעכע מעשה. עס איז אַ היינטצייטיקער גרויזאַמער עפּיזאָד, אַרויסגעריסן פון אונדזער אכזריות־דיקער וואָר.

דער הינטערגרונט פון ראָמאַן איז די שטאָט ווין, נאָכדעם ווי היטלער איז באַפאַלן עסטרייך. איין העלד, עמיל, איז אַ יידיש יינגל, און דער צווייטער, קאַרל, אַ קריסטלעך יינגל. קאַרלס פאָטער, אַ סאָציאַליסט, איז אומגעקומען אין דעם העראָאישן אויפשטאַנד פון עסטרייכישע אַרבעטער קעגן דאָלפוסן. די מוטער ווערט שפּעטער געפייניקט אין דער קעגנוואַרט פון דעם קליינעם קאַרל, פאַר איר מאַנס רעוואָלוציאָנערער העלדישקייט. די שטורעם־טרופּער זיינען זיך סאַדיסטיש נוקם אין איר. עמילס פאָטער ווערט פאַרשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און ווערט דאָרט פאַרברענט. דאָס אַש שיקן די נאַציס אַפּ דער פאַמיליע. עמילס מוטער גייט אַרונטער פון זינען און קומט אום פון פּייניקונג. די צוויי קליינע העלדן געלינגט זיך אַרויסצודרייען פון די נאַצישע לאַפּעס; און דאָ פאַנגען זיך אָן פאַר די

צוויי חברים־קינדער די פּיינפולע געשעענישן און מסעות אין דעם היטלע־ריסטישן גיהנום. עס גייען דורך אין דער דער־ציילונג אַ ריי אינטערעסאַנטע טיפּן אַחוץ די צוויי קינדער הויפּט־העלדן. עס ווערן געמאָלן געהיימע פאַר־זאַמלונגען, ביז ענדלעך געלינגט איינעם פון די ייִנגלעך — מיט דער הילף פון גוטע מענטשן — אַרויסצוראַטעווען זיך פון גיהנום און אַרויסצופּאָרן פון דייטשלאַנד. דאָס צווייטע ייִנגל גרייט זיך אויך אין וועג אַריין. און דער לייענער האָפט, אויס מיטלייד און ליבשאַפט וואָס דעם דערציילער איז געלונגען אַרויסצורופן ביי אים צום ייִנגל — אַז אויך קאַרל וועט זיך אַרויס־ראַטעווען פון דייטשלאַנד און ער וועט זיך ווידעראַמאָל טרעפן מיט זיין גוטן חבר — עמיל.

פון די אָנגעוואָרפענע פאַקטן איז לייכט צו זען פון וואָס פאַר אַ דראַ־מאַטישן, ניין מעלאָדראַמאַטישן, שטאָף די דערציילונג איז אויפגעבויט גע־וואָרן און ווי גרינג עס איז דאָ געווען געשטרויכלט צו ווערן. אָבער דעם מחבר איז געלונגען אויסצומיידן די געפאַרן. און ביז צו אַ גרויסער מאָס איז דאָס אים געלונגען דערפאַר, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַזאַ שרייענ־דיקע טעמע מוז אינגאַנצן געשריבן ווערן אין אַ מינאָרנעם טאָן. עס פעלן דאָ אינגאַנצן נאַטור־באַשרייבונגען — אַחוץ די סאַמע נויטיקסטע. אויך דער פּראָזע־סטיל איז דאָ אַ גאַנץ אַנדערער ווי אין „יאַש איז געפאָרן" און „יאַש איז געקומען". דאָ איז די קאַליידאָסקאָפּישקייט און דער ראַפּי־נירטער סטיל פון די „יאַשן" פאַרביטן געוואָרן אויף אַ פּשוטער און אָביעק־טיווער דירעקטקייט. אין די „יאַשן" האָט דער דערציילער גלאַטשטיין קודם כל געגעבן זיך אַליין. אַלע אַנדערע פּאַרשוינען אויף דער שיף, אין לובלין און אין די אַנדערע ערטער — ווערן אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן — דיריגירט און געשילדערט לויט דער אָבסערוואַציע פון אַ דער־וואַקסענעם מענטשן. אָבער אין „עמיל און קאַרל" האָט גלאַטשטיין געמוזט זיך אינגאַנצן „אַנטפּערזענלעכן" כדי אים זאָל געלינגען צו זען און צו באַנעמען געשטאַלטן און געשעענישן — מיט די אויגן און מיט דעם באַנעם פון די צוויי קינדער־העלדן.

די פּאָזיטיווע מענטשן, די גוטע און די ערלעכע, ווערן אין בוך גע־שילדערט אויף אַן אינדיווידועלן אופן. מען זעט אַן אונטערשייד אין זייערע שטריכן און אין זייערע באַזונדערע צורות. אַנדערש באַגייט זיך דער אויטאָר

מיט די בייזע, מיט די נאַציס. זיי — באַשרייבט ער נישט באַזונדער ווי יחידים, נאָר זיי ווערן ווי אַ גרויע מאַסע אויסגעגאָסן און אויסגעפורעמט ווי פון אַ קאַלירלאָזן מעטאַל. קיין איינער פון זיי ווערט נישט באַצייכנט מיט קיין נאָמען. אַמאָל הייסן זיי ביי אים „שטורעם-אַרמייער", אַן אַנדער־מאָל „אוניפאָרמירטע" און אַ דריט מאָל „שטורעם-טרופער". אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל געדעכט איז בערטאַ, די אידעלע דייטשע פרוי, וואָס באַשיצט אַזוי מאַמעדיק די צוויי קינדער, ווען זי זאָגט, אַז „בלויז גוטע מענטשן האָבן אַ פּנים, גוטע מענטשן קאָן מען דערקענען, אָבער שלעכטע מענטשן זיינען שטאַרק ענלעך איינער אויף דעם אַנדערן".

אַ וויכטיקער אויפטו פונעם בוך איז בלי ספק דאָס, וואָס טראָץ דעם שווערן געמיט און די גיהנומישע ליידן וועבט זיך דורך דער דערציילונג אַ געזונטע צוגעבונדקייט צום לעבן. ווי אַ טרייסט-רעפריין לויכט אויף אין בוך פון צייט צו צייט אַ האָפענונג וואָס באַזעלט און באַזינגט די שווערע ליידן און מונטערט, אַז עס מוז נישט אייביק זיין אַזוי. קאַרל האָט געהערט ווי די רעדער פון צוג קלאַפּן איצט אויס די דריי ווערטער, וואָס האָבן געשלאָסן די געהיימע זיצונג:

טראַ־טראַ־טראַ־לעבן!
טראַ־טראַ־טראַ־לעבן!

און עמיל האָט אויסגעשריען: „לעבן! לעבן! לעבן! אַז מען שטאַרבט הערט מען גאָרנישט און מען זעט גאָרנישט, און איך וויל אַלץ הערן און זען!"

דער אופן ווי אַזוי מענטשן ווערן אַרעסטירט און געפייניקט אין איין טאָטאַליטאַרישער מלוכה איז מער אָדער ווייניקער אַנגעמאָסטן אויך אויף אַ צווייטן פאַשיסטישן לאַנד. דערפאַר אפשר איז טאַקע „עמיל און קאַרל", טראָץ דער שאַרפער פאַרשיידנקייט אין אַ סך פּרטים, דאָך ענלעך צו דעם אַנטי-פאַשיסטישן בוך „פאָנטעמאַרע" פון דעם באַרימטן איטאַליענישן שריפטשטעלער איגנאַציאָ סילאָנע.

נחום אויסלענדער

ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1893, אין שטעטל כאָדאָרקאָוו, קיעווער גובערניע, אוקראַינע. געווען אַ שטיקל צייט דירעקטאָר פונעם דעפּאַרטמענט פאַר יידישער ליטעראַטור ביים ווייסרוסישן „אינסטיטוט פאַר קולטור" אין מינסק און דערנאָך אין משך פון דריי יאָר (1928־31) געהאַט דעם זעלבן אַמט ביי דער אוקראַינישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן אין קיעוו. ביז צו דער מלחמה האָט אויסלענדער געלעבט אין קיעוו.

די עסיי, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַרויסגענומען פון אויסלענדערס בוך „וועג איין — וועג אויס", קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1924.

קונסט פון קעגנוואַרט

(וועגן פּרץ מאַרקישעס לידער ביכער „סתם" און „די קופּע")

1

נאָך אין זיין ערשטן בוך „שוועלן" האָט פּרץ מאַרקיש דאָ און דאָרט געוואָלט אונטערשטרייכן אַז זיין קונסט אין וועלכער עס הערשן אַזויפיל לעגענדע־מאָטיוון, וויל דורכאויס זיין אַ קעגנוואַרט־קונסט, די קונסט פון „אַצינד". דערפון האָבן זיך גענומען אַ סך ביי־טענער, וואָס לאָזן זיך הערן אין בוך „שוועלן".

מאַרקישעס ליד, וואָס האָט נאָך אין זיך אַ היפּשע מאָס אידיליש־קייט, טוט זיך מיטאַמאָל אַ שטויס אָן אין די גרויסע צייט־סימפּטאָמען, וואָס שוועבן אין דער אַרומיקייט און דאָס ליד פּרוּווט ערגעץ אין דער טיף פון דער שטימונג זיך צו באַהעפטן מיט אַ געוויסן ריטם פון אונדזערע צייט־געשעענישן.

מאַרקישעס ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט זיך נאָך אַנטשלאָסענער געשטעלט אויף דעם וועג פון קעגנוואַרט־קונסט.

מאַרקישעס ליד האָט אויך איצט ניט פאַרלוירן איר זאָרגלאָזיקייט, איר שטענדיקע טענדענץ צו גיין „באָרוועס, נאַקעט אין די טיפן". אָבער דער „פּאַרקניפּטער שמועס מיט זיך אַליין" וועלכער הייבט זיך אָן אין מאַרקישעס שאַפן נאָך דעם בוך „שוועלן", האָט שוין געדאַרפט באַדייטן אַ געוויסע קינסטלערישע אָנשטרענגונג, אַ באַשטימטע אַרבעט איבער זיך. און דאָס בוך „סתם" איז ווירקלעך דאָס ערשטע בוך ביי מאַרקישן, וואו עס פיגורירט די דיכטערישע מי פאַר זיך אַליין.

די קינסטלערישע אָנשטרענגונג האָט אויף „מסתם" איבערגעלאָזט

בולטע שפּורן, אָבער צוזאַמען דערמיט ליגן אויף דעם דאָזיקן בוך נאָך אַנדערע שפּורן. „סתם" איז דער טרעפפּונקט פון אַלע דיכטערישע און ליטעראַרישע איינפלוסן, וועלכע מאַרקיש האָט ווען עס איז געפילט אין דער אַרומיקייט.

מיט דעם זעלבן פּאָעטישן ווילן צום אַלזיין און אַלצזיין, וואָס האָט באַגייסטערט זיין בוך „שוועלן" האָט מאַרקיש אויך אין זיין דיכטערישן מי פון „סתם" אַרויסגעוויזן די פעאיקייט דורכצולאָזן דורך זיך אַלע קינסט־לערישע לאָזונגען פון זיין צייט.

קיין איינציקן דיכטערישן גלויבן ניט בלייבן טריי, מיט קיין איינ־ציקער דיכטערישער געוואוינהייט ניט ווערן איינטים־פאַרבונדן, איבער־נאַטירלעך אויסמישן פאַרשיידענע דיכטערישע פּראָצעסן, ווי איבערנאַטיר־לעך עס מישן זיך אויך אויס אַמאָל מענטשלעכע געבליטן — אָט דאָס איז דער באַפעל פון מאַרקישעס סטיל־מישמאַש אין „סתם".

דאָס זיינען אַלץ רעוואָלוציע־מאָטיוון פון איין כאַראַקטער, עלעמענטן פון איין גרויסער אויפשטאַנד טעמע — דער אייגנטלעכער מאַרקיש־טעמע — אָבער אַלע ווערן זיי פאַרפלייצט פון פאַנטאַסטישער אַבסטראַקציע וואָס פאַרבינדט זיך מיט אַלע דיכטערישע סטילן.

דאָס בראָכוואַרג פון לעגענדע־מאָטיוון איז אויך דאָ צעוואָרפן איבערן גאַנצן בוך.

אָבער אין דעם קאַרוסעלן־לויף פון מאַרקישעס ציקלען גיט יעדעס מאָל אַ לויכט אויף נאָר די אויסנזייט. פּונקט ווי אין נסתרס יוגנט־ווערק „העכער פון דער ערד" איז אין מאַרקישעס „סתם" צו דערקענען אַ ווילדן אויפרייס־כוח, וואָס רייסט אויף מער ווי אַלץ זיך אַליין, זיין אייגענעם דיכטערישן פּראָצעס און לאָזט הענגען איבערן בוך אַ וואָלקן פון פּאָעטישן גאָלד־שטויב.

2

„די קופּע" אַ ווערק וואָס איז אויסן צו זיין אַ געוויסער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר נייע דיכטערישע פּרוואון — האָט מיטגענומען פון „סתם" אַזאַ איבערפלוס פון ליריזם, אַז די אייגנטלעכע סטרוקטור פון אַ פּאָעמע איז דאָ כמעט ניט צו דערקענען.

און דאָך איז די פּאָעמע געפּלאַנט ווי אַן עפּיש ווערק. און דאָס איז אפשר דאָס ווערטפולסטע אין איר: מאַרקישעס באַגעגעניש מיט אַ פאַקט, מיט אַ קאָנקרעטן, שווידערלעכן פאַקט.

דער פאַקט מוז פריער פון אַלץ געשילדערט ווערן. און מאַרקיש איז צוגעגאַנגען זיכער צו דער שילדערונג. דאָ האָט מאַרקיש באַנייט די שילדערונגען פון „שוועלן", וועלכע זיינען אין „סתם" אָפּגעגאַנגען אויף אַ וויטן פלאַץ. דאָ איז דער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט ווידער געוואָרן בויעריש־קאָנקרעט און פרוכטבאַר.

דער גיגאַנטישער סוזשעט — אַזאַ וואָס מוז אימפּאָנירן מאַרקישעס פאַנטאַזיע — האָט אין דער זעלבער צייט באַוויזן די דאָזיקע פאַנטאַזיע צו באַצוימען, אַרויסצורייסן זי פון דעם אַבסטראַקטן פלאַנעטן־רוים.

אָבער מאַרקיש האָט מיטגענומען פון „סתם" ניט נאָר ליריזם, נאָר אויך דעם מישמאַש פון פרעמדע ליטעראַרישע ווירקונגען. דערפאַר איז דער עפּישער טאָן אין דער פּאָעמע גאַנץ גיך פאַרשריען און פאַרהילכט געוואָרן. די קינסטלערישע דעקלאַראַציע פון „שווידער" וואָס וויל אין דער פּאָעמע ווערן דער דעוויז פון נייער דיכטונג, ווערט אין אַ געוויסער מאָס קאָמפּראָמיטירט און אונטערגעריסן.

ניט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעמען וועט „די קופּע" געוויס אירע רעכט אויסקעמפן. זי וועט אירע רעכט באַקומען דערפאַר וויל אין איר זיינען פאַראַן גרויסע שילדערונגס־מיטלען, דערפאַר וואָס מאַרקיש האָט צום ערשטן מאָל גענומען אויפזאַמלען דאָס בראָכוואַרג פון לעגענדאַרישע מאָטיוון אין עפּישער קעגנוואַרט־פּאָעמע. מאַרקיש האָט צום ערשטן מאָל גענומען באַאַרבעטן ניט נאָר אַ שטימונג, נאָר אַ סוזשעט פון דער קעגנוואַרט.

און עס איז זיכער אַז אין דער ריכטונג ליגן אַלע וועגן פון מאַרקישעס וויטערדיקער אַנטוויקלונג.

מרדכי יאַפּע

דיכטער און קריטיקער. געבאָרן אין 1899, אין דוטיאט, ליטע. געלעבט און ליטעראַריש געאַרבעט אַ שטיק צייט אין קאָוונע. געקומען קיין קאַנאַדע אין יאָר 1931. פון דאָרט אַריבערגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם „מאָרגן־זשורנאַל".

יאַפּעס אַרטיקל וועגן אויערבאַכס „לויטער איז דער אַלטער קוואַל" איז געווען געדרוקט אין דעם חודש־זשורנאַל „קולטור און דערציאונג" (דעצעמבער, 1940).

„לויטער איז דער אַלטער קוואַל"

(עוגן אַ בוך לידער פון אפרים אויערבאַך)

דער קוואַל פון אויערבאַכס געזאַנג פליסט אַרויס פון יענע אַלטע טיפענישן, וואו דער ראַסט גיט צו טעם און שטאַרקייט און מאַכט לויטערער דאָס קוועלן.

אויערבאַכס מאָטיוון אין זיין לידער־בוך „לויטער איז דער אַלטער קוואַל", זיינען דערעיקרשט תפילה און ראָמאַנטישע געשטאַלט.

שוין גלייך אין ערשטן ליד פון בוך וואָס דינט אים ווי אַן אַריינפיר, אַנטפּלעקט זיך אויערבאַך אין זיין אייגענער דיכטערישער געשטאַלט מיט די אייגנשאַפטן פון זיין דיכטערישן כאַראַקטער, מיטן לשון, מיטן צוגאַנג און אפילו מיט זיין „אני מאמין".

אַ „שטרעקע צייט" — דער דיכטער שילדערט ווי ער האָט זיך מיט זיין אַלטער היים געזעגנט. די שילדערונג איז קאָנדענסירט, איז קערנדיק; אין צוויי דריי שטריכן — אַ בילד און אויך אַ צושטאַנד פון אַ געמיט:

„די טיר האָב איך צוגעמאַכט מיט אַ סקריפּ —
די קליינע טיר האָט די גרויסע נאַכט
„פון שלאָף אויפגעוועקט אויף אַ רגע
דערנאָך האָט נאָר איינער מיט אומרו געוואַכט
מיט אומרו פון גיין און אַוועקגיין."

דער איינער האָט אַ קוק געטאָן אויף צוריק, געטאָן אַ טראַכט: ווי אָרעם איז זיין היים! אַ שטיבל באַגראָבן אין שמות . . . פאַרקערעוועט זיך צו דער אַלטער שול און איידער ער דערשפּירט די שרעק, האָט זיך אויסגעצויגן די היימישע האַנט פון די קינדערישע טעג . . . אַ געשטאַלט הינטער אים האָט שטילערהייט צעריסענע שמות אויפגעהויבן . . . אויפגעהויבן

און געקושט זיי . . . געשטאַלט און שמות — זינט יענער נאַכט, גייט נאָך אַ הינטער אים דער קוש —

„איך זאָל נאָר ווערט זיין צו קושן אַליין
די שמות וואָס זיינען פאַרעלנט,
און ברענגען דאָס ליכט זייערס און געוויין
צו אייגענע יידישע שוועלן.״

און פול מיט עפישער הנאה, מיט פשטות און מיט וואַרעמקייט פון ליי־רישן געמיט זיינען געשילדערט־באַזונגען אַלע געשטאַלטן פון דעם ווייטן־נאָענטן עבר: דער פעטער אהרן בער, מיט זיין חסידישן ברען, מיט זיין אונטערוואַרפן האַלץ און טשערעט ווינטער־צייט צו אָרעמע לייט, מיט זיין ליב האָבן אַ האָרץ וואָס רעדט העכער פון אַ צער, וואָס שרייט; וואָס האָט גע־טאַנצט אין זיין אָרעמקייט, מיט דער פרייד, וואָס איז גוט צו זיין אַ ייד! משה הערש, וועלכער האָט געהאָט „אָפענע פלייצעס פאַר זעק און פאַר לע־מער, קינדער צו וויגן ווי אויף אַ הוידע״, אָבער אויגן, וועלכע האָבן זיך איי־ביק געשעמט און זיך מודה געווען אין אַ שולד . . . משה הערש, וועלכער האָט תמיד אונטערגעלייגט אַ פלייצע: אַ פעסל וואָס פלייצט מיט וויין, אַ וואַנט וואָס האַלט ביים איינפאַלן, אַ געשלעג פון טרעגער — אומעטום העלפט אויס זיין פלייצע. און ווערט די פלייצע אפילו צעשניטן, איז ווייסט איר דאָך יידן, אַז „גוט איז אַ מענטשן אַז ער קען דערגרייכן שלום צו ברענגען מיט בלוט פון זיין פלייצע״; פוסי דער וואַסערפירער, וואָס טרינקט אָן יידן און אליין ווערט ער פאַרפרוירן מיטן „לכה דודי״ אויף די ליפּן; מאָטל דער שרייבער, דער שטעטלשער געלערנטער וואָס האַלט זיך מיטן בוך און שרייט אויף די שטערן; דאָס רויטע קלעזמערל וואָס גיט זיך אויף דער פלייט אַ „זאָג״; יאנקל ראפאעל — אַ פּנים וואָס איז אַרויס פון ראפאעלס אַ בילד און רופט זיך יאַנקל און איז אַ איד אַ תם; שיקע, וואָס האָט געהאָט אַזאַ ליכטיקן פּנים, אַזאַ גילדענע באָרד און גענומען מיט די אייגענע הענט און פאַרלאָשן אַזאַ ליכטיק לעבן, אַז ס׳איז אַזש „אַן עבירה פאַר גאָט״ — און אויך אַנדערע געשטאַלטן, וועלכע ווערן געשילדערט דירעקט אָדער אַריינגעוועבט אין אַן עפּיזאָד פון שטייגערישן לעבן.

די לויטערסטע פון אויערבאַכס לידער זיינען בלי ספק — די תפילות. אין זיי האָט ער דערגרייכט די מדרגה פון ריינסטער ליריק.

די תפילה איז בכלל אַן אָפּצווייג פון דער רעליגיעזער פּאָעזיע. זי קומט דאָס רוב אין דריי אויסדרוקס־פאָרמען: 1) אַן אינספּירירטע. דער פּאָעט דריקט אויס די אייגענע רעליגיעזע שטימונגען אויף אַ תפילהדיקן אופן; ב) אַ סטיליזירטע. דער דיכטער סטיליזירט אָדער איבערזעצט די תפילה; 3) אַ סוגעסטירטע. דער פּאָעט ווערט סוגעסטירט פון וועלכער ניט איז גאַנצער תפילה, אָדער בלויז פון אַ תמצית־וואָרט, אַ פּסוק פון אַ תפילה. דער פּסוק סוגעסטירט אים און ווערט ביי אים אַ לייט־מאָטיוו פון מאָמענטאַלער רעליגיעזער שטימונג.

אויערבאַך האָט באַנוצט די דריטע פאָרם. דער תמצית־פּסוק, אָדער דער לייט־מאָטיוו פון אַ געוויסער יידישער תפילה האָט אים סוגעסטירט אַ רעליגיעזע שטימונג. די שטימונג האָט ער אויסגעדרוקט אויף אַן אינ־דיווידועלן אופן. דורך דעם לייט־וואָרט פון דער תפילה האָט ער אַרויס־געבראַכט די גאַמעס פון זיין אייגענער דיכטערישער נשמה: דערקענטעניש, גלויבן, בטחון, ווידוי, זעלבסטליייטערונג. די בעסטע און לויטערסטע פון די דאָזיקע לידער זיינען טאַקע באַזירט אויף די האַרציקע קרעדאָ־מעסיקע, קלוג־שפּרוכעדיקע און פּאָעטישע יידישע תפילות: „מודה אני", „קריאת שמע", „אשרי יושבי", „גאָט פון אברהם", „אני מאמין" אאַז"וו.

אָט איז אַ מוסטער פון אויערבאַכס אַ תפילה, וואָס איז סוגעסטירט געוואָרן פון „מודה אני":

„ס'איז דיינער דער גוף, די נשמה איז דיינע,\
אפילו דאָס בענקען נאָך דיר אינדערפרי,\
דער שטויב נאָר וואָס גרויט אויף מיין לעבן איז מיינער. —\
מודה אני.

דו האָסט מיר געגעבן אַ לעבן צו טראָגן,\
מיט פּשוטע רייד און מיט מענטשלעכער מי,\
און איך האָב דאָס האַרץ מיינס אויף שטיקער צעשלאָגן —\
מודה אני."

די גאַמע פון אויערבאַכס מאָטיוון איז אַ רייכע. מען קען עס זען אין דעם כמות און איכות פון די לידער וועלכע קומען אריין אין די ווייטערע אָפּטיילן פון זיין בוך: „אייגענע ערד" (זכרונות, תפילות, יידישע מאָטיוון,

מאַטיוון פון צייט, יום־טוב, יידישע פּערזענלעכקייט, ארץ־ישראל), „געד־שטאַלטן", „ליבשאַפט", „רעפּאָרטערן", „די שטילע וועלט" (נאַטור־לידער, ליריק), „צווישן הימען" (די אַלטע און נייע היים, סאָציאַלע מאָטיוון), „אַ קינד אויף דער וועלט" (קינדער אין פאַרשידענע צייטן און צושטאַנדן, מעשהלעך), „ברידער" (ביבלישע מאָטיוון).

אפרים אויערבאַך האָט זיך דורך זיין בוך לידער „לויטער איז דער אַלטער קוואַל" אַנטפּלעקט פאַר אונדז ווי אַן אָריגינעלער דיכטער. אין דער יידישער פּאָעזיע איז ער אַ באַזונדערע דערשיינונג. מיר האָבן אין אים דעם יידישן דיכטער פון רחבותדיקן, געזונטן, פשוטן, קערנדיקן ליד, דעם דיכטער פון ערדישקייט און נאַטירלעכקייט, דעם פּאָעט פון יידישן צער און בטחון.

וו. לאַצקי בערטאָלדי

עסייאיסט און געזעלשאַפט־קריטיקער. ריכטיקער נאָמען יעקב וואָלף לאַצקי. געבאָרן אין 1881, אין קיעוו, אוקראַינע. אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין ריגע, לאַטוויע. געשטאָרבן אין 1940, אין תל־אביב.

די עסיי וועגן חפץ און הובערמאַן איז אַרויסגענומען פון זיין בוך „ערדגייסט" (ערשטער באַנד געקליבענע שריפטן) ריגע, 1932.

אָפענע און געהיימע קונסט

(יאַשאַ חפץ און בראָניסלאַוו הובערמאַן)

פון ניצשעס צייטן אָן האָט מען זיך צוגעוואוינט אונטערשיידן צוויי־ערליי מינים קונסט: אַפּאָלינישע און דיאָניזישע. דער ערשטער מין איז ליכטיק ווי די שיין פון דער זון; קלאָרקייט, האַרמאָניע, אויסגעגליכנקייט זיינען זיינע סימנים. פאַרקערט, איז די דיאָנאָזישע קונסט טונקל, און אירע וועגן זיינען פאַרבאַהאַלטענע. די התלהבות איז ביי איר אָן אַ מאָס און אָן אַ ברעג, זי איז ניט אַזוי מקפּיד אויף דער פאָרם און גראָבט זיך אין די מיסטישע טיפענישן פון דער נשמה. מען קאָן מיט דער דאָזיקער צעטיי־לונג כאַראַקטעריזירן די קונסט פון גאַנצע פעלקער און פון איינציקע קינסט־לער. די אַלטע גריכן זיינען מער נוטה געווען צו דער קלאָרער, אַפּאָלינישער קונסט; די אַלטע יידן, פאַרקערט, האָבן מער געהאַלטן פון מיסטישער

התלהבות און אפילו אין זייערע וועלטלעכע שאַפונגען, ווי, למשל, אין דעם ליבע־ליד שיר השירים, זיינען זיי אויך געווען אַן אַ מאָס און אָן אַ ברעג, און דער קאָפּ פונעם געליבטן ווערט דאָרטן צוגעגליכן צום כרמל־באַרג און זיין נאָז צום טורעם פון לבנון.

ווען מיר זאָלן נעמען, למשל, צוויי גאונים פון אונדזער היינטוועל־טיקער ליטעראַטור, וועלן אונדז דער פראַנצויזישער שרייבער פלאָבער, אָדער דער דייטש גאַטע פאָרשטעלן דעם אַפּאָלינישן פּרינציפּ, און דער אכזרישער און טונקעלער גאון דאָסטאָיעווסקי דעם דיאָניזישן פּרינציפּ אין דער קונסט.

מיט אונדזערע אייגענע השגות און ווערטער קאָנען מיר דעם חילוק צווישן די צוויי מינים קונסט אָנרופן מיט די נעמען נגלה און נסתר, אָפענע און געהיימע קונסט.

פאַראַן טאַלאַנטן און גאונים אין ביידע מינים, און ס׳איז בעסער נישט צו מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן זיי און דערלאָזן יעדערן צו זיין גרויס, טאַלאַנטפול און געניאַל אין זיין אייגענער מחיצה.

***

צי קאָן מען ניצן דאָס אייגענע לגבי ווירטואָזן?

אַז מען הערט יאַשאַ חפצן שפּילן, באַזעצט זיך אין אייער נשמה אַן אויסטערליש געפיל פון האַרמאָניע, און עס קומט אייך צו אַ נשמה יתרה פון פרייליכקייט, פון אָפּטימיזם. אייך הויבט זיך אָן דוכטן: פּונקט אַזוי ווי דער פידל־קינסטלער, וואָס שטייט דאָ פאַר אייך, איז שפּילעוודיק גובר אַלע טעכנישע מניעות, די שווערסטע פּאַסאַזשן, פּונקט ווי ער גייט אַזוי גרינג אַריבער פון לייכט צו שווער, פון האַרמאָניע צו דיסהאַרמאָניע און באַשאַפט פון אַלע מינים טענער אַ וואונדערלעכן צוזאַמענקלאַנג, וואָס רופט אַרויס ביי אייך אַ ווידערקול פון ריינע, האַרמאָנישע נשמה־אַקאָרדן, —

פּונקט אַזוי, דוכט זיך אונדז, קאָן מען גובר זיין אַלע מניעות, אַלע דיסהאַרמאָניעס פון לעבן. מען קאָן מיט גראַציע באַזיגן די אומגעלומפּערט־קייט פון מענטשן און פון לעבנס־באַדינגונגען און פאַרענדיקן די טעג מיט אַ לויב־געזאַנג צו זיין הייליקן נאָמען...

אַט דאָס איז די אילוזיע, וואָס יאַשאַ חפץ פלאַנצט אין אייך אַריין מיט זיין אַפּאָלינישן שפּילן, מיט זיין כוח אין נגלה...

מיר פּטרן געוויינלעך אָפּ אַזאַ מין שפּיל ווי ביי יאַשאַ חפץ מיט די ווערטער: „כישופדיקע לעגענדאַרישע טעכניק — און ווילן ניט זען און ניט הערן, אַז דאָ פלאַטערט אַ נשמה, וואָס גיט זיך אַרויס גאָר אינגאַנצן און שטייגט דעריבער אַלץ העכער אויף דעם לייטער פון נגלה, צו דער אידעאַלער טעכניק, צו דער קלאַסישער פאָרמע, צו דער ליכטיקער שיין פון דער זון, צו דעם אידעאַלן בילד אין דער מוזיק.

יאַשאַ חפץ איז שטאַרק אָנגענומען אין אַמעריקע, און ביי אונדז אין אייראָפּע נעמט שטאַרק אויס הובערמאַן, וואָס זיין כוח ליגט אין נסתר, אין דער געהיימער קונסט, אין די מיסטישע טיפענישן און אויפטרייסלונגען פון דער נשמה.

אַז איך הער הובערמאַן שפּילן, חידוש איך זיך קודם כל אויף זיין דזשענטלמעניש פראַק, וואָס קלעפּט צו אים ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט:

אַז ער וואָלט זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע מיט פליגלען, וואָלט עס געווען נאַטירלעך, פאַרשטענדלעך, אָבער אַ פראַק? אַט דער סימבאָל פון אונדזער באַרבאַרישער ציוויליזאַציע, וואָס צאַמט־איין און פאַרקנעפּלט אַלע טיפע מענטשלעכע געפילן, ווי קומט אַזאַ טשיקאַווער מלבוש צו אַ נשמה וואָס פלאַטערט ערגעץ אַרום אין די העכערע וועלטן?

ס'איז דער כוח פון נסתר, פון דער געהיימער קונסט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין הובערמאַנס שפּיל, דאָס שטרעבן צום אידעאַלן טאָן אין דער מוזיק.

אָבער ביידע, אי הובערמאַן און אי חפץ, זיינען געטלעכע שטימען, יעדער אין זיין מחיצה. נגלה און נסתר זיינען צוויי פּנימער, צוויי אַטריבוטן, וואָס דורך זיי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די וועלט פון שיינקייט.

IV

געשיכטע, שטייגער און רייזע־באַשרייבונגען

ד״ר איסר גינזבורג

עסייאיסט. געבאָרן אין 1872, אין דוועלטאָוו, קאָוונער קרייז. געקומען קיין אַמעריקע אין 1893. וואוינט אין ניו־יאָרק, וואו ער פּראַקטיצירט מעדיצין און איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

וועגן ר׳ יהודה הלויס בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד דערציילט גינזבורג אין זיין בוך „יידישע דענקער און פּאָעטן אין מיטלעלטער״, ערשטער באַנד, פאַרלאַג „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 1918.

ר׳ יהודה הלוים בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל

אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור האָט דער דיכטער ר׳ יהודה הלוי אַחוץ אבן גבירולן צו זיך קיין גלייכן ניט. שלמה אבן־גבירולס רעליגיעזע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע לידער זיינען אפשר צאַרטער און טיפער ווי יהודה הלויס, אָבער דערפאַר קען דער ערשטער זיך ניט פאַרגלייכן מיטן צווייטן אין זיינע נאַציאָנאַלע און ארץ־ישראל לידער. אין דעם פּרט שטייט יהודה הלוי אליין און העכער פון אַלע אַנדערע יידישע פּאָעטן. זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנצער וועזן איז ממש דורכגעזאַפּט מיט דעם צער און מיט די צרות פון זיין פאָלק.

ר׳ יהודה הלוין האָט קיין זאַך ניט געפעלט. ער איז געווען רייך און געליבט און באַרימט ווי אַ גרויסער געלערנטער און ווי דער גרעסטער פּאָעט פון זיין צייט. אָבער זיין פּערזענלעך גליק האָט אים ניט צו־פרידנגעשטעלט. ער האָט געליטן ניט פון זיינע אייגענע פּערזענלעכע צרות, נאָר פון די צרות פון דעם גאַנצן כלל, די צרות פונעם פאַרוואַגלטן פּרינץ, דעם צער פון דער שכינה, וואָס געפינט זיך אין גלות. דאָס יידישע פאָלק, דאָס יידישע לאַנד און די יידישע תורה זיינען אים גלייך ליב און טייער געווען. ער האָט זיי אַלע אינאיינעם באַטראַכט ווי איין גאַנצקייט; זיי זיינען אַלע ביי אים אַזוי ענג צונויפגעבונדן, אַז איינס אָן דעם אַנדערן קען גאָר קיין קיום ניט האָבן.

די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די אַרומיקע קריסטלעכע לענדער; די רדיפות אויף די יידן אונטער די ניי־מאַכמעדאַנישע הערשער, די אַלמאָראַווידן, אינאיינעם מיט דער פאַר־אַכטונג, וואָס די קריסטן און די מאַכמעדאַנער האָבן אַרויסגעוויזן צום יידישן פאָלק, ווייל עס האָט ניט קיין אייגן לאַנד און קיין אייגענע מלוכה — דאָס אַלץ האָט אים פאַרביטערט זיין לעבן. ער האָט פאַרלאָזן די

קריסטלעכע טאָלעדאָ און האָט זיך באַזעצט אין דער מאַכמעדאַנישער קאָרדאָווא. אָבער אויך דאָרטן האָט ער געפונען בלויז האַס און פאַראַכטונג צו יידן. אין אַ סך פון זיינע לידער און תפילות באַקלאָגט ער זיך, וואָס די יידן האָבן צו ליידן סיי פון זייערע קריסטלעכע און סיי פון זייערע מאַכמעדאַנישע שכנים.

עס איז אין אים אויפגעקומען דער געדאַנק אַז ארץ־ישראל איז דער איין און איינציקער פּלאַץ וואו דאָס יידישע פאָלק קאָן געפינען רו. ער האָט תפילה געטאָן און געהאָפט, אַז גאָט וועט שיקן דעם אויסלייזער. אָבער דערוויל האָט ער באַשלאָסן אליין צו פאָרן אהין, צו באַגיסן דאָס הייליקע לאַנד מיט זיינע טרערן, צו קושן די שטיינער דאָרט און אין זיך אריינצו־אָטעמען די נשמה־לופט פון ארץ־ישראל.

אומזיסט האָבן אים אַ סך פון זיינע פריינט געפּרואווט אָפּהאַלטן פון זיין באַשלוס. אומזיסט האָבן זיי אים אויפגעוויזן די געפאַרן פון אַזאַ רייזע, די סכנות פון ימים און מדבריות. ר' יהודה הלוי איז געבליבן פאַרעקשנט. ער האָט פאַר זיי אָלעמען געהאַט איין ענטפער: „צי האָבן מיר אין מזרח אָדער מערב אַזאַ פּלאַץ וואו מיר קענען זיין זיכער?"

אין 1141, אין עלטער פון פינף־און־פופציק יאָר, האָט ר' יהודה הלוי אונטערגענומען זיין רייזע קיין ארץ־ישראל. נאָך אַ לאַנגער שווערער נסיעה אין איינער פון די דעמאָלטיקע קליינע און ענגע זעגל־שיפלעך איז ער ענדלעך אָנגעקומען אין דער עגיפּטישער האַפנשטאָט אלעקסאנדריע. פון זיין רייזע אויפן ים איז אונדז פאַרבליבן אַ גאַנצע ריי וואונדערלעך שיינע ים־לידער.

כוואַליעס קומען, כוואַליעס ברומען,
ס'ברעכט דער ווינט פון מאסט דעם בוים:
ביז צום הימל, אין געטומל,
שפּריצט ווי זילבער־ווייסער שוים.

(איבערזעצונג פון י. י. שווארץ).

אין אלעקסאנדריע איז דער דיכטער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד. די פאָרשטייער פון דער דאָרטיקער יידישער קהלה האָבן אים מקבל פּנים געווען.

זיינע פריינט אין עגיפּטן האָבן אים געוואָלט איבעררעדן ער זאָל בעסער דאָרט פאַרבלייבן. ר' יהודה הלוי האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט.

אין אַ ליד זיינעם בעט ער זיך ביי זיי, אַז זיי זאָלן אים מער ניט פאַרהאַלטן, ווייל ער האָט מורא אַז עס קען זיך נאָך טרעפן אַ סיבה און ער וועט ניט זוכה זיין צו זען דאָס לאַנד פון זיין באַגער. „מיין וואונטש איז צו זיין באַשיצט אונטער די פליגלען פון גאָט און צו זיין דאָרט וואו עס האָבן געלעבט מיינע אבות.״

עטלעכע טעג האָט ר׳ יהודה הלוי געווילט אין דער שטאָט קאַירא און וויבאַלד ער האָט זיך באַזאַרגט מיט די נויטיקע דאָקומענטן — האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין ארץ־ישראל. ווי לאַנג עס האָט אים גענומען זיין רייזע און ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איז ניט באַקאַנט. אָן אַלטן און צעבראָכענעם טרעפן מיר דעם דיכטער אין די שטעט צור און דמשק. עס איז ניט זיכער, צי ער איז געווען אין ירושלים, כאָטש פון אַ שטעלע אין איינער פון זיינע תפילות קאָן מען אַרויסדרינגען אַז ער איז דאָרטן יאָ געווען, אָבער אַז ער האָט זיך דאָרט ניט געקענט לאַנג אויפהאַלטן. ירושלים איז דאַן געווען אין קריסטלעכע הענט. ער באַקלאָגט זיך: „צו זען דיין כבוד האָט מיין האַרץ געגלוסט, און ווען איך בין ענדלעך געקומען צו דיין הייליקן פּלאַץ, האָט מען מיך פון דאָרט פאַרטריבן גלייך איך וואָלט געווען אַן אומריינער. דעם גורל פון מיין פאָלק מוז איך טראָגן.״

וואו און ווען ער איז געשטאָרבן איז אויך ניט באַוואוסט. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט צוגעשפונען אַ פּאַסיקן טראַגישן סוף צו דעם דראַמאַטישן לעבן פונעם דיכטער. די לעגענדע דערציילט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים און האָט דערזען די חורבות, איז ער געפאַלן אויף זיינע קני, האָט גענומען קושן דעם זאַמד און די שטיינער און האָט דעמאָלט אויסגעזונגען זיין באַרימט ליד: „ציון הלא תשאלי?״ (ציון וועסט דאָך פרעגן). ווען ער האָט דאָס דאָזיקע ליד פאַרענדיקט, האָט אים אַ בעדואינישער רייטער דערשטאָכן מיט זיין שווערד. דעם דיכטערס נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט „ציון״ אויף די ליפּן:

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים אַ גרוס פון נאָענטע און וייטע!

(איבערזעצונג פון ח. נ. ביאַליק).

ד"ר יעקב שאַצקי

היסטאָריקער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1893, אין וואַרשע, געקומען קיין אַמעריקע סוף 1922, וואוינט אין ניו־יאָרק. איז דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער היסטאָרישער סעקציע ביים „ייוואָ".

„די יידן אין אַמסטערדאַם" איז אַ פאַרקירצט קאַפּיטל פון שאַצקיס בוך „ספּינאָזאַ און זיין סביבה", ניו־יאָרק, 1927.

די יידן אין אַמסטערדאַם

אין אַן אַלטן מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין ביבליאָטעק פון „חברת תועלת" אין אַמסטערדאַם ווערט דערציילט ווי אַזוי די ערשטע יידן זיינען געקומען קיין האָלאַנד. דער מחבר פון דער דערציילונג איז דאָן מיגועל דע באַריאָס, אַ מאַראַן, וועלכער האָט זיך שפּעטער גערופן אַט וואָס מיר לייענען אין דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט:

אין יאָר 1589 איז אין דער אומגעגענט פון דער שטאָט עמדען (האָלאַנד) געווען אַ שרעקלעכער שטורעם און צוויי שיפן מיט אַרויסגעטריבענע יידן פון שפּאַניע, וועלכע זיינען געווען אויפן ים זיינען שיעור ניט אונטערגעגאַנגען. די פּאַסאַזשירן זיינען באַשטאַנען פון רייכע מאַראַנען, וואָס האָבן געפירט מיט זיך אַ סך גאָלד און טייערע חפצים. זייער ציל איז געווען אַמסטערדאַם, די שטאָט וואו מענטשן זיינען פריי און אויב מען רודפט דאָרט עמיצן איז עס גראָד די קאַטוילן, די, וואָס זייער קירך פאַרפאָלגט אַזוי שטאַרק די יידן. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס אויף דעם שטורעמדיקן ים האָבן צוויי שיפן מיט מאַראַנען געבענקט נאָך אַמסטערדאַם. אָבער גאָט האָט מסתמא ניט געוואָלט באַוויליקן זיי אַזאַ גרויס גליק, אַז זיי זאָלן פון די הענט פון דער אינקוויזיציע אַריינפאַלן אין דעם גן־עדן, וועלכער הייסט אַמסטערדאַם, וואָס מען האָט עס שפּעטער גערופן „דאָס נייע ירושלים."

און דער שטורעם איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און די תפילות פון די מאַראַנען אַלץ הייסער און הייסער, און גאָט האָט זיך אויף זיי דערבאַרעמט אין דער לעצטער מינוט און האָט געהייסן דעם שטורעם שוויגן. אָבער די שיפן זיינען געווען אַזוי דורכגעלעכערט פון שטורעם, אַז ווייטער פאָרן האָט מען ניט געקענט. איז מען געבליבן שטיין ביי דעם שטעטל עמדן. די מאַראַנען זיינען אַראָפּ אין שטעטל אַריין,

האָבן געדונגען אַ דירה און זיינען אַרויס אין גאַס שפּאַצירן. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך דערפילט פריי און ניט געצוימט אין זייערע פאַרלאַנגען. און דער ערשטער פאַרלאַנג פון די מאַראַנען איז געווען אַ גאַנז — אַ לעבעדיקע גאַנז, וועלכע זיי האָבן דערזען אין אַ פענצטער. אַ היימישער ייִנגל האָט זיי געבראַכט די גאַנז מיט אַן אויפשריפט: „כשר". די מאַראַנען זיינען געבליבן דערשטוינט. זיי האָבן ניט געגלויבט, אַז דאָ אין עמדן געפינט זיך אַ ייִד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ביים בעל־הבית, ביי וועלכן זיי האָבן געוואוינט און יענער האָט זיך מודה געווען פאַר די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע „קריסטן", אַז ער איז אויך אַ ייִד.

דער בעל־הבית האָט זיי דערציילט, אַז אין יאָר 1581, ווען די ני־דערלענדישע פּראָווינצן האָבן זיך אָפּגעריסן פון שפּאַניע איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז עס ווערט דערלויבט יעדערן „אָן אונטערשייד פון נאַציע און שפּראַך זיך דאָ צו באַזעצן און זיך אויסלעבן אין זיין רעליגיע פריי און ניט געשטערט" אַחוץ די קאַטוילן, ווייל זיי זיינען אינטריגאַנטן און קענען נאָך צוריקברענגען די שפּאַנישע דעספּאָטן.

„מיר לעבן דאָ גליקלעך און אָפן — האָט זיך דער בעל־הבית באַ־רימט — די מלוכה־באַאַמטן שעצן אונדז זייער און מיר פּראַקטיצירן אונדזערע רעליגיעזע מנהגים אָפן פאַר אַלעמענס אויגן."

און די מאַראַנען האָבן באַשלאָסן אויפן צווייטן טאָג צו גיין צו דעם ייִדן ביי וועלכן זיי האָבן געקויפט די גאַנז.

ער האָט געהייסן משה אורי הלוי.

די טיר האָט זיך געעפנט מיט פרייַנטשאַפט און מיט צוטרוי. ר' משה אורי הלוי האָט קיין שפּאַניש נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען פון די ווערטער, וואָס זיי האָבן צו אים גערעדט אין אַ ספּעציעלן צימער — אויס מורא פאַר פרעמדע — אַז דאָס זיינען ייִדן.

— דו ביזט אונדזער ברודער; מיט גרויס ליבשאַפט זיינען מיר מתפלל און זאָגן יעדן טאָג צוויי מאָל: „שמע ישראל"!

און דאַן האָבן זיי אים דערציילט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון קאַס־טיליע, וואו די אינקוויזיציע האָט זיי פאַרפאָלגט און אַז זייער ציל איז אַמסטערדאַם, די שטאָט וואו מען האָט אַלעמען ליב אַחוץ די קאַטוילן. עס

פעלט זיי אָבער איין זאַך: אַ וועגווייזער, אַ גייסטיקער מדריך. געלט האָבן זיי אַ סך, אָבער תורה פעלט זיי און זיי ווילן ווערן יידן.

האָט זיי דערויף אַזוי געענטפערט ר׳ משה אורי הלוי:

„גייט קיין אַמסטערדאַם, ווייל דאָ איז אַ שטאָט פון בלויז לוטעראַנער. מיר אַלע וועלן אייך נאָכפאָרן און איך וועל אייך און אייערע קינדער מל זיין און מיר וועלן לעבן צוזאַמען.״

ער האָט זיי נאָר געבעטן, אַז אויף דעם הויז וואָס זיי וועלן דינגען, זאָלן זיי אַרויסהענגען אַ רויט שנירל ווי אַ סימן פאַר אים.

האָבן זיך די מאראַנען צוגעהערט מיט צוטרוי צו די רייד פון ר׳ משה אורי הלוי און אַזוי שנעל ווי מען האָט די שיפן אין פאָרט פאַרריכט זיינען זיי אַוועק און געקומען בשלום קיין אַמסטערדאַם.

דעם 22טן אַפּריל, 1593, האָבן זיי געדונגען אַ הויז אין אַמסטערדאַם און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען ר׳ משה אורי הלוי און האָט די מאראַנען געמאַכט פאַר יידן.

און די שטאָלצע שפּאַנישע יידן האָבן געבויגן די קעפּ פון דייטשישן ייד ר׳ משה אורי הלוי. ער איז געוואָרן זייער לערער פון לשון קודש און האָט געדאַוונט פאַרן עמוד פאַר זיי ניט אין זייער קלינגענדיקער ספרדישער אויסשפּראַך, נאָר אין נוסח אשכנז.

און געוואַקסן איז די עדה אין אמסטערדאַם. יעדע שיף האָט געבראַכט נייע מאַראַנען. און ניי גאָלד איז אַריינגעפלאָסן קיין האָלאַנד.

אַזוי דערציילט אונדז פשוט און פרום די ערשטע כראָניק, געשריבן אין לשון קודש וועגן דעם ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען דער יידישער ישוב אין אמסטערדאַם.

און ווען אפילו עס שטימט ניט דער טרוקענער היסטאָרישער אמת מיט דער פאַטעטיש געשילדערטער מעשה פון דער כראָניק, דאָך לאָזט זיך אין איר אויפזוכן דעם קערן פון געשיכטע.

יידן זיינען געקומען קיין אמסטערדאַם אין יאָר 1593 און געקומען זיינען די ערשטע יידן פון דעם פּירענעאישן האַלבאינזל מיט אַ פּחד אין

האַרצן און מיט אַן אומזיכערקייט אין דער נשמה. עס האָט זיי אומעטום פאַרפאָלגט דער ברענענדיקער שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע און דאָס אַלץ־זעענדיקע אויג פון די אינקוויזיטאָרן.

די ערשטע צייטן האָבן זיי אויסגעמיטן פרעמדע מענטשן און געוואָלט בלייבן אומבאַמערקט און ניט געזען.

און שפּעטער איז די ערדה געוואָקסן. די רייכע האָבן זיך שיינע מויערן אויסגעבויט און די אָרעמע האָבן זיך אין שכנות געטוליעט אין ענגע, הילצערנע געסלעך.

און באַלד האָט מען אַ צווייטע שול אויפגעבויט, און אַ פריידיק געמיט האָט זיך פאַנאַנדערשפּרייט איבער די גאַסן און אַ ניט־געצוימטע שמחה האָט געשפּאַרט פון די יידישע הייזער, וואו מענטשן האָבן גאָט געדאַנקט פאַר דער באַפרייאונג פונעם אינקוויזיציע־פייער. „ניי־ירושלים" האָט דערזען שטאָלצע יידן און מיט אַ קנאה האָט אויף זיי געקוקט דער אַמסטערדאַמער בירגער.

און אין גיכן איז אַ דריטע קהלה אַנטשטאַנען. פון דייטשלאַנד פון דעם מבול פון פייער און בלוט האָבן זיך דערשראָקענע יידן געראַטעוועט און געזוכט רואיקייט און אַ שטיקל ברויט אין די שטילע שטעט און שטעטלעך פון נידערלאַנד. מיט אַ ביטול האָבן אויף זיי, אויף די „שמויסן" ווי מען האָט זיי גערופן, געקוקט די „אדל־יידן" פון דער פּורעגעאישן האַלבאינזל.

און ווען עס קומט אין יאָר 1639 צו דער פאַראייניקונג פון די דריי קהלות, בלייבט אָבער פאָרט די העגעמאָניע ביי די יחסנישע, שטאָלצע ספרדים.

אין יאָר 1650 האָט שוין אַמסטערדאַם געציילט 400 יידישע משפּחות, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַן ערך 300 הייזער. און צווישן די שנעל־אויפגעקומענע יידן, וואָס האָבן געלעבט אין רחבות און אין כבוד איז אויך געווען אַ ייד מיטן נאָמען אברהם דע ספּינאָזאַ. ער איז געקומען קיין אַמסטערדאַם צוזאַמען מיט זיין יונגן זון מיכאל, וואָס איז שפּעטער געווארן פּרנס פון דער קהלה. מיכאל דע ספּינאָזאַ איז דער פאָטער פון ברוך דע ספּינאָזאַ.

ד״ר יצחק שיפּער

איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע יידישע היסטאָריקער פון דעם נאָך־גרעץ און דובנאָוו־דור. געבאָרן אין 1884, אין טאַרנע (טאַרנאָוו), מערב־גאַליציע. געלעבט און געאַרבעט וויסנשאַפטלעך און געזעלשאַפטלעך אין וואַרשע. אומגעקומען על קידוש השם אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין 1943.

די עסיי, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַ קאַפּיטל פון שיפּערס באַוואוסטן בוך „קולטור־געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלעלטער", פאַרלאַג בזשאָזע, וואַרשע, 1926.

יידישע אַנטיקן אין פּוילן

אַז מען זוכט די ערטער, וואו ס'האָבן זיך געשאַפן שטיקער אַלט־יידישע שיינקייט, מוז מען זיך אָפּשטעלן ביי די וואַרשטאַטן פון יידישע בוימייסטער, גאָלדשמידן, סופרים־מיניאַטוריסטן, גלאָז־מאָלערס אאַז״וו.

מיר געפינען זיי אין מיטלעלטערלעכן פּוילן, פּונקט ווי אַנדערשוואו, אין דייטשלאַנד אָדער איטאַליע.

פאַרגעסן זיינען אָבער זייערע נעמען! דער אַלט־יידישער קינסטלער האָט פון זיך געהאַלטן ווי פון אַ נישטיקן פּרט און געשטעלט איבער זיך דעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט, די אידעע וועלכער זיין קונסט האָט געדאַרפט דינען.

דאָס קונסטווערק האָט געזאָלט באַשיינען, פאַרהערלעכן ניט אים, דעם קינסטלער, דעם ייד, נאָר דעם קאָלעקטיוו, די אידעע. האָט ער דערפאַר זעלטן ווען געחתמעט זיינס אַ בילד, זעלטן ווען אַריינגעקריצט זיין נאָמען אין דעם קונסטבלעך אד״גל.

רעדט זיך אין דער אַלטער יידישער קונסט־געשיכטע בדרך כלל וועגן קינסטלער־אַנאָנימען. נאָר ווי דורך אַ צופאַל שפּרינגט אַרויס אַמאָל אַ נאָמען און ער זאָגט אויך ביט קיין סך...

אָן אַ נאָמען איז די יידישע קונסט וואָס איז פאַר אונדז אויפגעהיט געוואָרן פון פּוילישן מיטלעלטער. און געציילט זיינען די „אַנטיקן" וואָס זיינען געבליבן נאָך די מיטלעלטערלעכע יידן אין פּוילן.

ווי קליין אין צאָל זיי זאָלן אָבער ניט זיין, זיינען זיי אָבער אַ וויכטיקער באַווייז, אַז ביי די פּוילישע יידן זיינען שוין אין מיטלעלטער געווען באַליבט אַזעלכע מלאכות, וואָס האָבן זיך געגרויטקט אין אַ קינסטלערישן חוש.

די קראָקעווער „אַלטע שול" און די מיטלעלטערלעכע שול פון צאָזמער

(סאַנדאַמיעזש) זאָגן עדות אַז ביי יידן האָבן ניט געפעלט זייער געניטע אַרכיטעקטן וואָס האָבן זייערע קינסטלערישע אידעען פאַרווירקלעכט אין דער פאָרם פון מאָנומענטאַלע, גאָטישע געביידעס.

די וואַנטמאָלערייען, די מאַסיווע לייכטער און בלעכן־באַרעליעפן, די שניצערייען ביים ארון, די גאָלד־ און זילבער־געשטיקטע פרוכתן, וועלכע מיר געפינען אינעווייניק אין די דערמאָנטע שולן און וואָס אַ טייל פון זיי, ווייזט אויס, צו שטאַמען נאָך פון מיטלעלטער, דערציילן אונדז וועגן אַ רירעוודיקער און באַגאַבטער מחנה יידישע שולן־מאָלער, קופּערשמידן, שניצער, גאָלד־ און זילבער־שטיקער, וואָס האָבן געלעבט צווישן די מיטל־עלטערלעכע יידן אין פוילן.

אין די געשריבענע קוועלן ווערן יידישע האַנטווערקער־קינסטלער אויסדריקלעך דערמאָנט ערשט זינט דעם 16טן יאָרהונדערט. איז דאָס אָבער ניט קיין ראיה, אַז אין מיטלעלטער האָבן זיך די פּוילישע יידן ניט פאַרנומען מיט קונסט־מלאכהשע אויסאַרבעטונגען. אדרבא, די ידיעות פון 16טן יאָרהונדערט באַווייזן, אַז די קונסט־מלאכה האָט געהאַט ביי די יידן אַן עלטערע טראַדיציע.

עס וועט כדאי זיין דאָ צו ברענגען עטלעכע אַזעלכע קוועלן־באַריכטן פונעם סאַמע אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט:

אין די אַקטן פון דער קיניגלעכער קאַנצעלאַריע איז אויפגעהיט אַן „אייזערנער בריוו" וועלכן דער קיניג זיגמונט דער ערשטער האָט געגעבן אַ געוויסן ייד ביעניאַש (בנימין) פון קאַליש, וואָס האָט צוליב זיינע האַנט־געמעלן געהאַט אַ פּראָצעס. דער זעלבער קיניג האָט געגעבן אַ געוויסן יידן פון לענטשיץ מיטן נאָמען שמעון זלאָטניק, אַ פּריווילעגיע איינצוואַר־דענען אַ וואַרשטאַט פאַר גאָלדשמידעריי.

צווישן די הויפליפעראַנטן פון קיניג זיגמונט איז געווען אַ געוויסער אליעזר פון קראָקע — אַ געניטער יואוועליר.

אַחוץ די דערמאָנטע טיפּן קונסט־האַנטווערקער איז נאָך צו דערמאָנען דעם סופר־מיניאַטוריסט און אילומינאַטאָר, וואָס פלעגט די האַנטשריפטן באַפּוצן מיט כלערליי געמעלן און אָרנאַמענטן. אַ ראיה — צוויי אילו־מינירטע העברעאישע כתב־ידן, וואָס זיינען אויפגעהיט געוואָרן פונעם מיטלעלטערלעכן פוילן.

איין כתב־יד איז אַ סידור, געשריבן אויף פּאַרמעט. דער מאַנוסקריפּט

געפינט זיך נאָך עד היום אין דער סאַנדאָמירער שול. לויט דער טראַ־דיציע זאָל דער סידור שטאַמען פון דער צייט ווען מען האָט די שול אויפ־געבויט. צום באַדויערן איז ניט דערהאַלטן געוואָרן דאָס שער־בלאַט, אַניט וואָלטן מיר זיך אפשר דערוואוסט ווער עס איז געווען דער סופר, וואָס האָט געשריבן און אילומינירט דעם כתב־יד. דאָס אינטערעסאַנטסטע זיינען אין אונדזער סידור די קינסטלערישע באַפּוצונגען.

די איניציאַלן זיינען געמאַכט טיילוויז אין גאָלד און טיילוויז מיט רויטער און פיאָלעטער פאַרב. די נטיה צו גאָלד איז אַ סימן, אַז דער מאַנוסקריפּט שטאַמט פון אַ צייט, ווען דער אילומינאַטאָר איז געשטאַנען נאָענט צו אַ יואוועליר וואָס האָט געקאָנט די מלאכה פון גראַווירן און עמאַ־לירן. דער צוזאַמענהאַנג צווישן די מלאכות פונעם מאָלער און יואוועליר איז געווען זייער ענג נאָך ביזן 12טן און 13טן יאָרהונדערט. ערשט שפּע־טער ווערןביידע מלאכהס זעלבסטשטענדיקע צווייגן.

אַ צווייטער זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די אַרומגערעדטע אילוסטראַציעס איז דער פלאַכער טויער, וועלכן מיר זעען אויפן דערמאָנטן בילד. דער אופן ווי אַזוי דער טויער איז פאַרגעשטעלט באַווייזט אַז אונדזער באַפּוצער האָט געלעבט אין אַ צייט ווען עס איז נאָך נישט געווען אַנטוויקלט דער פּערספּעקטיוו און ווען מען האָט גענוצט דעם טויער־מאָטיוו ווי אַ דעקאָראַטיווע ראַם פאַר אַ טעקסט אָדער פאַר אַ בילד. ערשט אין 15טן יאָרהונדערט האָט מען זיך באַקאַנט מיט דער פּערספּעקטיוו און מען האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו צייכענען געביידעס מיט אַ גרעסערער רחבות און נישט בלויז פראָנטאַל געזען. האָט מען זיך טאַקע זינט דעמאָלט באַמיט צו ווייזן אַ טויער און זיין אויסשפּרייטונג אין דער טיף.

אַ ווייטערער שטריך איז די פלאַנצן־ און חיות־אָרנאַמענטיק. אונטער דער ווירקונג פון דער אָריענטאַלישער מיניאַטור־מאָלעריי האָט אונדזער אילומינאַטאָר פונקט ווי די יידישע און קריסטלעכע מיניאַטוריסטן פון מיטלעלטער און בפרט פון פריען מיטלעלטער, פאַרווענדט פאַר אָרנאַמענטן פייגל, האָזן און פאַנטאַסטישע באַשעפענישן מיט לאַנגע הערנער אויפן קאָפּ.

אין דער פלאַנצן־אָרנאַמענטיק נוצט אונדזער סופר־מיניאַטוריסט מיט באַזונדער ליבשאַפט דעם מאָטיוו פון די דריי צונויפגעוואָקסענע בלעטער, וואָס איז געווען זייער אָנגענומען ביי די פרי־מיטלעלטערלעכע מיניאַטו־ריסטן, סיי יידישע, סיי קריסטלעכע.

אויסנעמלעך־אינטערעסאַנט זיינען די רייטער אויף די פערד, וועלכע מיר זעען אויפן בילד צו ביידע זייטן פונעם טויער מיטן קיילעכדיקן, ראָמאַנישן בויגן. אַ שפּעטערע, איבערגעטריבן פרומע האַנט האָט אויס־געמעקט די מענטשלעכע פיגורן, וואָס זיינען געזעסן אויף די פערד, האַלטנ־דיק אין דער האַנט רייטער־פאַנען.

אין דער תקופה, ווען אונדזער אילומינאַטאָר־סופר האָט געשאַפן דעם סידור, איז דאָס פאַרשטעלן מענטשלעכע פיגורן געווען אַן אָפטע דערשיינונג ביי די יידישע מיניאַטוריסטן. אונזער סופר איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דעם קונסט־סטיל וואָס האָט געהערשט אין זיין צייט.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם צווייטן, אַנאָנימען סופר פון וועלכן עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן עטלעכע פאַרמעטענע בלע־טער מיט מיניאַטורן. די איניציאַלן זיינען דאָ באַפּוצט מיט אַ וואונדער־שיינער אָרנאַמענטיק, וואָס איז אויסגעפירט אין רויטע און גרינע פאַרבן. אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש איז די האָזן־אָרנאַמענטיק. מיר זעען דאָ אַ האָז אָנשטאָט אין באַוועגונג — אין אַ געמיטלעכער פּאָזיציע, ווי ער שטייט אויף די הינטערשטע צוויי פיס און דאָס מאַכט אויף אונדז דעם איינדרוק פון אַ פריילעכן גראָטעסק, דעם זעלבן גראָטעסקן און סאַטירישן אונטערשלאָג געפינען מיר אויך אין אַ סך יידישע מיניאַטורן וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין מערב־אייראָפּע בעת די לעצטע צוויי־דריי יאָרהונדערטער פונעם מיטלעלטער.

צום סוף איז נאָך כדאי צו דערמאָנען אַ מיטלעלטערלעכן טעלער פון בלעך, וואָס געפינט זיך אין דער צאָזמירער שול. דער טעלער איז אינטערעסאַנט צוליב די מענטשלעכע פיגורן וואָס ווערן אויף אים פאַרגע־שטעלט. מיר זעען דאָ די ביבלישע מרגלים, ווי זיי טראָגן אויף אַ שטעקן אַ צווייג וויינטרויבן. זייער באַקליידונג איז אָבער דורכאויס ניט קיין ביב־לישע. אונטער דער השפעה פון דער מיטלעלטערלעכער קונסט האָט זיי אונדזער אַנאָנימער קונסט־שמיד פאַרגעשטעלט אין דער באַקליידונג פון מיטלעלטערלעכע יידן. זיי טראָגן ענג־געפּאַסטע קליידער מיט שמאָלע אַרבל, וואָס זיינען פעסט פאַרקנעפּלט ביים האַנטגעלענק. די באַקליידונג לאָזט דערקענען סטיל סימנים פונעם 13טן און 14טן יאָרהונדערט.

אברהם מענעס

היסטאָריקער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1897, אין דער שטאָט גראָדנע, פוילן. געקומען קיין אַמעריקע אין 1940. מענעס איז זינט 1933 מיט־רעדאַקטאָר פון דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע, פריער אין פּאַריז און איצט אין ניו־יאָרק.

די עסיי „דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון דעם פוילישן ייד" וואָס מיר גיבן דאָ איבער מיט פאַרקירצונגען איז געווען געדרוקט אין חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", יזכור־נומער, אויגוסט, 1943.

דאָס גייסטיקע געשטאַלט פון דעם פוילישן ייד

נאָכן אונטערגאַנג פון גרויסן יידישן צענטער אין שפּאַניע (1492) איז די גייסטיקע פירונג אין יידישן לעבן אַריבער צום פוילישן יידנטום. זינט דעם 16טן י"ה איז פוילן דער צענטער פון תורה פאַר אַלע יידישע ישובים אין אייראָפּע. פוילן איז אָבער פאַר דער יידישער וועלט געווען א סך מער ווי בלויז אַ מקום פון תורה. עס איז לחלוטין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז קיין שום יידישער גלות־ישוב (מיטן איינציקן אויסנאַם פון בבל) האָט נישט געשפּילט אַזאַ אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע ווי דער ישוב פון פוילן. אַן פוילן וואָלט שוין לאַנג מער ניט געווען קיין יידיש פאָלק. עס וואָלטן אין בעסטן פאַל פאַרבליבן צעוואָרפענע רעשט־לעך יידן, דער עיקר אין אַזיע און אַפריקע, אָבער אָן גרויסע שעפערישע כוחות און אָן נאַציאָנאַלע אַמביציעס.

מען גיט זיך נאָך ביי אונדז ביז צום היינטיקן טאָג ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דער גורלדיקער ראָלע, וואָס דער פוילישער ייד האָט געשפּילט אין יידישן לעבן במשך פון די לעצטע 400 יאָר. עס איז גענוג פעסטצושטעלן, אַז בערך 90 פּראָצענט פון אַלע יידן אין אייראָפּע און אַמעריקע (און איבער 80 פּראָצענט פון די יידן אין גאָר דער וועלט) ציען זייער יחוס פון אַלטן פוילן, וואָס האָט פאַר דער ערשטער צעטיילונג (1772) אַרומגענומען ניט נאָר דאָס אַזוי גערופענע עטנאָגראַפישע פוילן, נאָר אויך גאָר באַדייטנדיקע טיילן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און פון די באַלטישע לענדער.

די צאָל יידן אויף דער וועלט איז במשך פון די לעצטע 2000 יאָר מן הסתם קיינמאָל ניט געווען אַזוי קליין ווי נאָכן גירוש־שפּאַניע. אין די אַלטע כראָניקעס און אין די לערנביכער פון יידישער געשיכטע ווערט דערציילט

ווי די פּאַרטריבענע פון דייטשלאַנד און שפּאַניע האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אין פוילן, טערקיי און אַנדערע לענדער. דער אמת איז אָבער, אַז בלויז אַ מינדערהייט האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

אויב יידן זיינען פונדעסטוועגן אין משך פון 5־6 דורות ווידער גע־קומען צו זיך און זיינען ווידער געוואָרן אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין איי־ראָפּע און אין דער וועלט, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען כמעט אויסשליסלעך דעם נס פוילן.

אָנהייב 16טן י״ה האָבן די פוילישע יידן אויסגעמאַכט ניט מער ווי 4־5 פּראָצענט פון די יידן אין גאַר דער וועלט, וואָס האָבן דעמאָלט בסך־הכל געציילט קוים אַ מיליאָן נפשות. 400 יאָר שפּעטער זיינען פון די 16־17 מיליאָן יידן לכל־הפּחות 13־14 מיליאָן (איבער 80 פּראָצ.) געווען פון מזרח־אייראָפּעאישן, ד״ה פון פוילישן אָפּשטאַם. אַט דער גוואַלטיקער וואוקס פון דעם יידישן קיבוץ אין פוילן איז אין אַ גאַנץ קליינער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון צוואַנדערונגען פון דייטשישע יידן. דער נס־פוילן, וואו פון די צען טויזנט יידישע משפּחות איז במשך פון עטלעכע הונדערט יאָר געוואָרן אַ גרויס פאָלק, איז אין דער ערשטער שורה אַ רעזולטאַט פון אַ נאַטירלעכער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, וואָס איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער וואונדערבאַרער מאָראַלישער דיסציפּלין און דער אויסגעצייכנטער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן ישוב אין פוילן. —אַלע ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן דער דעמאָגראַפישער אַנט־וויקלונג פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע באַווייזן, אַז צום ווייט גרעסטן טייל איז דער וואוקס פון די שטעט געגאַנגען אויפן חשבון פון דאָרף. אין די שטעט גופא האָט די צאָל טויט־פאַלן גאָר אָפט אַריבער־געשטיגן די צאָל געבורטן. די אַלגעמיינע סאָציאַלע און היגיענישע באַ־דינגונגען, אין וועלכע עס האָט געלעבט די גרויסע מאַסע פון דער שטאָ־טישער באַפעלקערונג, זיינען געווען ווייניק גינסטיק פאַרן אויפהאַלטן און דערציען אַ נייעם דור. ביי יידן אָבער האָט דער גרויסער רע־זערוואואַר פון דאָרפישע עלעמענטן כמעט אינגאַנצן געפעלט. די היגיענישע באַדינגונגען זיינען נאָך על פּי רוב אין די יידישע קוואַרטאַלן געווען ערגערע ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג. צו דעם זיינען אין 17טן י״ה נאָך צוגעקומען די מאַסן־שחיטות בעת דעם כמעלניצקי־אויפ־שטאַנד. אויב דער יידישער ישוב אין פוילן האָט פונדעסטוועגן געהאַט

צו פאַרצייכענען אַזאַ גוואַלטיקן נאַטירלעכן צואוואוקס, דאַן איז עס אַ רע־זולטאַט ניט פון פרימיטיווע פאַרהעלטענישן, נאָר גראָד פאַרקערט — פון אַן אויסערגעוויינלעך הויכער סאָציאַלער און רעליגיעזער קולטור.

דאָס יידישע גלות־לעבן האָט ערגעץ ניט דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון אינערלעכער שלמות; די תורה פון די פרושים האָט ערגעץ ניט גע־פונען אַזאַ פולע און אידעאַלע רעאַליזירונג ווי אין פוילן. יידן זיינען דאָ אויך עקאָנאָמיש געווען מער איינגעגלידערט און טיפער פאַרוואָרצלט ווי אין וואָסער ניט איז אַנדער מדינה אין אייראָפּע. שוין אין 16טן י״ה באַגעגענען מיר ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן גאָר אַ באַדייטנ־דיקע צאָל יידישע בעלי־מלאכות. אַ דאַנק אָט דער עקאָנאָמישער דיפערענ־צירונג האָט דער יידישער ישוב זיך געקענט מער פאַנאַנדערוואַקסן. צוליב די טעמים האָט דער פּראָצעס פון „ווידערפאַריידישונג", אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון יידישן אינעווייניקסטן לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין מערב־אייראָפּע אין 8־9 י״ה, דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין פוילן. ווי מיר ווייסן פון די דאָקומענטן פון אָנהייב מיטלעלטער זיינען די קליינע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע דעמאָלט געווען שטאַרק אַסי־מילירט. אפילו די אויפשריפטן אויף די יידישע מצבות פון יענער צייט זיינען געווען כמעט אויסשליסלעך אין לאַטייניש. ערשט אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג פון יידן פון בבל, וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט דעם תלמוד און די תלמודישע קולטור, זיינען די האַלב־אַסימילירטע יידישע ישובים אין קריסטלעכן אייראָפּע ווידער געוואָרן אַלץ מער יידישער. אָבער ערשט אין פוילן זיינען יידן ווידער געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ, וואָס האָט ווידער באַקומען אַן אייגענע שפּראַך, זיינע אייגענע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן און זיינע אייגענע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס. יידיש־טייטש איז דאָ געוואָרן יידיש לשון. דער יידישער קוואַרטאַל, וואָס איז אין מערב־אייראָפּע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געטאָ, פון וועלכן די יידן האָבן כסדר גע־שטרעבט זיך אַרויסצורייסן ווי פון אַ תפיסה, איז אין פוילן געוואָרן אַ יידישע גאַס, אַ מין יידישע טעריטאָריע. דער פוילישער ייד איז געווען אַ ייד אין דער היים און אַ ייד אין גאַס, אַ ייד אין בית־מדרש און אַ ייד אויפן מאַרק. אין דעם באַקאַנטן שפּאָט־ליד „די באַשרייבונג פון אכשנז און פּאָליאַק", וואָס שטאַמט פון 17טן י״ה, ווערט דער דייטשישער ייד קריטיקירט בזה הלשון:

„פון דען באָרט צו פוצן וויל איך געדענקען
ער פוצט אין אָוועק אַלס איין חמץ
ער לאָזט איבערשטיין איין קמץ."

דער פוילישער ייד האָט זיך, פאַרקערט, קיינמאָל ניט געשעמט און קיינמאָל ניט פאַרבאַהאַלטן מיט זיין יידישקייט. ריכטיק ווייזט דערויף אָן י. ליפשיץ אין זיין מעמואַרן־בוך „זכרון יעקב": „די יידן האָבן ניט געוואוסט, וואָס הייסט אַזוינס זיך שעמען מיט יידישקייט פאַר ניט־יידן . . . ווען די מתפּללים פון די בתי־מדרשים פלעגן ביינאַכט אַרויסגיין אויפן גאַס צוזאַמען, פלעגן גיין און זינגען און עס איז זיי קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, טאָמער וועלן די גוים פון זיי אָפּלאַכן." ווייטער שרייבט ער אין דעם זעלביקן צוזאַמענהאַנג ווי די יידן פלעגן פייערן שמחת־תורה: „אויך די גאַסן פלעגן זיין באַלויכטן; מען פלעגט אָנצינדן אויפן שולהויף פעסלעך מיט פעך, כדי די גאַנצע שטאָט זאָל זיין ליכטיק לכבוד דער תורה . . . אויך אין די גאַסן און אויף די מערק פלעגן די יידן פריי אַרוממאַרשירן און קיינער פלעגט זיי ניט שטערן, זיי פלעגן זיך פרייען און טאַנצן אויף די אָפענע פלעצער און קיינער פלעגט זיי ניט פאַרשעמען."

יוסף פלאַוויוס האָט אַמאָל פאַרגליכן די פּרושים מיט די סטאָיקער. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס גענוי דאָס זעלביקע שרייבט שלמה מיימון וועגן דער רבנישער מאָראַל פון די יידן אין פוילן און עס איז כדאי באַזונדערס צו פאַרצייכענען ווי שטאַרק שלמה מיימון, וואָס איז געווען גאַנץ ווייט פון אויבערפלעכלעכער אַפּאָלאָגעטיק רימט די ערלעכקייט פון די פוילישע יידן. „זיי זיינען באַשעפטיקט אין אַלע פּרנסה־צווייגן און מען הערט זעלטן מען זאָל זיי פאַרוואַרפן, אַז זיי מאַכן אַ לעבן פון שווינדל." אין אַ צווייטער שטעלע פון זיינע מעמואַרן באַטאָנט מיימון, אַז די יידן און די פויערים זיינען די איינציקע פּראָדוקטיווע עלעמענטן אין פוילן. „די פוילישע יידן — שרייבט ער נאָך אין אַן אַנדער שטעלע — האָבן, אמת, ניט אַזעלכע פיינע מאַניערן, אָבער זייער וואָרט איז הייליק."

די פּרושים זיינען אין דער צייט פון בית־שני געווען ניט מער ווי אַן אָרדן, וואָס האָט אַרומגענומען לפי־ערך אַ קליינעם טייל פון פאָלק. אין פוילן האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געלעבט לויט דער תורה און לויט דער מאָראַל פון די פּרושים. „אין אונזער צייט, — שרייבט דער רמ"א,

— זיינען ניטאָ קיין עם־הארצים, עס איז ניטאָ קיין ייד, וואָס זאָל ניט קענען לערנען אָדער חומש אָדער משנה.״ יעדער ייד איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און „האָט זיך געשטאַרקט ווי אַ לייב צו דינען זיין בורא.״ דער טאָג, די וואָך און דאָס יאָר האָבן געהאַט זייער אייגענעם יידישן ריטם און יעדער ייד האָט געוואוסט מבדיל צו זיין צווישן וואָך און הייליק, צווישן צייטן פון אַרבעט און געשעפט און צייטן פון דאַווענען און לערנען תורה.

די גרעסטע אַמביציע פון אַ תלמיד־חכם אין פוילן איז געווען צו שטיין אין שפּיץ פון אַ ישיבה און אויפשטעלן אַ דור פון תלמידים. „אין ערגעץ ניט — שרייבט נתן נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה״ — איז ניט געווען אַזויפיל תורה ווי אין פוילן. אין אַלע קהילות פלעגט מען אויסהאַלטן ישיבות . . . און אויב די קהילה האָט פאַרמאָגט ניט ווייניקער פון פופציק באַלעבאַטים פלעגן זיי אויסהאַלטן ניט ווייניקער פון דרייסיק בחורים און יינגלעך.״

הלל צייטלין

איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידיש־העברעאישע עסייאיסטן. געבאָרן אין 1872, אין שטעטל קאָרמאַ, ווייסרוסלאַנד. געלעבט און געווען ליטעראַריש טעטיק אין וואַרשע. אומגעקומען על קידוש השם אין וואַרשעווער געטאָ, זומער, 1942.

די עסיי, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער, איז אַרויסגענומען פון צייטלינס בוך „חסידות״, וואַרשע, 1922.

משיח־בענקשאַפט אין די אָנהייבן פון דער חסידישער באַוועגונג

מען וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין ווי עס געהער צו זיין די פאַר־העלטעניש פון פאַרשיידענע חסידישע — פוילישע און ליטווישע — רביים צו די וועלט־געשעענישן ביים סוף פונעם 18טן יאָרהונדערט, אויב מען וועט זיך ניט קלאָר מאַכן דעם מעסיאַנישן כאַראַקטער פונעם חסידיזם, ד״ה ווי וויט דער חסידיזם איז אין זיין סאַמע אָנהויב געווען אַ טרעגער פון דער משיח־אידעע, וואָס האָט געזאָלט לויט דער האָפענונג פון די דערמאָנטע רביים ווי צום גיכסטן פאַרווירקלעכט ווערן. מיט אַנדערע ווער־

טער, דער חסידיזם איז געווען אי דער המשך און אי דער היפוך פון די פריערדיקע משיחישע באַוועגונגען פון שבתי צבי און יעקב פראַנק; אַ המשך — אין דעם זין וואָס דער חסידיזם האָט אויך געשטרעבט ווי צום גיכסטן אַראָפּצוברענגען משיחן און דורך באַזונדער פרומקייט און קדושה; אַ היפוך — אין דעם זין וואָס דער חסידיזם האָט אויסגעמיטן אַלע מיאוסע, פאַלשע פאַרקרימטע און פאַרדרייטע וועגן פון די שבתי־צביניקעס און פון די פראַנקיסטן און האָט זיך באַלד ביים אָנהויב געשטעלט אויפן פעסטן באָדן פון דער תורה, פון העכסטער זיטלעכקייט און פון ריינקייט אין געדאַנק און אין טאַט.

ווי ווייט דער חסידיזם איז געווען אי דער המשך און אי דער היפוך זעט מען פון אַזאַ לעגענדע וועגן דעם גרינדער פון חסידיזם ר׳ ישראל בעל שם טוב:

שבתי צבי איז אַמאָל געקומען צו חלום צום בעל שם בעטן ביי אים אַ תיקון. און די אויפריכטונג איז באַשטאַנען דערין אַז דער בעש״ט זאָל זיך מיט שבתי צבין גייסטיק פאַרבינדן, נפש צו נפש און נשמה צו נשמה. האָט דער בעש״ט גענומען זיך מיט אים פאַרבינדן זייער אָפּגעהיט און פאַמעלעך, וואָרים ער, שבתי צבי, איז געווען אַ גרויסער רשע (פאַרצייכנט אין די „שבחי בעש״ט״).

און ווידער דאָרט אין די „שבחי בעש״ט:

דער בעל שם האָט געזאָגט אַז אין אים (שבתי צבין) איז געווען אַ הייליקער פונק, נאָר דער ס״ם האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ אַריין. געקומען איז עס אים (שבתי צבין) דורך זיין גאווה און דורך זיין כעס.

אין פיל לעגענדעס ווערט געשילדערט די נאָענטע באַציאונג פונעם בעש״ט צו משיחן אין שייכות מיט די מעשים פון די פראַנקיסטן. אין די דאָזיקע לעגענדעס זעט מען צוממייסט אי דעם בעש״טס ביטערניש קעגן די פראַנקיסטן און אי זיין רחמנות אויף זיי.

אין דעם בריוו וואָס דער בעל שם טוב האָט געשיקט צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער וועגן דער „עלית נשמה״ וואָס ער האָט געהאַט אין תק״ז (1747) זעען מיר דעם בעש״טס אינטימע באַציאונג צו משיחן. אַרויפגייענדיק פון היכל צו היכל קומט דער בעל שם אָן ענדלעך צום היכל המשיח און ער פרעגט משיחן אָן שום צערעמאָניעס: „ווען קומסטו?״ און משיח ענטפערט אים: ווען אַלע וועלן קענען מיחד זיין יחודים אַזוי

ווי דו. דער גאַנצער דערמאָנטער בריוו צו ר׳ גרשונען איז אַ מאַניפעסטאַציע פון דער משיח־אידעע.

די זעלבע משיח־טרוימען זיינען אַריבער פון בעש״ט צו זיין תלמיד ר׳ בער פון ראָוונע (שפּעטער פון מעזריטש) און פון אים צו ר׳ בערס תלמידים. צונויפקומענדיק זיך פלעגט מען ניט אויפהערן צו זוכן תיקונים (מיטלען) ווי אַזוי צו דערנעענטערן די גאולה.

דער רבי אלימלך פון ליזשענסק איז אַלע זיינע יאָרן אַרומגעגאַנגען אין איין גרויסן, הייליקן משיח־טרוים. ער איז געווען אַזוי זיכער מיט דער גיכקייט פון משיחס אָנקום און ער איז געווען אַזוי פול גלויבן אין זיין אייגענער גייסטיקער עבודה אין זינען פון גאולה אַז ער האָט געזאָגט: „איך וואונדער מיך זייער. די הייליקע תנאים האָבן דאָך געזען ברוח הקודש ביז די לעצטע דורות און זיי האָבן געשריבן וועגן אַזויפיל גזירות און וועגן אַזויפיל יסורים וואָס וועלן זיין איידער משיח וועט קומען און זיי האָבן גאָרניט געזען אַז עס וועט זיין אַן אלימלך אויף דער וועלט און אַז ער וועט אָפּשוואַכן און מבטל זיין אַלע שלעכטסן און אַלע גזירות״.

ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער, אַ תלמיד פונעם רבי ר׳ מענדעל רימאַנאָווער, האָט אַמאָל געהערט פונעם רימאַנאָווער אַז ווער עס לעבט אין דער צייט וואָס דער קאָזשעניצער מגיד איז אויף דער וועלט און זעט אים ניט, וועט ער ניט זוכה זיין צו זען משיחס פּנים. דערהערנדיק עס, האָט ר׳ נפתלי גענומען דאָס זעקל אויף די פּלייצעס, דאָס שטעקל אין האַנט, און ניט רעדנדיק קיין וואָרט איז ער געלאָפן אָן אָטעם קיין קאָזשעניץ און איז אַריינגעפאַלן אינעם צימער פונעם קאָזשעניצער אָנצוקוקן אים, וואָרים טאָמער חס וחלילה פאַרשפּעטיקט ער איין מינוט און דערווייל קומט אָן משיח איידער ער האָט נאָך געזען דעם מגיד (פאַרצייכנט אין „עשר אורות״).

ר׳ משה טייטעלבום פון אוהעל אין אונגאַרן פלעגט זאָגן צו זיין באַ־דינער יעדעס מאָל איידער ער פלעגט זיך צולייגן אָפּרוען: „אַז משיח וועט קומען, זאָלסטו מיך למען השם אין דער מינוט אויפוועקן״.

ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט אַלע זיינע רעליגיעזע איבערלעבונגען, זעאונגען און טרוימען קאָנצענטרירט אויף אַראָפּברענגען משיחן, און ער האָט פאַרזיכערט אַז אַלנפאַלס וועט משיח אַרויסקומען פון זיין נאָכקו־מענשאַפט.

אין דער צדיקישער פאַמיליע פונעם מעזריטשער מגידס אָפּשטאַמונג, ביי די קינדער פון ר׳ ישראל רוזשינער, איז געבליבן אַ מסורה אַז דער מעזריטשער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אַראָפּברענגען משיחן נאָר דורכדעם וואָס זיינע תלמידים האָבן זיך דערויף נישט גוט פאַרשטאַנען האָט ער זיינס ניט געקאָנט דורכפירן.

און הגם מיר רעדן דאָ בדרך כלל וועגן די ערשטע רביים, קענען אונדז אויך די גלויבונגען פון די שפּעטערע רביים דינען פאַר אַ באַווייז, ווי ווייט דאָס חסידות איז לויט זיין שורש געווען ענג פאַרבונדן מיט דער משיח־אידעע.

דער רבי ר׳ משה לייב לענטשנער האָט געזאָגט:

„דער יוד הקודש זאָגט אַז איך בין משיח בן־יוסף. באמת אָבער קום איך אַרויס פון בית־דוד״ (פאַרצייכנט אין „עשר עטרות״). און פון אָט דער איבערצייגונג פונעם רבי ר׳ משה לייב האָט זיך קענטיק גענומען זיין מחלוקת מיט די אַנדערע רביים.

קעגנער פון ר׳ דודל טאַלנער האָבן פאַרמסרט אַז ביי ר׳ דודלען איז דאָ אַ שטול מיט אַן אויפשריפט „דוד מלך ישראל חי וקים״. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ דודל האָט דאָס געמיינט בלויז אין מיסטישן זינען און ער איז פריי געווען פון יעדער זינד קעגן רוסישן מלכות.

אָבער פון אָט דער אויפשריפט וואָס האָט אויסגעדריקט זיינע טיפע משיח־טרוימען האָט ר׳ דודל זיך אָנגעליטן נישט ווייניק יסורים.

הלל ראָגאָף

היסטאָריקער און פובליציסט. געבאָרן אין 1882, אין בערעזינע, ווייסרוסלאַנד. געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון אַכט יאָר. ער איז פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ און מיטרעדאַקטאָר פון דער חודש־שריפט „די צוקונפט״.

די שילדערונג פון לינקאָלנס לעצטן טאָג איז אַרויסגענומען פון ראָגאָפס „די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן״, באַנד 5, פאַרלאַג „וועקער״, ניו־יאָרק, 1928.

דער לעצטער טאָג אין לעבן פון איבּרעהעם לינקאָלן

אין אַמעריקע, צווישן ברייטן עולם, זיינען פאַרשפּרייט הונדערטער אַנעקדאָטן, משלים, וויצן און שטיפעריין וואָס איבּרעהעם לינקאָלן האָט געשאַפן, אָדער וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום אים. לינקאָלן איז

געווען אַ מערקווירדיקער ווייצלינג, אַ וואונדערלעכער הומאָריסט, כאָטש זיין לעבן איז געווען אַ לאַנגע קייט פון קאַמף און ליידן. ער איז קיינמאָל גליקלעך ניט געווען. ער איז קיינמאָל אמת לוסטיק, אמת פריילעך ניט געווען. אין זיין קינדהייט איז זיין שונא געווען די אָרעמקייט; אין זיין יוגנט האָט ער געקעמפט מיט אומוויסנהייט און שווערער פּראַצע; אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער דורכגעלעבט די טראַגעדיע פון אַנטוישטער ליבע און פון אומגליקלעכן פאַמיליע־לעבן; אויף די עלטערע יאָרן איז זיין קאָפּ און זיין האַרץ געלעגן דערדריקט אונטער דעם באַרג הרוגים, די טויזנטער וואָס ער האָט געשיקט צום טויט כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון אונטערגאַנג. און ווען די הימלען, וואָס זיינען 55 יאָר געווען פאַרוואָלקנט פאַר אים, האָבן זיך סוף־כל־סוף גענומען אויסלייטערן, איז זיין לעבן פּלוצלונג אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. ער איז געפאַלן טויט פון דער קויל פון אַ מערדער.

פרייטיק, דעם 14טן אַפּריל, 1865, האָט פּרעזידענט לינקאָלן אָפּגע־האַלטן אַ באַראַטונג מיט זיין קאַבינעט. גענעראַל גראַנט איז געווען ביי דער זיצונג. ער האָט גערעדט וועגן דער מיליטערישער לאַגע אין נאָרט־קאראָליינא, וואו גענעראל שערמאַן איז געשטאַנען מיט זיין אַרמיי קעגן גענעראַל דזשאָנסטאַן. לינקאָלן האָט געזאָגט: „איך בין זיכער אַז באַלד וועט פון שערמאַנען אָנקומען גוטע נייעס. נעכטן ביינאַכט האָב איך געהאַט אַ חלום, אַ זאַך וואָס פּאַסירט ביי מיר שטענדיק איידער עס קומט פאַר אַ וויכטיק געשעעניש אויפן שלאַכטפעלד. מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך זיץ אויף אַ מאָדנער, אומבאַשרייבלעכער שיף און די שיף שווימט שנעל צו אַ טונקעלן אומבאַקאַנטן ברעג." דאַן האָט דער קאַבינעט אַרומ־גערעדט די פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע. דער פּרעזידענט האָט אויסגע־דריקט זיין האָפענונג, אַז „עס וועלן ניט פאַרקומען קיין רדיפות, קיין בלוטיקע מעשים נאָכדעם ווי דער קריג וועט זיין געענדיקט. קיינער זאָל זיך ניט ריכטן אַז איך וועל זיך באַטייליקן אין הענגען אָדער הרגענען יענע מענטשן, אפילו די ערגסטע צווישן זיי . . . גענוג לעבנס האָבן מיר מקריב געווען. מיר מוזן אויסלעשן אונדזער כעס אויב מיר דערוואַרטן הארמאָניע און איינִיקייט."

לינקאָלן איז ביי יענער זיצונג געווען זייער אויפגעלייגט. קריגס־מיניסטער סטענטאָן האָט שפּעטער דערציילט: „דער פּרעזידענט איז

דאָן געווען גליקלעכער און פריילעכער ווי ווען ס׳איז פריער. ער האָט זיך געפרייט מיט די אויסזיכטן פון אַ נאָענטן פרידן און ער האָט אַרויס־געוויזן זיין מענטשלעכקייט, זיין פריינטלעכקייט, זיין גרייטקייט מוחל צו זיין.״

עס איז אָבער ניט באַשערט געווען לינקאָלנען דורכצופירן זיין פּראָ־גראַם פון רעקאָנסטרוקציע. די זעלבע נאַכט פון פערצנטן אַפּריל, עטלעכע שעה נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט זיין מערקווירדיקן חלום, האָט זיך זיין לעבן פאַרענדיקט און ער איז אַוועקגעשוואומען צו „דעם טונקעלן אומבאַקאַנטן ברעג.״

אין אָוונט פון יענעם טאָג איז דער פּרעזידענט מיט זיין פרוי גע־גאַנגען אין טעאַטער, וואו עס איז אויפגעפירט געוואָרן אַ לייכטע קאָמעדיע מיטן נאָמען „אונדזער אַמעריקאַנער קאַזין.״ צוזאַמען מיט די לינקאָלנס איז אין דער לאָזשע געזעסן אַ מיידל און אַן אָפיציר, זייערע פריינט. צווישן צען און האַלב נאָך צען האָט זיך אין דער לאָזשע אַריינגעגנבעט אַ יונגערמאַן, דזשאָן ווילקס בוט, אַן אַקטיאָר. ער האָט צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו לינקאָלנס קאָפּ און האָט אויסגעשאָסן. די קויל האָט דורכ־געלעכערט לינקאָלנס מאַרך און לינקאָלן איז אַוועקגעפאַלן אַ באַוואוסט־לאָזער. דער מערדער האָט אויסגעשריען: „נקמה פאַר דער סאַוט״...

דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער לאָזשע אויף דער בינע, שרייענ־דיק: „אַזוי איז עס שטענדיק מיט טיראַנען.״. שפּרינגנדיק האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַן אַמעריקאַנישער פאָן, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער לאָזשע און האָט צעבראָכן אַ פוס. אים איז אָבער געלונגען אַרויסצולויפן דורך אַ טיר הינטער דער בינע. אין גאַס האָט אויף אים געוואַרט אַ פערד. ער איז אַרויפגעשפּרונגען און איז אַנטלאָפן.

אין טעאַטער איז געוואָרן אַ מהומה. דעם באַוואוסטלאָזן פּרעזידענט האָט מען אַריינגעטראָגן אין אַ הויז איבערן וועג. דאָקטוירים זיינען באַלד געווען אויפן פּלאַץ, אָבער עס איז ניט געלונגען אים צו ברענגען צו זיך אפילו אויף אַ ווײַלע. לינקאָלן איז געשטאָרבן שבת, דעם 15טן אַפּריל, זיבן אַזייגער אינדערפרי.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז לינקאָלן זאָל קומען צו קבורה אין זיין היימשטאָט, אין ספּרינגפילד, אילינאָי. עס זיינען אָנגעקומען בקשות פון אַ סך שטעט, אַז דער צוג וואָס וועט פירן דעם קערפּער זאָל זיך ביי

זיי אָפּשטעלן כדי די באַפעלקערונג זאָל האָבן אַ געלעגנהייט אויסצודריקן איר טרויער. דער צוג איז דורכגעפאָרן דעם זעלבן וועג, אויף וועלכן לינקאָלן איז מיט פיר יאָר פריער געפאָרן פון זיין היים קיין וואַשינגטאָן. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די שטעט באַלטימאָר, העריסבורג, ניו־יאָרק, באָפאַלאָ, אַלבאַני, קליוולאַנד, קאָלאָמבוס, אינדיאַנאַפּאָליס און שיקאַגאָ. אומעטום זיינען געקומען טויזנטער מענטשן אָנקוקן דעם טויטן און אויסדריקן זייער טרויער. קיין ספּרינגפילד איז דער קערפּער אָנגעקומען דעם 4טן מאַי.

די אַלע וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג צו טויטן לינקאָלנען האָט מען שפּעטער געכאַפּט. בוט און איינער פון זיין חברה האָבן זיך באַהאַלטן ביי זייערן אַ פריינט. שפּעטער זיינען זיי אַנטלאָפן קיין ווירדזשיניע. דעם 25טן אַפּריל האָט אַ גרופּע סאָלדאַטן זיי געפונען אין אַ שטאַל אויף אַ פאַרם. בוטס חבר האָט זיך אונטערגעגעבן אָבער בוט אליין האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין פון שטאַל. דער אָפיציר פון דער גרופּע סאָלדאַטן האָט באַפוילן אונטערצוצינדן די שטאַל. ווען די פלאַמען האָבן זיך פאַרשפּרייט איז בוט צוגעשפּרונגען צו דער טיר. ער האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאָס און בוט איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. ווער עס האָט אויסגעשאָסן ווייסט מען ניט אויף זיכער. מען ווייסט ניט צי בוט איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער איינער פון די סאָלדאַטן האָט אים דערשאָסן.

ב[רוך] שעפנער

(עסייאיסט. געבאָרן אין 1893 אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, לעבן לאָדזש. געקומען קיין אַמעריקע אין 1940. איז שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".
„דער ערשטער מאַי יום־טוב אין וואַרשע" וואָס מיר גיבן דאָ איבער מיט פאַרקירצונגען איז געווען געדרוקט אין דער חודש־שריפט „די צוקונפט", ניו־יאָרק, מאַי, 1944.)

דער ערשטער מאַי־יום־טוב אין דער יידישער וואַרשע

וואָס טיפער עס ווערט די טויטע שטילקייט איבער די חרובע יידישע גאַסן פון פוילן, אַלץ שאַרפער שניידן זיך איין אין אונז די קלאַנגען און מעלאָדיעס, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון דורות געשאַפן די סימפאָניע פון יידישן ישוב אין פוילן.

מיר וועלן דאָס מאָל פון דער דאָזיקער סימפּאַניע אויסטיילן איין געזאַנג — דאָס געזאַנג פון ערשטן מאַי, ווי עס האָט אָפּגעקלונגען אין די לעצטע יאָרן אויף די יידישע גאַסן פון וואַרשע.

אויך אויף די גויאישע גאַסן פון וואַרשע, באַזונדערס אין די קוואַרטאַלן וואָליע און פּאַוואַנזעק האָט זיך דער ערשטער מאַי אַנגעזען. אָבער אויף דער פּוילישער וואַרשע האָט דער מאַי־יום־טוב נישט געלייגט אַזאַ שאַרפן שטעמפּל ווי אויף דער יידישער. ערשטנס, איז דאָרט ביי „זיי" געווען אַ סך אַריסטאָקראַטישע גאַסן און יענע האָבן זיך באַמיט אין טאָג פון ערשטן מאַי ספּעציעל אונטערצושטרייכן זייער וואָכעדיקייט; ווען איר זייט אַריינגעפאַלן אויף יענע גאַסן אין טאָג פון ערשטן מאַי, האָט אייך אַרומ־גענומען אַ בייזע קעלט, וואָס האָט געשמעקט מיט דיקע פּריצישע וואָנסעס און דאַרע אַריסטאָקראַטישע יאַגד הינט. ביי אונדז אָבער זיינען, גאָט צו דאַנקען, קיין אַריסטאָקראַטישע גאַסן אין גאַנצן נישט געווען.

אויך אויף די אַרבעטער־גאַסן איז ביי „זיי" געווען די לאַגע אַן אַנדערע ווי ביי אונדז. דאָרט זיינען געווען פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען; אַזעלכע וואָס האָבן געפּייערט דעם ערשטן מאַי און אַנדערע, די געל־אַנטי־סעמיטישע, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצווה צו פּייערן נישט דעם „זשידאָווסקע" ערשטן מאַי, נאָר דעם פּויליש־קאַטוילישן דריטן מאַי. אויף אונדזער אַרבעטער־גאַס אָבער זיינען קיין אַנטי־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען נישט געווען. אדרבא זאָל פּרואוון עמעצער אַרויסקומען אויף אונדזערע גאַסן אין פּוילן און פּריידיקן, אַז יידישע אַרבעטער דאַרפן נישט פּייערן דעם ערשטן מאַי? עס וואָלט געווען פּונקט דאָס זעלביקע, ווי ווען אַן אפּיקורס זאָל אום יום כיפּור אַריינפאַלן אין אַן איבערגעפּאַקטן חסידים־שטיבל און אַ קלאַפּ טאָן אין באַלעמער און אויסרופן: „יידן, זייט וויסן, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט" . . .

און נאָך איין יום־טוב'דיקן צייכן האָט פאַרמאָגט דער יידישער ערשטער מאַי אין וואַרשע — ער האָט נישט געהאַט קיין צייטונגען. קיין איין יידישע צייטונג איז אין ערשטן מאַי נישט דערשינען אין וואַרשע. אַזוי האָט געוואָלט דער יידישער דרוקער־פאַראיין און די גאַנצע צייט, וואָס פּוילן איז געווען זעלבסשטענדיק, איז דער דאָזיקער מנהג אָפּגעהיטן געוואָרן.

ווארשעווער נאלעווקעס.

די בארימטסטע יידישע האנדלס־גאס אויף דער וועלט. מיט טויזנטער מיילער שרייט דא דער וואכעדיקער מסחר פון פארטאג ביז טיף אין דער נאכט. יידן גייען נישט אויף די נאלעווקעס, נאר ווערן געטראגן, און דאס נישט סתם אין דער וועלט־אריין, נאר שטענדיק צו א ציל, צו א „תכלית". אדער עס טראגט א יידן צו א „געשעפט" אדער פון א „געשעפט", אדער ער גייט קויפן, אדער פארקויפן און אין ביידע פאלן מוז ער זיך אײלן, ווייל הינטער אים טראגן זיך טויזנטער אנדערע יידן, צעקנעפלטע, פאר־שוויצטע, וואס אויך זיי זיינען ארייגעדרייט אין די זעלביקע רעדער און ווערן געטריבן פון זעלביקן אימפעט. יעדע גרעלע מויער דא איז א שטאט א גאנצע מיט ריזיקע פירקאנטיקע הויפן און הונדערטער קראמען, וואס זאפן־איין אוןווארפן־ארויס טויזנטער מענטשן און קולות, פערד און ווע־גענער; און מער פון אלעם סחורות, סחורות און סחורות.

אבער היינט האבן די נאלעווקעס אין גאנצן געענדערט זייער פנים. די געשעפטן זיינען פארמאכט פונקט ווי שבת און יום־טוב; קיינער מסחרט דא היינט נישט, די וואכעדיקייט ליגט באהאלטן הינטער די שווערע איי־זערנע פרענטן, וואס הענגען דא אויף די שווארצע טירן פון די קראמען, אבער עס איז פארט אנדערש ווי א שבת, אדער יום־טוב. אנשטאט יום־טובדיקער רו, הערשט איצט דא יום־טובדיקער אומרו. די גאס איז פול מיט מענטשן און מיט קולות, אבער דאס זיינען אנדערע מענטשן ווי א גאנצע וואך און אנדערע קולות. רויטע פענער און רויטע אפצייכענונגען פלאטערן אין די גאסן און שפיגלען זיך אין די טויזנטער יונגע אויגן, וואס גיבן איצט די נאלעווקעס אזא מונטערן און פרילינגדיקן גלאנץ.

אויפן גרויען קאסטן־הויף פון נאלעווקעס 34 איז דער הויפט זאמל־פונקט פון דער צענטראלע פון די יידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען (יוניאנס) און פון „בונד". דארט געפינט זיך דער פראפעסיאנעלער פאר־איין פון די נאדל־ארבעטער — דער מעכטיקסטער פאראיין פון די יידישע ארבעטער אין ווארשע און דעריבער טאקע האט דער הויף דעם כבוד, אז פון אים זאל ארויס דער גרעסטער מאי־צוג פון די יידישע ארבעטער. עס קלייבן זיך דעמאנסטראנטן אין אנדערע זאמלפונקטן. אט איז גע־פאקט אויף גענשע 11, ביים פארטיי־לאקאל פון די רעכטע פועלי ציון. אט

וואַקסן די גרופּעס ביי די לינקע פּועלי ציון, ביי זייער פּאַרטיי־לאָקאַל אויף קאַרמעליצקע 15.

איינציקווייז און אין גרופּעס קומען זיי אָן די יידישע אַרבעטער צו די זאַמל־פּונקטן. יעדער פֿאַראיין גייט אונטער זיין אייגענער רויטער פֿאָן. אַנדערע קומען מיט אָרקעסטערס. די יוגנט איז אָנגעטאָן אין בלויע בלוזעס און אין רויטע קראַוואַטן. יידן פון אַ גאַנצן יאָר, בעלי־מלאכות, הענדלער און אפילו באַלעבאַטישע מענטשן מאַכן פול די טראָטואַרן. מיט בייגיר און דרך־ארץ קוקן זיי זיך צו צו די הכנות פון פּאַראַד. זיי גייען נישט מיט, זיי געהערן נישט צו דער „חברה", אָבער זיי פילן זיך פונדעסטוועגן דאָ ווי אייגענע, זיינען דאָך דאָ פֿאַראַן זייערע זין און טעכטער, זייערע קרובים, זייערע שכנים און נישט זעלטן די אייגענע יוגנט־חלומות . . .

דער הויף איז שוין געפּאַקט, און דער שטראָם שטעלט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּ. טייל פּראָפעסיאָנעלע פֿאַראיינען און אויך די יוגנט זיינען פֿאַר־זאַמלט אין הויפן, וואָס געפינען זיך אין שכנותדיקע גאַסן. ווי אַן איבער־געגאָסענער בעכער זעט איצט אויס דאָס טויער אויף נאַלעווקעס 34.

אויף דער גאַס שטייען אויסגעשטעלט טויזנטער דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן אין הויף שוין נישט געקענט אַריין. קיין פּאָליציי זעט מען נישט אויף די נאַלעווקעס. זי האָט דערהאַלטן אַ באַפעל, זי זאָל זאַל זיך נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן. די אָרדענונג האַלט די אַרבעטער־מיליץ, אָנגעטאָן אין קאַקי־מונדירן. טייל מיליציאַנטן פֿאָרן אויף מאָטאָרציקלען דעקאָ־רירטע אין רויטע בענדער. דאָס פֿאַרנעמען זיי זיך איצט מיט אויסשטעלן דעם צוג. איבער עטלעכע זייטן־גאַסן דאַרף מען צעוואַרפן די באַזונדערע גרופּעס כדי מעגלעך צו מאַכן דעם אַרויסמאַרש. אַט צעפּלאַטערן זיך אַנט־קעגן דער זון די ריזיקע רויטע שטורעם־פענער, וואָס ווערן געטראָגן פון אַטלעטישע אַרבעטער אין דער שפּיץ פון צוג. די גאַס האַלט איין דעם אָטעם. עס איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז עס הערט זיך דייטלעך דער התפעלותדיקער אויסגעשריי פון אַ קליינעם, באָרוועסן יינגעלע, וואָס פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס פון די פאָנען־טרעגער:

„אוי ווי שיין!" . . .

די גאַס האָט זיך אַ וויג־געטאָן אונטער דעם מעכטיקן געזאַנג פון דער „שבועה", ווי אַ שיף ביים אָנקומען פון אַ שטורמישער כוואַליע. דער

וואַלד פון צעפלאַטערטע רויטע פענער, דער ים פון מענטשן־קעפּ און דער מעכטיקער מאַרש פון שטאָלצע, זינגענדיקע און יום־טובדיקע יידן, האָט אין גאַנצן באַהערשט די גאַס. באַלעבאַטישע יידן האָבן מיט דרך־ארץ אויסגעטאָן די היטלען. טאַטעס און מאַמעס האָבן אויף די פּלייצעס אַרויפּ־געזעצט זייערע קינדער און צוזאַמען זיך פאַרגאַפעט אויף דעם רויטן וואונדער. איצט איז יעדע גרענעץ צווישן מאַרשירנדיקע און צוקוקער פאַרשוואונדן. נישט געווען מער שוין דאָ קיין צוקוקער. געווען איצט דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָבן מאַרשירט אינמיטן גאַס און דעמאָנסטראַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן. אַלץ, אַלץ האָט זיך דאָ איצט צונויפגעגאָסן און געשאַפן יענע וואונדערבאַרע גאַנצקייט, וואָס האָט גע־געבן אַזויפיל קראַפט און אויסדויער דעם יידישן ישוב אין פוילן. אפילו דער לעצטער דערשלאָגענער ייד, וואָס איז געשטאַנען דאָ ערגעץ פאַררוקט אין אַ ווינקל, האָט זיך דערפילט אַלס אַ טייל פון דער דאָזיקער שטאָלצער, מעכטיקער מאַסע. ער האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי זיינע ליפּן האָבן גענומען מיטזינגען דאָס מונטערע ליד, וואָס האָט זיך איצט מיט אַזאַ ברייטקייט געטראָגן פון טויזנטער און טויזנטער העלדזער.

דער צוג איז אַריין אין האַרץ פון דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, אין דער סמאָטשע גאַס און דאָ שוין געטראָפן אַלע טראָטואַרן און דעכער, אַלע באַלקאָנען און פענצטער באַדעקט מיט מענטשן. סמאָטשע גאַס האָט זיך אויסגעפּוצט צו באַגעגענען די מאַי־דעמאָנסטראַציע. איבער אירע גראָ־צעשונדענע מויערן האָבן געפלאַטערט רויטע פענער. אויף פיל פענצטער און באַלקאָנען זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן בלומענטעפּ, בילדער פון אַרבעטער־פירער און באַגריסונגען פאַר דער דעמאָנסטראַציע. מאַמעס זיינען געשטאַנען אויף די באַלקאָנען און אין די פענצטער און געקליבן נחת ווי זייערע קינדער פאָכען מיט רויטע פענדלעך. סמאָטשע גאַס האָט באַ־גריסט די, וואָס האָבן צו איר געבראַכט די בשורה פון פרילינג און פון אויסלייזונג.

— זאָל לעבן דער סאָציאַליזם! — שרייט אַראָפּ אַ מחנה יידן פון אַ באַלקאָן.

— זאָל לעבן! — שאַלט אַרויף דער ענטפער פון טויזנטער.

ה[ערש] ד[וד] נאָמבערג

די דאָזיקע עסיי איז אַרויסגענומען פון נאָמבערגס „דאָס בוך פעליעטאָנען“, פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי, וואַרשע, 1924.

אין דער פּאַמפּאַ

אויף דרום־זייט פון בוענאָס איירעס העט־ווייט ביז צום „שוואַרצן טייך“ אויף דרום און ביז צו די בערג אויף מערב, ליגט אויסגעשטרעקט די פּאַמפּאַ אין איר גאַנצע פּאַרלאַזנקייט. דינער ווערט דער שיכט זאַמד, וואָס באַדעקט דעם שטיין און ערטערווייז טראָגט דער ווינט אַוועק דעם זאַמד, באַווייזט די פּאַמפּאַ איר נאַקעט שטיינערן לייב, אָבער נישט אויף לאַנג, ווייל אומרואיק איז די געגענט, די ווינטן שפּאַצירן הפקר ווילד, יאָגן זיי ווידער אָן וואָלקנס זאַמד, כדי די פּאַמפּאַ זאָל ניט שלאָפן נאַקעט.

ביימער זעט מען דאָ זעלטן און די וואָס מען זעט האָבן אַן עלנט אויסזען: קרום, לאָם, נידעריק. הונדערטער מײַלן פאָרט מען דורך, און דאָס אויג ווערט מיד צו קוקן אויף דער גראָז־געלער איינטאָניקייט. נאָר וואָס די ערד איז כסדר „אלאמברירט“, ד״ה פּאַרצוימט מיט צוויי, צי דריי דראָטן, אָנגעצויגענע אויף די הויקערדיקע פלעקלעך האָלץ, אַ סימן, אַז דער מענטש האָט די ערד אַריינגענומען אין זיין רשות, און אַלס סימבאָל פון צוגעהעריקייט, אַזוי ווי אַ חופּה־רינג האָט ער איר אָנגעטאָן די „אַל־לאמבראַ“. נישט באַאַקערט און נישט באַזייט האָט ער זי, נישט אויסגע־ריסן די ווילדע גראָזן; און די מוראַשקעס, אין הונדערטער און טויזנטער נעסטן, צעשפּרייט איבער די ברייטע פעלדער, פירן דאָרט אַ ווירטשאַפט פון ווער ווייס וויפיל מיליאָנען יאָר. ווייל וואו די ערד איז אַ ביסל ני־דעריקער, קאָנט איר זען טויזנטער בערגלעך אָנגעשיטע ערד. דאָס זיינען אויסגעשטאָרבענע שטעט פון די קליינע באַשעפענישן. זיי האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואַנדערט פון די פעלדער, אָבער די ערדענע טורעמס, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן, כדי צו ראַטעווען זיך פון וואַסער, זיינען געבליבן שטיין, אַזוי ווי די רעשטן פון אַן אַלטער קולטור. הונדערטער טויזנטער העקטאַר ערד ליגן נאָך ווילד — „טיערא ווירכען“ הייסט עס דאָ, אָבער פאַרנומען איז אַלץ, אַלץ האָט אַ בעל־הבית און טראָגט דעם צייכן פון צוגעהעריקייט — די „אלאמבראַ.“

וואַסער פון אונטער דעם שטיין אַפּיר. דאָס איז דער סימן פון אַ ישוב. אַ „גאַלפּאָן” באַווייזט זיך, אַ מין שטוב, צונויפגעשטעלט פון בלעכענע ווענט. עטלעכע פאַרקרימטע, לאָמע, קוים זשיפּענדיקעביילעך, און היידאָ אַוועק אַוועק! ס'בילד איז פאַרשוואונדן.

די פּאַמפּאַ איז שטענדיק דאַרשטיק, שטענדיק גאַרט זי צום רעגן. אַרגענטינע לײדט זייער שטאַרק פון פאַרפּלייצונגען. ווען דאָס טראָפּישע געוויטער צעשפּילט זיך, קאָן דער בליץ יאָגן און דער דונער אָפּקנאַלן טעג נאָכאַנאַנד. עפּעס מבולדיקס איז פאַראַן אין די רעגנס. דאָ אָבער אין דער צענטראַלער פּאַמפּאַ טרינקט די ערד דעם רעגן און איז קיינמאָל ניט זאַט, טרינקענדיק. דאַרשטיק פאַרשלינגט דער זאַמד דאָס וואַסער און בעט נאָך און נאָך. דער דאָזיקער זאַמד האָט אין זיך אַ כוח אַרויס־צוגעבן אַ גוט געראַטעניש, ווען ער האָט זיין מאָס רעגן, און עס פּאַסירט נישט קיין אומגליק. לײדער טרעפט דאָס זעלטן, איין מאָל דורך דריי יאָר. דעמאָלט אָבער לעבט אַלץ אויף אין דאָרף און אין דער שטאָט. דער קאָלאָניסט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געהונגערט קויפט אַהיים מחזורים פאַר זיך און מתנות פאַר ווייב און קינדער. דער האָפן פון באַהיא בלאַנקאַ ווערט רירעוודיק און רוישיק.

זעלטן־זעלטן, איין מאָל דורך עטלעכע יאָר, ווערט אַהער פאַרטראָגן אַ ביסעלע שניי. יידישע קינדערלעך, געבאָרן אין דער פּאַמפּאַ, וואָס האָבן קיין שניי אין זייער לעבן נישט אָנגעזען, לויפן אַריין אין שטוב, דערשראָקן און מיט ציטערדיקע שטימען דערציילן זיי די נייעס, וואָס זיי האָבן געזען:

— מאַמעליו, פייגעלעך פאַלן פון הימל!

אַ געזונט אויף זייערע קעפּ, אויף די יידיש־קאָלאָניסטישע קינדער־לעך פון דער פּאַמפּאַ!

דער לערער פון דער קאָלאָניע האָט מיר צוגעגרייט אַ סורפּריז ביי מיין אָנקומען. די קינדער קומען געוויינלעך אין שול אַריין אויף פערדלעך, ווייל די הייזער שטייען צעוואָרפן אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע קילאָ־מעטער; די פערדלעך פּאַשען זיך ביז די קינדער לערנען אָפּ און רייטן אַהיים. הייַנט לכבוד מיין אָנקומען, האָט מען איבערגעריסן די לעקציע, און דאָס ביסל קליינוואַרג האָט זיך גענומען גאַלאָפּירן מיר אַנטקעגן. מע

האָט געקאָנט מיינען אַז אַ רעגימענט רייטער קומט אָן; ערשט פון שטויב ווייקלען זיך אַרויס אָפּגעבערענטע פּנימלעך פון יידישע קינדער. איך קוק זיי אָן; אָרעם־געקליידטע, מיט צעשויבערטע האָר, די צעפּלעך האָבן זיך אויפגעלאָזט ביי די מיידלעך, ביי די יינגלעך זיינען די היטלען פאַר־רוקט אין אַ זייט — אונדזערע יאַנקלעך און שרהלעך, געבוירענע סטעפּ־קינדער, אַרגענטינישע קאָזאַקלעך און קאָזאַטשקעס, פלינק אויף די פערד און מיט דער יידישער שפּראַך אין זייער מויל.

היימישער איז מיר געוואָרן אין דער פּאַמפּאַ.

ד״ר אברהם קאָראַלניק

איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידיש־עסייאיסטן. געבאָרן דעם 16טן אָקטאָבער, 1883, אין אומאַן, אוקראַינע, געשטאָרבן דעם 16טן יולי, 1937, אין מאָוגט קיסקאָ, ניו־יאָרק. געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביז צו זיין טויט געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג.“

די עסיי וועגן „מדבר“ איז אַרויסגענומען פון זיינע שריפטן 3טן באַנד (שטימונגען און בילדער), ניו־יאָרק, 1940.

מדבר

ערד, ניט קיין פאַרזייטע, פאַרשאָלטענע ערד. זאַמד און הימל און הייסער ווינט. אַ שרעק־וואָרט. יעדן פון אונדז איינגעבאַקן אין זכרון. פון קינדהייט אָן. פון טויזנטער יאָרן דערציילט אַ פאָלק זיין גרעסטע דער־פאַרונג, זיין גרעסטע איבערלעבעניש: פערציק יאָר וואַנדערן אין דער מדבר. אַ וועלט איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיינע אויגן, אָנגעזעטיקט מיט נסיונות, ווי קיין שום אַנדער פאָלק, אָבער דאָס ערשטעליידן איז געבליבן אין זכרון שטאַרקער — דער מדבר.

און יעדער פון אונדז האָט כאָטש איינמאָל אין זיין לעבן געהאַט אַ שטורעמישע בענקשאַפט נאָך דעם מדבר. דערפילן אַליין, אויף זיך, אַליין איבערלעבן אָט דאָס, וואָס די לעגענדע דערציילט; פאַרזוכן דאָס שווערסטע, דעם טעם פון איינזאַמסטער איינזאַמקייט, פון איינער־אַליין־זיין, התבודדות. יעדער זוכט זי אויף זיין אופן. איינער אויף די בערג, דער צווייטער ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, דער דריטער אין דער גרויסער, דער ריזיקער

שטאָט. עס איז אמת, די שטיינערנע, די מויערדיקע, די מענטשן־טריפנדיקע שטאָט איז די גרעסטע איינזאַמקייט, גיט דעם שאַרפסטן טעם פון מדבר. אָבער מען דאַרף שוין זיין צו איינגעשרומפּט און איינגעשנורט אין זיך אַליין, כדי ניט צו באַמערקן דאָס לעבן אַרום זיך, ניט פאַרשלונגען ווערן פון אים. טייל זיך אָפּ פון זיי, וויפיל דו ווילסט, דיינע אויערן זיינען פול מיט קלאַנגען, דיינע אויגן ווערן מיד פון זען.

און איינזאַמקייט ווערט אַלץ שווערער און שווערער; מיר הויבן אָן צו פאַרגעסן איר טעם און איר זין.

עס בלייבט פאָרט נאָך דער אַלטער, דער איינציקער מיטל: מדבר. כאָטש אויף אַ ווייל, אויף איין־איינציקן, פאַרבייגייענדיקן אויגנבליק. נשמה־איבערלעבענישן זיינען ניט ציילעדיק. איין רגע איז רייכער פון גאַנצע יאָרן.

***

עס האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ, ווען איך בין אַריינגעפאָרן צום ערשטן מאָל אין דעם מדבר. צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן. אין אייראָפּע האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו. דאָרט זיינען דאָ אַ פּאָר שטרעקעס לאַנד ניט קיין באַזעצטע, ניט קיין פאַרזייטע. די „לינעבורגער היידע” אין דייטשלאַנד, די „בעלאָוועזשענסקאַיאַ פּושטשאַ” אין ווייסרוסלאַנד. אָבער דאָס זיינען ניט קיין מדבריות. גלאַט ניט קיין פּרוכטבאַרע פלאַכן ערד. קיינער פאַרבינדט ניט מיט זיי ניט דעם באַגריף, ניט די שטימונג — מדבר.

אָדער די סיבירישע „טאַיגאַ”. טאָג נאָך טאָג פאָרט איר פאַרביי ווייטע שטרעקעס, באַדעקט מיט קליינע בוימער, אַזוי געדיכט, אַזוי שוואַרץ, אַז עס ווייזט זיך אויס, אַז עס איז איין שוואַרצער וואָלקן, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט זיין גאַנצער משא אויף דער ערד. גרויסער הימל קאַלט און כמורנע. און אויך אַזוי כמורנע און אומעטיק ווערט אויף דעם האַרצן. און ווידער אַמאָל פאַרשווינדט די מדבר־שטימונג. ניט פון אַזאַ קאַלטער, טרויעריקער וואַלד־וויסטעניש האָבן געקאָנט אַרויסקומען זוניקע געדאַנקען. ניט אין אַזאַ מדבר האָט זיך צעפלאַקערט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע.

אָבער אָט איז אמתער מדבר. קוים וואָס איר פאָרט אַריבער פון קאָלאָראַדאָ קיין יוטאַ, הויבט זי זיך אָן. בערג־שטיינער, הימל און ערד. נאַקעטע בערג, נאַקעטע ערד. די איינזאַמקייט וואַקסט אויס, ווי פון אונטער

דער ערד, אַ הויכער קוימען, אַ שאַכט, אייזנווערק, קוילן־גרובן, נאַפטאַ־קוואַלן. לעבן זיי אַ שטעטל. הינטער דעם ישוב אַ „רענטש“.

אויף די בערג — גרויע כוואַליעס; שפּעלעך, ווייכער גרויער סאַ־מעט. אויף דער מאַגרער ערד — טשערעדעס בהמות; דאָ און דאָרט — אַ טאַבון פערד אַ רייטער מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש און מיט אַ רויטער פאַטשיילע איבערן האַלדז. אַ קנאַפּ לעבן. מענטשן האָבן זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן. זיי רייסן נאָך אַרויס פון דער ערד וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן נאָך ניט געבויגן דעם קאָפּ פאַר דעם מדבר.

אָבער אָט פאָרן מיר אַריבער איבער דעם מערקווערדיקן, פופצן מייל לאַנגן, שמאָלן בריק איבער דעם „סאָלט לייק“. דעם באַרימטן, פון אינ־זשעניער־שטאַנדפּונקט וואונדערבאַרן „קאָט־אָף“ — מיר זיינען אין נע־וואַדאַ. די סיערא־נעוואַדאַ נעמט אונדז אַרום. בערג מיט אַלט־שפּאַנישע, ראָמאַנטישע נעמען. „סאַנגרע די קריסטאָ“, דאָס בלוט פון קריסטוס — מיט זיין ווייסן קאָפּ קוקט אַריבער צו אונדז. עס איז אַ נייע פאָרם בערג. ניט צו הויך, ניט דערדריקנדיק־גרויסאַרטיק. נעענטער צו אונדז — און מענטשלעכער, און דערפאַר אויך אַזוי פאַרחלומט־טרויעריק, אַזוי מערק־ווערדיק־פאַרבענקט.

די בערג פאַרשפּאַרן ניט דעם האָריזאָנט. אַלצדינג איז ברייט, ערד און הימל. ברייט די ערד, און הויל און שטיל. קיין בוים, קיין חיה, קיין מענטש, גאָרנישט. בלויז נידעריק ביי דער ערד — קלומפּען פון שוואַרץ־גרינעם סיידזשבראַש. גלייך ווי די ערד וואָלט זיך געשעמט צו זיין נאַקעט. די אָרעמע ערד דעקט זיך צו דעם אַלטן לייב מיט שמאַטעס, מער אָפּדעקנדיק ווי פאַרדעקנדיק, אָבער פאָרט שמאַטעס. אַ רמז אויף אַ מלבוש.

דער נעוואַדאַ־מדבר. אַזוי הייסט עס. אַזוי האָט מען עס אָקצעפּטירט. עס הענגט דאָך אַלץ אָפּ פון דעם, ווי מענטשן באַשטימען ביי זיך. האָט מען איינגעשטימט, אַז דאָס איז אַ מדבר, ווערט עס אַ מדבר, גיט מען אויף יעדן פאַרזוך זיך דאָרט באַזעצן, אַרויסרייסן אים פון דער געפּאַנגענ־שאַפט, באַפרייען אים פון דער וויסטקייט און איינזאַמקייט. איינער פון די אַמעריקאַנער אויספאָרשער, וויליאַלמור סטעפאַנסאָן, דער אַרקטישער רייזנ־דער, האָט עס ניט לאַנג צוריק געזאָגט: „מענטשן האָבן באַשלאָסן, אַז

סאַהאַראַ אָדער גאָבי, די גרעסטע מדבריות אין דער וועלט, זיינען פאַראור־טיילט צו זיין מדבריות, און זיי ווילן זיך אפילו ניט נעמען די מי אויסצו־געפינען צי עס איז טאַקע אַזוי״. אין נעוואַדאַ האָט מען געהאַט געפּרואווט. עס איז ניט געגאַנגען. די עטלעכע אייזן־ און זילבער־גרובן, וואָס מען האָט דאָרט געפונען, האָבן זיך אויסגעשעפּט. די פּאָר שטעט, וואָס האָבן זיך דאָרט געגרינדעט אויף גיך, ווערן ליידיק, ווי צום ביישפּיל, גאָלדפילד וואָס האָט שוין געהאַט אַן ערך צוואַנציק טויזנט איינוואוינער, און האָט איצט, דאַכט זיך, ניט מער פון עטלעכע הונדערט. די באַפעלקערונג וואַקסט ניט. פאַרקערט. עס ווערן דאָרט אַלץ ווייניקער מענטשן. מען צעפאָרט זיך. דער מענטש וויל ניט, קאָן ניט קעמפן אַנטקעגן דעם מדבר.

פון צייט צו צייט אַ קליין שטעטל — ביים טייכל. אַלע טייכלעך זיינען דאָרטן איין טייך, און אַלע טראָגן זיי דעם נאָמען „האָמבאָלדט״. דער נאָמען פון דעם גרויסן געאָגראַף אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, שוין כמעט פאַר־געסן אין דער וועלט, שווימט פּלוצלונג ווידער אַרויף, ווערט אַ רעאַליטעט. הומבאָלדט טייך, הומבאָלדט בערג. איך ווייס ניט פאַרוואָס — איז עס די פּאָעזיע פון די יוגנט־זכרונות, אָדער טאַקע די שיינקייט פון אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדטס באַשרייבונגען, וואָס דערמאָנען זיך מיר, דער הומבאָלדט נאָמען דערוועקט עפּעס אַן אייגנאַרטיקע שטימונג: ווייטע פלאַכן, וואַנדע־רונגען איבער אומבאַקאַנטע, נאָך ניט אויסגעפאָרשטע, סודותדיקע לענ־דער. און די נעמען: נעוואַדאַ, קאָרדילערען, אָט די אַלטע, שיינע שפּאַנישע נעמען באַקומען אַ נייעם רייץ. כמעט ווי אַ מיראַזש אין דעם מדבר.

***

אַן אַנדער מדבר. גליענדיקע, געלע זאַמד, און גליענדיקע זון. דער מאָהאַווע מדבר אין אַריזאָנאַ, צווישן דרום קאַליפאָרניע און ניו־מעקסיקאָ. קוים וואָס מען פאָרט אַרויס פון לאָס אַנדזשעלעס, אין די בערג פון סאַן־בערנאַדינאָ און סאַן־כאַצינטאָ הויבט ער זיך אָן. אַן אַנדער מדבר, ווי אין נעוואַדאַ. אַ דרום־מדבר, אַ מזרח־מדבר. אָט אַזוי האָט באַדאַרפט אויסזען דער מדבר פון די פערציק יאָר וואַנדערונג. אָט אין אַזאַ מדבר זיינען געלאָפן די אַמאָליקע הייליקע און נביאים. און אין אַזאַ מדבר האָט געקאָנט ברענען דער דאָרן פון אמונה — ברענען און אָנצינדן די גאַנצע ערד. איז אין נעוואַדאַ די ערד אַ פאַרשעמט־נאַקעטע, אַן אָרעמע, מיט שמאַ־

טעס באַדעקטע, איז זי אין מאָהאַווע־מדבר אָן בושה, נאַקעט, ניט קיין גרעזל; אפילו ניט קיין דערנער: בלויז זאַמד, געל, הייס זאַמד. פריי, ברייט, עס פאַרשטעלט גאָרניט די פּערספּעקטיווע. וואוהין דו קומסט — הימל, געלקייט; שטראַלנדיקע ווייסקייט בייטאָג און טיפע שוואַרצקייט — מיט שטערן־לאָמפּן באַלייכט — ביינאַכט.

איך האָב נאָך אין ערגעץ ניט געזען אַזאַ נאַכט־הימל, ווי אין דער מדבר מאָהאַווע. ניט בלאָ, ניט מילד. שוואַרץ ווי פּעך, ווי אַ שוואַרצער קופּאָל, און אויף אים שטערן, גרויס, ווי מען זעט זיי קיינמאָל ניט אין דעם ישוב, און אַזוי נאָענט. קאַנט האָט באמת באַדאַרפט האָבן אַ געוואַלטיקע מדבר־פאַנטאַזיע, כדי צו קאָנען זאָגן זיין באַרימט וואָרט: „דער געשטערנטער הימל איבער מיר, דער מוסר־געזעץ אין מיר". וואו האָט ער אין זיין גרוי־הימלדיקן, בליי־הימלדיקן, בלאַס־שטערנדיקן קעניגסבערג געקאָנט זען אַ „געשטערנטן הימל"? ערשט אין מדבר ווייסט מען, וואָס דאָס מיינט: די שטערן פון דעם הימל — ערשט דאָרט באַקומען זיי אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט. ניט אומזיסט זיינען די פעלקער פון מדבר געווען „עובדי כוכבים", שטערן־דינער. עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זיין. איך בין יענע נאַכט, אין דעם מאָהאַווע־מדבר, אַליין עס שיר ניט געוואָרן.

V

געשטאַלטן

י[שראל] צינבערג

ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1873 אין אַ דאָר לעבן לענוויץ, אין וואָלין. געשטאָרבן אין 1943 (?) אין אַ סאָוועטישער תּפיסה. צינבערג האָט אַלע זיינע יאָרן געוואוינט אין לענינגראַד (פריער פּעטערבורג) וואו ער איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ כעמיקער אין דער לאַבאָראַטאָריע פון די באַוואוסטע פּוטילאָוו־פאַבריקן. אין דער פרייער צייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט ליטעראַטור־פאָרשונג און אָנגעשריבן אַ מאָנומענטאַלע „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן" פון וועלכער עס זיינען אַרויס אַכט בענד.

דאָס קאַפּיטל רש"י איז אַרויסגענומען פון דער דערמאָנטער געשיכטע, באַנד 2.

רש"י

דער גרויסער מאַן וואָס האָט זוכה געווען מיט זיין נאָמען און מיט זיינע מעשים אַריבערצוּוואַקסן אַלע איבעריקע דייטש־פראַנצויזישע מפרשים און דערקלערער פון תּנ"ך און תּלמוד איז געווען ר' שלמה בן יצחק, וואָס איז באַקאַנט ביים יידישן פאָלק אונטער די ראשי תּיבות: רש"י. אָט דער גרעסטער מיטלעלטערלעכער תּלמוד־דערקלערער און פּאָפּולערסטער ביבל־עקזעגעט איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1040 אין טרואַ, די דעמאָלטיקע הויפּטשטאָט פון דער שאַמפּאַן, וואו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1105. יינגלוויז האָט זיך דער צוקונפטיקער גאון געלאָזט איבער יענער זייט ריין צו לערנען תּורה אין די דאָרטיקע ישיבות. די דאָזיקע ישיבות וואָס רבנו גרשום מאור הגולה האָט געגרינדעט אין די ריינישע שטעט מיינץ, וואָרמס, שפּייער זיינען געוואָרן די הויפּט־צענטערן פון תּלמודישער וויסנשאַפט. די דאָזיקע ישיבות האָבן צו זיך צוגעצויגן הונדערטער תּלמידים פון מזרח און מערב. פון אָט די ישיבות זיינען אַרויסגעקומען פיל גרויסע דייטשע רבנים און תּלמידי חכמים און דאָרט האָט אויך פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן רבי שלמה יצחקי.

רשי"ס ערשטער רבי איז געווען רבנו גרשומס תּלמיד, ר' יעקב בן יקיר, דער ראש־ישיבה פון וואָרמס; נאָך יענעמס טויט איז רש"י אַוועק קיין מיינץ צום דאָרטיקן ראש־ישיבה ר' יצחק בן יהודה. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין שפּייער און ערשט דערנאָך האָט רש"י (אין יאָר 1065) זיך אומגעקערט אין זיין געבורטשטאָט וואו ער האָט געגרינדעט זיין אייגענע ישיבה, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן דער

וויכטיקסטער צענטער פון תלמודישער וויסנשאַפט, די באַרימטע אכסניה של תורה.

נאָך אין זיינע לערניאָרן אין די ישיבות פון די „חכמי לותיר" * האָט רש"י שוין געזאַמלט מיט גרויס פלייס און מסירת נפש דעם נויטיקן מאַטעריאַל פאַר דער ריזיקער אונטערנעמונג, וואָס איז געוואָרן דער ציל פון זיין לעבן: מאַכן דעם תלמוד בבלי מיט זיין שווערער און ווייניק פאַרשטענדלעכער שפּראַך צוגענגלעך פאַר יעדן; מען זאָל מער נישט באַדאַרפן בכדי צו פאַרשטיין דעם פשט פון אַ בלאַט גמרא, זיך ווענדן צו ספּעציעלע פאַכלייט און געניטע לערער. צו דעם צוועק האָט רש"י קודם כּל געמוזט ווייטער פירן און פאַרענדיקן די אַרבעט, וואָס ס'האָט שוין אָנגעפאַנגען רבנו גרשום אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן, אָריגינעלן טעקסט, באַפרייען אים פון די אַלע גרייזן און פעלערן, וואָס אַפשרייבער און קאָפּיסטן עם־הארצים האָבן אָנגעמאַכט. זיין גוואַלדיקע באַהאַוונטקייט און זיין שאַרף־קריטישער חוש האָבן מיטגעהאָלפן רשי"ן דורכצופירן פול־שטענדיק אָט די דאָזיקע גאָרניט גרינגע אויפגאַבע. פאַר זיין פירוש אַליין האָט רש"י מיט גרויס קונציקייט אויסגענוצט אַלע קאָמענטאַרן פון זיינע פאָרגייער. די אַלע דערקלערונגען און טייטשן פון די ראשי־ישיבות, וואָס זייערע תלמידים פלעגן זיך פאַרצייכענען אין זייערע „קונטרסים" (נאָטיץ־ביכלעך). פון דעם דאָזיקן ריזיקן און פאַשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל האָט רש"י פאַרשטאַנען אויסצוקלייבן דאָס וויכטיקסטע און מאַכן דערפון אַן אָרגאַניש גאַנצע און פולקומע זאַך. רש"י פאַרגעסט אויך ניט, אַז זיין הויפּט־צוועק איז צו מאַכן צוגענגלעך און לייכט פאַרשטענדלעך דעם זייער אייגנאַרטיקן און קאָמפּליצירטן טעקסט; ער לאָזט זיך דערפאַר קיין מאָל ניט אַריין אין טיפע חקירות, שטעלט ניט אַרויס קיין פאַרדרייטע און איבערגעשפּיצטע סברות. ער פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, אַז ער איז בלויז אַ פאַרטייטשער און דערקלערער, וואָס דאַרף ווערטערלעך און געגנוי איבערגעבן דעם געדאַנק פונעם פאַרפאַסער און ניט דערלויבן זיך קיין שום זייטיקע באַמערקונגען, וואָס געהערן ניט צום עצם ענין און האָבן ניט קיין דירעקטע שייכות צו דעם ווערטערלעכן פשט פונעם טעקסט. און

---

* מיט דעם נאָמען „לותיר" (לאָטאַרינגיע) פלעגט מען דעמאָלט באַצייכענען דעם גאַנצן שטח לאַנד, וואָס ליגט פון ביידע זייטן ריין.

אַלע זיינע דערקלערונגען פאַרטייטשט אַט דער דאָזיקער אומפאַרגלייכ־לעכער מייסטער פון גאונישער פשטות איבערצוגעבן אין אַ העכסט קלאָרער און פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעכער פאָרם. אַלע זיינע יאָרן איז ער ניט מיד געוואָרן זיין פירוש אויפן תלמוד אויפסניי צו רעדאַקטירן, אים מאַכן וואָס פשוטער און פאַרשטענדלעכער (רש״יס פירוש אויף תלמוד איז צו אונדז דערגאַנגען אין דריי רעדאַקציעס). די טונקלסטע און אומפאַרשטענד־לעכסטע ערטער ווערן ביי רש״ין גאַנץ אָפט דערקלערט מיט געציילטע צוויי, דריי ווערטער, וואָס מאַכן מיט אַמאָל פאַרשטענדלעך די גאַנצע סוגיא און עס ווערן פאַרענטפערט אַלע קשיות און שאלות.

רש״יס פירוש אויף תלמוד איז גלייך אָנגענומען געוואָרן איבעראַל וואו יידן וואוינען; אַלע „קונטרסים" מיט וועלכע מען פלעגט זיך פריער באַנוצן אין די ישיבות זיינען באַלד בטל געוואָרן אַנטקעגן אַט דעם איין און איינציקן „קונטרס" און רש״ין גופא האָט מען געקרוינט מיט דעם נאָמען „פרשדנתא" — דער איינציקער, אומפאַרגלייכלעכער דערקלערער און מפרש.

רש״י איז אָבער באַרימט געוואָרן ניט בלויז ווי אַ תלמוד־דערקלערער. ער איז ניט ווייניקער באַקאַנט געוואָרן אויך מיט זיינע פירושים אויף תנ״ך, דער עיקר מיט זיין פירוש אויף תורה. דער דאָזיקער פירוש איז שוין אָבער פון גאָר אַן אַנדער שניט. אויך דאָ ווייזן זיך אַרויס רש״יס גרויסע מעלות: זיין פשטות, זיין גלענצנדיקער טאַלאַנט צו פאַרטייטשן יעדן ענין אין קלאָרע, קנאַפּע ווערטער. דאָך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז רש״י אין זיין פירוש אויף תורה אין אַ גאַנץ נייער געשטאַלט. דאָרט, אינעם פירוש אויף תלמוד, האָבן מיר פאַר זיך דעם שטרענג ניכטערן און קאַלטן מאַן פון שכל הישר, דעם גרויסן פשטן, וואָס יעדעס וואָרט איז ביי אים געציילט. דאָ אָבער, אין דעם פירוש אויף תורה, זעען מיר פאַר זיך קודם כל דעם גאַטפאַרכטיקן גלויבער מיט זיין ווייכער און צאַרט־פילנדיקער נשמה, פאַר וועלכן אַלע אגדות און לעגענדעס פון תלמוד און פון מדרש זיינען רעאַלע געשעענישן. רשי״ס קלאָרע און גענויע טעקסט־דערקלערונגען ווערן דערפאַר אָפט קונציק צונויפגעפלאָכטן מיט גאַנצע קרענץ פון פאַנ־טישע לעגענדעס. און דאָס ווערט געטאָן מיט אַזאַ קינדישער פרומקייט און האַרציקער פשטות אַז עס גיט צו דעם גאַנצן ווערק רש״יס אַ באַזונ־

דערן חן און באַשטראַלט עס מיט וואַרעמען ליכט פון אינטימער שיינקייט. און ניט אומזיסט איז דאָס דאָזיקע ווערק געוואָרן דאָס פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע בוך ביים יידישן פאָלק. אויף לאַנגע, לאַנגע דורות האָט רשי״ס פּירוש זוכה געווען צונויפגעשמאָלצן צו ווערן אין באַוואוסטזיין פונעם פאָלק צוזאַמען מיט תורת משה; חומש מיט רש״י זיינען געוואָרן איין גאַנצע זאַך, און יעדעס וואָרט פון רש״יס פּירוש האָט מען כמעט ניט מיט קיין קלענערן פלייס געגלידערט און געפּאָרשט ווי דאָס וואָרט פון תנ״ך גופא. עס איז אויך דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך וואָס רש״יס פּירוש, אויף וועלכן עס זיינען דערצויגן געוואָרן אַזויפיל דורות, איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך וואָס ס׳איז אַריין אין דעם דרוק־וואַרשטאַט.

אפילו די שפּאַנישע יידן, וואָס האָבן זיך אַזוי גרויס געהאַלטן מיט זייער הויכער קולטור און ברייטן וויסן, האָבן מיט גרויס רעספּעקט זיך פאַרהאַלטן צום פראַנצויזישן תנ״ך־ און תלמוד־פאַרשער. אויך אין דער קריסטלעכער וועלט האָט רשי״ס פּירוש געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער גרעס־טער קריסטלעכער עקזעגעט פונעם מיטלעלטער, ניקאָלאַי דע־לירא, האָט רש״ין זייער פיל צו פאַרדאַנקען; ער האָט זיין פּירוש שטאַרק אויסגע־נוצט און גאַנץ אָפט אָפּגעשריבן וואָרט ביי וואָרט. אַ דאַנק דע־ליראַס ווערק האָט לוטער זיך באַקענט מיט רש״יס דערקלערונגען און זיך מיט זיי שטאַרק באַנוצט אין זיין ביבל־איבערזעצונג.

רש״י האָט אויך ווי אַ מענטש געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף זיין דור. זיין עניוות, גוטהאַרציקייט און פשטות, זיין צאַרט־ווייכער אומגאַנג מיט מענטשן האָבן צוגעגעבן זיין פּערזענלעכקייט אַן אויסשליסלעכע אַנציאונגס־קראַפט, באַשיינט מיט גייסטיקער שיינקייט און מיט אומפאַרגלייכלעכן חן. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט וואָס רש״י איז באַלד געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע גייסטיקע העלדן פונעם יידישן פאָלק און אַרום זיין נאָמען האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע אָנגעפאַנגען צו שפּינען דאָס לעגענדע־געוועב פון האַרציק־נאַאיווע לעגענדעס.

ד״ר אברהם קאַראַלניק

די עסיי איז אַרויסגענומען פון זיינע שריפטן, 2טן באַנד (יידן און יידנטום) ניו־יאָרק, 1940.

דער מהרש״א

אין אָסטראָג, וואָלין, אין דעם טייל וואָלין, וואָס באַלאַנגט איצט צו פּוילן, האָבן צען טויזנט יידן געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד דעם דריי הונדערטיאָריקן יובילעי פון דעם מהרש״א.

צען טויזנט יידן אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט, ווי אָסטראָג, דאָס איז שוין ניט מער קיין יום־טוב פון אַ פּאָר לומדים אָדער ליטעראַטן. דאָס איז אַ פאָלקס יום־טוב. דאָס מיינט, אַז אין דער שטאָט אָסטראָג, אין דער פּראָווינץ וואָלין, צווישן די יידן פון אוקראַינע און פון פּוילן, לעבט נאָך דער זכרון פון יידישע קולטור־ווערטן, וואָס זיינען פאַר דעם רוב פון אונדז בלויז שוין אַרכעאָלאָגיע.

פּאָגראָמען אין פּוילן, באָיקאָט, רדיפות, אָרעמקייט, אומעט, קאַמף צווישן פּאַרטייען, יידישע צעריסנקייט דאָס יידישע לעבן אין אַ כמאַרע, און אין דער אייגענער צייט — דער יובילעי פון דעם שווערן, האַרבן קאָפּ־ברעכערישן מפורש, וואָס האָט אַזויפיל דורות יידישע קינדער אָנגעטאָן אַזויפיל צרות, דער מהרש״א.

ווייל מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, אין 1631, איז אין דעם שטעטל אָסטראָג געשטאָרבן אַ רב, אַ ראש ישיבה, וואָס האָט געהייסן ר׳ שמואל אליעזר בן ר׳ יהודה איידעלש. פון דער מוטערס צד אַן אוראייניקל פון דעם מהר״ל פון פּראָג, דעם באַרימטן רב, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער גולם־לעגענדע.

אַליין פון פּויזען, וואַנדערט דער רב אַרום איבער דעם פּוילישן לאַנד, איז ראש ישיבה אין פּויזען, דערנאָך אין כעלם, אין טיקטין, ביז ער באַזעצט זיך אין אָסטראָג, וואו ער דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין לומדות, וואו ער ווערט די מערקווערדיקע, איינציקאַרטיקע קולטור־היס־טאָרישע פיגור, וואָס איז אַזוי טיף איינגעגראָבן אין דעם יידישן באַ־וואוסטזיין, וואו ער ווערט דער מהרש״א.

עס איז נאַטירלעך, מענטשן האָבן ליב דאָס גרינגע און די אגדה, מדרש, לעגענדעס, מאָראַל, דאָס איז אַזוי גרינג. עס איז דער ראָמאַן, אָדער די פּאָעזיע פון דעם לעבן. פּראָזע אָבער איז גרוי, איז שווער, בפרט די פּראָזע פון די אַלטע רבנים, די פּראָזע פון דעם ווילנער גאון, אָדער פון דעם רמ"א, אָדער פון דעם מהרש"א, וואָס איז אפשר דער שווערסטער פּראָזאאיקער און דער קאָמפּילצירטסטער קאָמענטאַטאָר, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר.

„פּילפּול" — נאָך היינט איז דאָס אַ שרעק־וואָרט פאַר די דייטשע יידן און אַלע וואָס שטייען אונטער זייער השפעה. יידן באַמיען זיך צו זיין „פּשוט", לאָגיש", זיין ווי אַלע, און באַהאַלטן אין זיך, און דערשטיקן אין זיך דעם איינציקן וואונדערבאַרן טאַלאַנט, וואָס זיי האָבן באַקומען בירושה — דעם טאַלאַנט פון פּילפּול, פון שאַרפקייט.

מען ווייסט ניט אַקוראַט פון וואַנען דאָס וואָרט, דער באַגריף „פּילפּול" קומט. איז דאָס טאַקע „פּילפּול" — פּעפּער, אָדער קומט דאָס, ווי לעווינזאָן מיינט, פון דעם שורש „פּלל" — רעדן. איינס אָבער איז קלאָר, אַז נאָך פון די פריסטע צייטן האָט מען מיט דעם וואָרט „פּילפּול" פאַרבונדן דעם פּעפּער־באַגריף, אַ דענקען, געזאַלצן און געפּעפּערט, שאַרף און פּיקאַנט; אַ געדאַנק, וואָס קומט פון ווייטנס, ניט פאָלקסטימלעך, ניט „היימיש" — עקזאָטיש.

אמת דענקען הויבט זיך ערשט אָן ביי דער סתירה ביי דעם ווידער־שפּרוך און דעם ניין. דאָס וואָס איז ניט, ד. ה. דאָס, וואָס מען קאָן ניט זען און ניט הערן, דאָס וואָס קיין שום חוש קאָן ניט אויפנעמען דירעקט, דאָס איז דער מאַטעריאַל פאַר דעם געדאַנק. און אונזער דענקען איז אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו יעדע „ווירקלעכקייט" ווערט לכתחילה צעריסן, צע־שטערט, פאַרניינט, כדי דערנאָך אויפגעבויט צו ווערן אויפסניי, אין אַן אייגענער פאָרם.

און אייגנטלעך איז די גאַנצע קראַפט פון דעם יידישן גייסט באַשטאַנען אין דעם דענקען פון דעם „ניט", אין דעם לייקענען דאָס, וואָס איז אויבנ־אויפיק. דערפון אויך די אומגעהויערע שווערקייט צו סיסטעמאַטיזירן דעם יידישן געדאַנק. ווייל „סיסטעם" הייסט צונויפשטעלן, צונויפלייגן, אָר־

דענקען; אָבער אָרדענען איז סוף־כּל־סוף מעכאַניש, עס מיינט ניט מער, ווי אַוועקשטעלן איין קערפּער לעבן דעם צווייטן אין אַ געווּיסן סדר. אָבער ווי קאָן מען צונויפשטעלן און איינאָרדענען די אַלע טיפע ווידערשפּרוכן, קעגנזאַצן, פּרעמדקייטן אין דער ווירקלעכקייט, אין דעם לעבן, אין דעם דענקען?

דערפאַר זיינען אויך די מייסטע „סיסטעמען" פון דעם געדאַנק אַזוי פּשוט, אַזוי האַמעטנע. מען וואונדערט זיך אָפּט איבער דער נאַאיוויטעט פון די סיסטעמאַטישע דענקער. האָבן זיי דען אַליין ניט געזען די אַלע שוואַכקייטן און סתירות, און ליידיקייטן פון זייער בנין? מען מיט זיך אָפּט זיי צו פאַרענטפערן, צו פאַרטייטשן, און אָפּט איז דער פּירוש טיפער, אָריגינעלער, וויכטיקער, ווי די סיסטעם אַליין, ווייל דער סיסטעם־בויער האָט געטראַכט — פּשוט, דער מפרש האָט געדאַכט — מיט שאַרפקייט, מיט פּילפּול.

און עס איז גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס גראַד אין די שווערסטע צייטן פון דעם יידישן לעבן, אין די יאָרן פון די גזירות, פון די שווערסטע אַנטוישונגען, איז דער פּילפּול אַזוי שטאַרק געוואָרן צווישן יידן. טאַקע ווייל די תורה האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ משא אויף דעם פאָלק, טאַקע ווייל די פּשטות פון אַמאָל האָט פאַרלאָרן איר לעבנס־מאָטיוו־ווערט, ווייל די ווירקלעכקייט איז געוואָרן ניט אַריבערצוטראָגן, איז דער געדאַנק, דער אויטאָנאָמער און וואָס לעבט אין זיך אַליין אַריינגעטראָטן אין זיין מלוכה. און טאַקע ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן אַן איין־איינציקע קשיא און אַ זייער האַרבע דערצו, איז דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם יסוד פון פרעגן, פון צווייפלען, פון גראָבן און זיך גריבלען.

אַזוי איז דאָס געווען אין דער קריסטלעכער וועלט פון דעם מיטל־עלטער, ווען דער ווידערשפּרוך צווישן לעבן און גלויבן איז געוואָרן צו־גרויס. דעמאָלט האָט די „סכאָלאַסטיק" פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם אַמאָליקן — גריכישן — אופן פון דענקען, דעם אופן פון קלאָרן יאָ און אַבסאָלוטן ניין. דער סכאָלאַסטיקער האָט זיך געוואָקלט, ווי דער באַרימ־טער אַבעלאַר, צווישן דעם „יאָ" און דעם „ניין". ער האָט געבויט בריקן צווישן די צוויי וועלטן. און אַ בריק איז אַ זייער קאָמפּליצירטער ענין.

עס הענגט אויך אָפּ פון דעם וואַסער. איבער אַ קליין טייכעלע איז גענוג אַ באַלקען, אַ ברעטל; איבער אַ גרויסן טייך מוז מען האָבן אייזן און שטאָל און אינזשענירן־קונסט.

און פון אַלע טייכן איז דער יידישער געווען דער טיפסטער און שטורעמדיקסטער. אַזעלכע ווידערשפּרוכן, ווי די יידישע, האָט קיין שום אַנדער דענקען ניט געקענט. אַלצדינג אומרעאַל: געזעלשאַפט, רעכט, עקזיסטענץ, דער היינט אין ספק, דער מאָרגן אַ רעטעניש, אַרום און אַרום ווענט און בערג. און דער יידישער גייסט האָט געמוזט, כדי צו לעבן, צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אַרויסרייסן די בערג — „עוקר הרים וטוחנם" (ער רייסט אַרויס בערג און צעמאָלט זיי). דער פּילפּול איז געוואָרן אַ סאָציאַלע פונקציע און ניט קיין אינטעלעקטועלע נויטווענדיקייט.

עס איז דערפאַר גאָר ניט קיין וואונדער, וואָס דער מהרש"א, דער לעצטער און אפשר דער גרעסטער פאַרטרעטער פון דעם פּילפּול, פון דער שאַרפקייט און געפעפערטקייט אין דעם „לערנען", ד. ה. אין דעם דענקען, איז געוואָרן איינער פון די מיטלדיקע זיילן פון דעם גאַנצן יידישן גייסטיקן בנין. רש"י, תוספות, מהרש"א, דריי שטופן פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג — פשטות, קלאָרקייט און העכסטע קאָמפּליצירטקייט, וואָס דערגייט אָפט ביז צום פּאַראַדאָקס.

איז דאָס אפשר אַ סימן פון דער צייט, אַז די דעמאָנסטראַציע פון די צען טויזנט יידן אין אָסטראָג פאַר דעם קבר פון דעם מהרש"א? ווייל דאָס יידישע לעבן ווערט ווידעראַמאָל, און נאָך שאַרפער ווי פריער, אַ פּאַראַדאָקס און אַן אומווירקלעכקייט. קערט זיך אום דער יידישער אינטעלעקט צו זיך אַליין?

ד״ר נחמן סירקין

איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער און פירער. געבאָרן דעם 11טן פעברואַר, 1867, אין דער שטאָט מאָהילעוו ביים דניעפּר, ווייסרוסלאַנד. געשטאָרבן דעם 6טן סעפּטעמבער, 1924, אין ניו־יאָרק. געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1907.

זיין עסיי וועגן משה העס איז אַרויסגענומען פון זיינע „געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטן", ערשטער באַנד, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי־ציון" אין אַמעריקע, 1925.

משה העס — דער אַנטדעקער פון סאָציאַליסטישן יידנטום

משה העס איז אפשר די מערקווירדיקסטע געשטאַלט, וועלכע דאָס מאָדערנע יידנטום האָט אַרויסגעבראַכט אין ניינצנטן יאָרהונדערט. ער געהערט צו דער זעלבער צייט וואָס האָט געבאָרן היינען, בערנען, מאַרקסן, לאַסאַלן, גרעצן — יענע גרויסע יידן אין וועלכע דער גייסט פון דער יידישער ראַסע האָט געפייערט זיין העכסטן טריאומף. אין קיינעם פון די דערמאָנטע זין פון יענער עפּאָכע האָט אָבער דער גייסט פון דער יידישער ראַסע ניט דערגרייכט זיין פולקאָמענע באַוואוסטזיניקייט ווי אין משה העסן. לאַסאַלן, גרעצן — יענע גרויסע יידן אין וועלכע דער גייסט פון דער אים אָן צו דער וועלט. אָבער אָט דער יסוד פון יידנטום איז פאַרזונקען אין די אומבאַוואוסטזיניקע און האַלב־באַוואוסטזיניקע טיפענישן פון זייערע נשמות. ביי גרעצן דערגרייכט דער יידנטום־אידעאַל אַליין ניט צו זיין הויך, וואָרים דער גרויסער היסטאָריקער וועלכער מאָלט אויף אין גייסט און אין וואָרט די יידישע געשיכטע, דערקענט נאָך ניט מיט זיכערקייט איר קוואַל און איר ציל. משה העס אָבער האָט דערקענט דעם יידישן שורש פון זיין אייגענער נשמה. מיט קינסטלערישער העלזעעוודיקייט האָט ער דער־זען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן זיין אייגענעם איך און דעם גייסט פון דעם יידישן פאָלק און האָט די דאָזיקע שייכות אויסגעדריקט אין פילאָזאָפישע באַגריפן.

העס איז געוואָרן דער יידישער געשיכטס־פילאָזאָף. אין זיין גענאַל ווערק איז די געשיכטס־פילאָזאָפישע אַנטדעקונג אַז די אידעע פון יידנ־טום איז די אידעע פון דער קומענדיקער קולטור.

געשיכטס־פילאָזאָפיע איז אייגנטלעך די יידישע אידעע, וועלכע האָט באַשעפטיקט אַלע יידישע זשעניען פון דעם נביא דניאל ביז צו קאַרל מאַרקס. צו דער מענטשלעכער געשיכטע, צו דעם לעבן פון דער מענטשהייט גייט העס צו ווי צו אַ הייליקן פּראָצעס. דאָס לעבן פונעם איינצלנעם מענטשן און דאָס לעבן פונעם גאַנצן אוניווערז, איז אַ הייליקער ערנסט, פול מיט מאָראַלישע פליכטן און מיט געטלעכער דערהויבנקייט. העס איז אַ געשיכטס־פילאָזאָף און אַ מאָראַליסט. זיינע היסטאָריש־פילאָזאָפישע אידעען און זיינע אינדיווידועל־מאָראַלישע געפילן זיינען ביי אים צוזאַמענגעפלאָכטן און צוזאַמענגעוועבט אין איין אייגהייטלעכער אידעע, אין איין געשלאָסענעם ווילן. און ווי די גאַנצע וועלט, די וועלט פון מאַטעריע און די וועלט פון גייסט, איז באַהערשט פון דער הייליקער אייגהייטלעכקייט, אַזוי דאַרף אויך דער מענטש אין זיין לעבן זיין הייליק — ערנסט און אייגהייטלעך, און אַלע ווידערשפּרוכן צווישן וואָרט און טאַט, צווישן געדאַנק און לעבן זיינען אַ זינד. די גאַנצע וועלט און דאָס אייגענע לעבן זיינען, דאַרפן זיין אַ הייליקער אמת. דאָס איז די גרונטשטימונג פון משה העס און דאָס איז אויך די גאַנצע ריכטונג פון זיין לעבן און פון זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.״

אין יאָר 1862 איז העס אַרויסגעקומען מיט זיין טיפזיניקן בוך „רוים און ירושלים״. אָט דאָס ווערק איז דער ערשטער פּרוואו פון אַ יידישער געשיכטס־פילאָזאָפיע. עס איז דער ערשטער אויסגעצייכנטער פּרוואו צו באַשטימען דעם אינהאַלט פון יידנטום.

דער שעפערישער געניוס פון דעם גריכישן פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט קונסט, פילאָזאָפיע און דערקענטעניש פון דער נאַטור. דער יידישער זשעני האָט באַשאַפן מאָראַל, אמת — און אידעאַלן. די גריכישע רעליגיע איז אַ נאַטור־רעליגיע. די געטער פונעם אָלימפּ לעבן און וועבן אין דער נאַטור. די יידישע רעליגיע איז אַ געשיכטס־רעליגיע. דער גאָט פון סיני לעבט און שאַפט אין דער געשיכטע; יהוה, דאָס הייסט ער וועט זיין, ער וועט זיך גאָך ווייזן אין דער היסטאָרישער צוקונפט. דאָס איז דער נאָמען פונעם יידישן גאָט. די יידישע רעליגיע איז אַ סאָציאַלע. אין דעם כלל און אין דער צוקונפט באַקומט דער מענטש זיין אמתן ווערט.

די יידישע רעליגיע האָט באַשאַפן לעבנס־פאָרמען און געזעלשאַפט־

לעבע אינסטיטוציעס וואָס פאַרקערפּערן אַט דעם העכערן לעבנס־גייסט אירן און זיינען דער סימבאָל פון דער גייסטיק־סאָציאַלער מענטשהייט פון דער צוקונפט. די ערשטע אינסטיטוציע איז דער שבת, דער טאָג פון רו פאַר אַלע אונטערדריקטע און דער טאָג פון גייסטיקער דערהויבונג פאַר דעם מענטשלעכן כלל. אַרום דער אידעע פון שבת דרייט זיך ווי אַרום אַ שטראַלנדיקן צענטער די שמיטה, דער יובל און דער גאַנצער סאָציאַליזם פון דער אַלטער פּאַלעסטינע, וואָס איז דער אָנזאָג פון דער סאָציאַליס־טישער צוקונפט, פון דעם שבת שבתון, פון דעם טאָג וואָס איז אין גאַנצן שבת. שבת איז דער יסוד פון יידנטום. משיח — דער ענדפּונקט, דער סוף פון די טעג — די סאָציאַליסטישע צוקונפט.

אויב צום יידנטום ווי צו אַ קולטור־רעליגיעזער אידעע געהערט די צוקונפט, דאַן מוז דאָס יידישע פאָלק אויפלעבן צוליב אַט דער ליכטיקער צוקונפט. משה העס ווערט דער פּרעדיקער און אָנזאָגער פון דער נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישער ווידעראויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק. אין דער סאַמע געדיכטער עפּאָכע פון אַסימילאַציע הויבט ער אויף זיין שטים פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אין זיין קאָנסעקווענטסטער פאָרם — פאַר אַ יידישער זעלבשטענדיקייט אין פּאַלעסטינע. ער האָפט אַז פראַנקרייך, דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע, וועט פאַרהעלפן דעם יידישן פאָלק צו זיין ווידער־אויפלעבונג. ביים יידישן פאָלק אַליין זעט ער אין די פאָלקסמאַסן פון מזרח־אייראָפּע די קומענדיקע טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער רעסענאַנס־אידעע.

משה העס האָט אַנטדעקט אַן אידעע פון וועלט־היסטאָרישן באַ־טייט. ער האָט אין דער אַלטער יידישער נבואה דערקענט דאָס אייביקע שטרעבן פון דעם מענטשן צו לעבנס־פולקאָמענהייט, צו היסטאָרישער פאַרענדערונג און שאַפונג. ער האָט דעם יידישן פאָלק געבראַכט דערפאַר די גרעסטע בשורה, די בשורה אַז זיין קולטור־תוכן איז דער קולטור־אינ־האַלט פון דער מענטשהייט, די בשורה אַז דאָס יידנטום איז די רעליגיע פון סאָציאַליזם. און דער אַנטדעקער פון סאָציאַליסטישן יידנטום איז געווען אויך דער אייגנטלעכער באַגרינדער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

ד״ר רפאל מאַהלער

היסטאָריקער. געבאָרן אין 1899, אין שטעטל ניי־סאַנדז (נאָווי־סאָנטש), קרייז קראָקע, פוילן. געקומען קיין אַמעריקע אין 1937. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז לעקטאָר פון געשיכטע אין „יידישן לערער־סעמינאַר״.

די עסיי וועגן גרעצן איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט״, אָקטאָבער, 1941.

דער באַזינגער פון דער יידישער העלדן־עפּאָפּייע

„ווידער אַ געשיכטע פון יידן?״ האָט זיך אָפּגערופן לעאָפּאָלד צונץ מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל ווען מיכאל זאַקס האָט אים אין יאָר 1852 פאָרגעשטעלט היינריך גרעצן ווי אַ יונגן היסטאָריקער, וואָס גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ ווערק וועגן יידישער געשיכטע. „אַוודאי — האָט גרעץ שאַרף אָפּגעענטפערט — אָבער דאָס מאָל אַ יידישע געשיכטע!״

דאָס איז ניט געווען קיין באַרימעריי, נאָר דאָס שטאָלצע באַוואוסטזיין פון דעם יונגן פאָרשער, וואָס האָט געפילט דאָס גרויסע אחריות און באַנומען די גיגאַנטישע אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט: איבערשרייבן די יידישע געשיכטע אויפן יסוד פון גרינטלעכע פאָרשונגען און צוריק אויפלעבן פאַר זיין פאָלק זיין גרויסן, העראָאישן עבר.

די יוגנט־יאָרן פון דעם באַשאַפער פון דעם וואונדערלעכן וויסנשאַפטלעכן עפּאָס וועגן דעם יידישן פאָלק זיינען אליין אַ מאַטעריאַל פאַר אַן אינטערעסאַנטן ביאָגראַפישן ראָמאַן.

געבאָרן דעם 31טן אָקטאָבער, 1817, אין קשיאַנזש, אַ קליין שטעטלע אין פּויזנער פירשטנטום (זינט 1815 אונטער פּרייסישער הערשאַפט) ביי אַ טאַטן אַן אומפאַרמעגלעכן קצב, האָט היינריך גרעץ אַדורכגעמאַכט אַלע גילגולים פון אַ יידישן אָרעמען בחור אַן אידעאַליסט, וואָס האָט געגאַרט נאָך וויסן און געריסן זיך צו דער ברייטער וועלט. געלערנט אין חדר אין שטעטל זשערקאָוו, און דערנאָך אין דער ישיבה אין וואָלשטין און ביז אין עלטער פון 20 יאָר נישט אַרויס פון תחום פון קליינעם שטעטל. דעם פונדאַמענט פון זיין גרינטלעכער, ענציקלאָפּעדישער בילדונג האָט ער מיט מי פאַרהאָרעוועט ווי אַן אויטאָדידאַקט. ער האָט שוין צו יענער צייט געלייענט אין אָריגינאַל ווערק אין לאַטיין, גריכיש און פראַנצויזיש, אַחוץ דייטש און העברעאיש, וואָס ער האָט אויסגעצייכנט באַהערשט. זיינע טאָגביכער, פאַרעפנטלעכט אין אויסצוגן דורך זיין תלמיד מאַרקוס בראַנן, אַנט־

פלעקן פאַר אונדז זיין טיפע פּאַעטישע נאַטור און זיין שוימענדיקן טעמ־פּעראַמענט,ביידע מעלות, וואָס ער האָט שפּעטער אַריינגעטראָגן אין זיין מאָנומענטאַל ווערק. מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט אין קעשענע פלעגט גרעץ אין שבתים אַרומוואַנדערן איבער די בערגלעך און וועלדער פון זיין היים־געגנט און באַוואונדערן די שיינקייט פון דער נאַטור. צווישן די ביכער וואָס ער האָט געלייענט אין דער יוגנט פיגורירן לעבן וואָלטער, רוסאָ, מענדעלסאָן, און לעבן היסטאָרישע ווערק, די דיכטער און בעלעטריסטן לעסינג, שילער, בערנע היינע, נעפּאָס, אָוויד, ווירגיל ראַסין און וויקטאָר הוגאָ. ערשט צו 25 יאָר איז ער אָנגעקומען אין ברעסלויער אוניווערסיטעט אויפן יסוד פון אַ ספּעציעלער דערלויבניש פון פּרייסישן מיניסטעריום, ווייל ער האָט נישט געהאָט קיין צייגעניש פון גימנאַזיאַל־שטודיעס, און שוין דריי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1845, האָט ער באַקומען אין יענא דעם דאָקטאָר־טיטול אויפן יסוד פון זיין דיסערטאַציע וועגן „גנאָסטיציזם און יידנטום.״

ניט ווייניקער ווי די פּערזענלעכע שטריכן פון זיין גרויסן כאַראַקטער — זיין ראָמאַנטישע, עכט פּאָעטישע נאַטור, זיין התמדה און חריפות פון אַן עילוי — האָט אויך די יידישע סביבה פון זיין יוגנט און די הערשנדיקע אידעען פון דער תקופה, וואָס האָבן אויסגעפורעמט זיין וועלט־באַנעם, גע־האָט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף דער געשטאַלטונג פון זיין וואונדער־לעכן לעבנס־ווערק.

להיפך צו זיין פאַרגייער מאַרקוס יאָסט, געבוירן און דערצויגן אין מערב־דייטשלאַנד, האָט גרעץ זיין גאַנצע יוגנט אַדורכגעלעבט אין פּויזנער לאַנד, וואו עס האָט זיך אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה נאָך דערהאַלטן די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור און דער טראַדיציאָנעלער לעבנסשטייגער. די יידן פון פּויזנער פּירשטנטום זיינען צו יענער צייט נאָך געווען די יעניקע „פּוילישע יידן״, וואָס היינע האָט אין זיינע נסיעה־באַריכטן „איבער פּוילן״ אין יאָר 1822 מיט אַזאַ באַגייסטערונג באַשריבן זייער שטאָלץ, זעלבסט־באַוואוסטזיין און די גאַנצקייט פון זייער כאַראַקטער.

גרעץ האָט פאַרמאָגט טיפע, גרינטלעכע ידיעות כמעט אין אַלע גע־ביטן און עפּאָכעס פון דער יידישער געשיכטע: ער איז געווען אַ גלענצנ־דיקער מומחה אויפן געביט פון תנך־פאַרשונג; ער האָט גרינטלעך גע־קענט תלמוד, שאלות־ותשובות־ליטעראַטור, געאָגראַפיע, געשיכטע פון דער

וועלט־ליטעראַטור, יידישע פילאָזאָפיע און פּאָליטישע וועלט־געשיכטע. די גרינטלעכקייט און אָלזייטיקייט פון וויסן — אָט דעם דאָזיקן שטריך האָט דער פילאָזאָף הערמאַן קאָהען צום מערסטן באַוואונדערט אין זיין רבין גרעצן. מען קען דרייסט זאָגן, אַז פון אַלע פּאָרדיגנטע יידישע היס־טאָריקער, וואָס זיינע אויפגעקומען נאָך גרעצן, קען זיך קיינער צו אים ניט גלייכן אין פּרט פון זיין אָלזייטיק בקיאות!

נאָך מער אָבער, איידער אין דער וויסנשאַפטלעכער גרינטלעכקייט און אָלזייטיקייט, באַשטייט די געוואַלטיקע היסטאָרישע באַדייטונג פון גרעצס ווערק דערין, וואָס ער, גרעץ, האָט דער ערשטער פון אַלע מאָדערנע היסטאָריאָגראַפן באַהאַנדלט די געשיכטע פון יידן ווי איין אומאיבערגע־ריסענע קייט אין דער געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג פון אַ לעבעדיקן פאָלקס־אָרגאַניזם. אַנדערע יידישע היסטאָריקער פאַר אים האָבן זיך אויף אַזוי וויט נישט געקאָנט באַפרייען פון זייער אַסימילאַטאָרישן קוק אויף יידן, אַז זיי האָבן באַוויליקט צו אָנערקענען יידן ווי אַ פאָלק בלויז ביז צום צווייטן חורבן בית המקדש. דאָקעגן, די יידישע גלות־געשיכטע האָבן זיי דעגראַדירט צו דער געשיכטע פון יידישער רעליגיע און ליטעראַטור. פלאַמענדיקע ליבע צום יידישן פאָלק און טיפער שטאָלץ מיט זיין העראָ־אישער געשיכטע, איז דער מקור פון יענעם וואונדערבאַרן עכטן פּאַטאָס, וואָס גרעצס מאָנומענטאַל ווערק שטעלט מיט זיך פאָר. זיין קאַפּיטל וועגן ערשטן חורבן ירושלים פאַרענדיקט ער מיט דעם שטאָלצן אויסרוף: „קיין שום גרויסשטאָט פון די אַלע, וואָס האָבן געהערשט איבער פעלקער און זיינען פון זייער גלאַנץ־שפּיץ אַראָפּגעזונקען אין שטויב, האָט מען נישט אַזוי פאַרהערלעכט אין איר אונטערגאַנג, ווי ירושלים . . . ”

גרעצס מעכטיקער ליבע־פּאַטאָס ברעכט אויס אין שטורמישן צאָרן ווען אים קומט אויס צו רעדן וועגן שונאי ישראל, וועגן די באַדריקער פון זיין פאָלק. מיט דער בייסנדיקסטער איראָניע שמייסט ער דאָס קריסטנ־טום, די „אומגעטרייע טאָכטער”, פאַר איר אכזריות קעגן איר אייגענער מוטער, דעם יידנטום. דער קאַטוילישער קירך וואַרפט ער מוטיק אין פּנים די באַשולדיקונג, אַז זי האָט עס געבראַכט אויף יידן די שוידערלעכע פּורעניות בעת דער שוואַרצער מגפה, דורכדעם וואָס זי האָט אין משך פון גאַנצע דורות „פאַרגרעבט און פאַרחיהשט די אייראָפּעאישע פעלקער.

ניט געקוקט אויף זיין טיפער רעליגיעזקייט, וואָס איז געווען איינער פון די עיקרדיקע שטריכן אי פון זיין פּערזענלעכקייט, אי פון זיין ייִדיש־קייט־באַנעם, איז גרעץ געווען ווייט פון אידענטיפיצירן דאָס ייִדנטום בלויז מיט ייִדישער רעליגיע. ייִדנטום האָט פאַר אים באַדייט דאָס לעבעדיקע ייִדישע פאָלק און דאָס פּרעכטיקע עשירות פון ייִדישער קולטור.

געשיכטע־שרייבונג איז ניט בלויז אַן ענין פון וויסנשאַפט, נאָר אויך פון קונסט און פּאָעזיע, און דווקא גרעץ האָט אין זיין לעבנסווערק אויף אַ וואונדערבאַרן אופן פאַראייניקט אַלע מעלות פון אַ געבענטשטן דיכטער: די געניאַלע פעאיקייט פון אַדורכלעבן מענטשלעכע ליידן און פריידן, די שעפערישע פאַנטאַזיע און די וואונדערבאַרע מאַלערישע פּלאַס־טיק פון סטיל. נאָך לאַנגע, לאַנגע דורות, ווען מען וועט שוין זוכן וויסנ־שאַפט וועגן ייִדישן עבר אין נייע מאָנומענטאַלע זאַמלווערק, וועט נאָך אַלץ גרעץ בלייבן דער האַרצעדיקער וועג־וויַיזער איבער דער היסטאָרישער עפּאָפּייע פון ייִדישן פאָלק.

נאָך אַזאַ גאַנג איבער דער ייִדישער פּירטויזנט־יאָריקער געשיכטע ביי דער האַנט פון גרויסן מייסטער, ווערט פאַרזייט אין האַרצן אויף אייביק די שטאַלצע ליבע צום אייגענעם פאָלק פון „מאַרטירער און דענקער". מיט דעם דאָזיקן געניאַלן כוח פון ליבע, האָט גרעץ — אַליין אַ קינד פון אַן איבערגאַנג־דור, וואָס האָט זיך ערשט אַנגעהויבן אָפּצוטרייסלען פון דער צעפּרעסנדיקער, אָפּאָרטוניסטישער אַסימילאַציע, — באַוויזן צו דער־ציען גאַנצע דורות באַוואוסטזיניקע קעמפּער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג פון ייִדישן פאָלק. אַזאַ מעכטיקע ליבע צום ייִדישן פאָלק, ווי די, וואָס האָט באַגייסטערט גרעצן, דעם מחבר פון שיר השירים פון דער ייִדישער געשיכטע, מוז אויפפלאַקערן אין היינטיקן דור, כדי איבערצו־קומען אונדזער איצטיקע טראַגעדיע, די שרעקלעכסטע אין דער ייִדישער געשיכטע. „ווייל שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע" . . .

שלמה ביקל

די עסיי וועגן הערצל, וועלכע ווערט דאָ איבערגעגעבן מיט קיצורים, איז געווען געדרוקט אין „טאָג" (יולי, 1944).

הערצל — דער גאון פון תמימות און ווערדע

דער וועג וואָס הייבט זיך אָן פון די שטורמישע אַנטיסעמיטישע דע־מאָנסטראַציעס אין פּאַריז וועלכע האָבן אַזוי טיף באַליידיקט הערצלס נשמה און געוועקט אין איר ניי יידיש לעבן און ענדיקט זיך מיט די שטילע טעג אין עסטרייכישן שטעטל עדלאַך, וואו דער טויט האָט אויסגעלאָשן הערצלס פיזישע עקזיסטענץ — אָט דעם וועג איז די צייט דורכגעלאָפן אין ניט מער ווי אין ניין יאָר.

אין דער קורצער צייט פון ניין יאָר (1895—1904) איז אָט דער זון פון אונגאַריש־ספרדישע עלטערן, אָפּגעפרעמדט פון יידישקייט, אַ וויניק באַקאַנטער ווינער שריפטשטעלער, טעאָדאָר הערצל, געוואָרן אפשר דער באַרימטסטער און פּאָפּולערסטער נאָמען אין דער מאָדערנער יידישער גע־שיכטע און פאַר מיליאָנען יידן דער פירער, דער סימבאָל, די לעגענדע פון נאַציאָנאַלן אויפלעב.

פאַרוואָס האָט פאַר די לעצטע עטלעכע דורות דווקא און בלויז די הערצל־געשטאַלט געקענט פאַנגען משיחיש פייער אין געמיט פון יידישן פאָלק, אין דער נשמה פון דער יידישער יוגנט? דאַכט זיך, אַז אַלע הערצל־ביאָגראַפן זיינען מסכים, אַז עס האָט דערביי ניט געקענט שפּילן קיין אַנטשיידנדיקע ראָלע ניט די נייקייט פון דער אידעע, ניט די גראַנדיעזקייט פון דעם היסטאָרישן בנין און ניט אפילו דער פּאַטעטישער אָטעם פון די יידישע פּאַרלאַמענט־זיצונגען אין באַזעל.

די אידעע איז ניט געווען ניי. וואָרעם עס זיינען מיט איר אַרויסגעקומען אַ סך אַנדערע פאַר הערצלען. לאָמיר בלויז פון צווישן די אַלע דערמאָנען די וויכטיקסטע און אימפּרעסיווסטע: משה העס, לעאָ פּינסקער און נתן בירנבוים.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און די איינדרוקספולע ציוניסטישע קאָנגרעסן זיינען טאַקע געווען דאָס ווערק פון הערצלס שעפעריש־געזעל־שאַפטלעכן טאַלאַנט, אָבער דווקא אָט די אָרגאַניזאַטאָרישע אויפטוען האָבן דאָך זעליש פאַרכאַפּט בלויז טויזנטער, בלויז הונדערטער טויזנטער אָבער ניט מיליאָנען.

ווען דער נאָמען הערצל זאָל פאַר מיליאָנען יידן געווען מיינען טאָקע ניט מער ווי באַזעלער פּראָגראַם, באַזעלער קאָנגרעסן, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אפילו אויך אַזויפיל און אַזויפיל דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונגען דערצו, וואָלט דער היינט אומשטערבלעכער און לעגענדאַרישער נאָמען הערצל זיכער געווען געבליבן אין שאָטן פון דער היסטאָריע הינטער די פּלייצעס פון אַזויפיל אַנדערע יידישע גדולים פון אונדזער צייט.

אין הערצלען האָט אָבער דאָס געמיט פון פאָלק, דאָס געמיט פון דורות יוגנט דערשמעקט דעם ריח פון גאונות. אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן אינטעלעקט און פון מענטשלעכער מאָראַל אַנטפּלעקט זיך גאונות צו דער וועלט מיט איר — כ׳וואָלט געזאָגט — אומאָריגינעלער אָריגינעלקייט. דער גאון האָט אַ טבע זיך נישט צו רעכענען דערמיט, וואָס די רייד און מעשים, מיט וועלכע ער קומט אַרויס, זיינען שוין געזאָגט און געטאָן געוואָרן, זיינען נישט אָריגינעל, הייסט עס. ער האָט די חוצפּה און די גרויסע תמימות צו טראַכטן אַז ער איז דער ערשטער, אַז פון אים הייבט עס זיך אָן. דער גאון לאָזט זיך נישט פאַרטונקלען פון דער אַלטקייט פון זיינע פאָרגייער, נאָר ער באַשיינט זיי מיט זיין נייקייט. דער אויפטו פונעם גאון איז וואָס ער בלאָזט אַריין אין אַלטע ווערטער, אין אַלטע געדאַנקען, אַן אָטעם פון בראשית. און וואָס אַלע, כ׳מיין דער גרויסער קאָלעקטיווער תמים, וואָס הייסט פאָלק, און דער עיקר דער שפּירעוודיקסטער טייל פונעם קאָלעקטיוו — די יוגנט, פילן, גלויבן און זיינען איבערצייגט, אַז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ נייער פרילינג אין לעבן פון אַן אַלטער אידעע.

העס, פּינסקער, אחד־העם און בירנבוים האָבן אין די לעצטע הונדערט יאָר מיט חריפות אַנאַליזירט און פאָרמולירט דעם געדאַנק פון יידישן נאַציאָנאַלן אויפלעב. אָבער ערשט דער תמימותדיקער צוויי־מאָל־צוויי פון הערצלען אין זיין „יודענשטאַט״, אַז „די יידן מוזן האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע״, אַז „די יידנפראַגע איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע און כדי זי צו פאַרענטפערן מוז זי ווערן אַ וועלט־פראַגע״, ערשט אָט די אומאָריגינעלע ווערטער האָבן אַ ווייע געטאָן מיט אָריגינעלקייט און מיט נייקייט און האָבן געהאַט דעם כוח אָפּצוהילכן מיט אַ ברויזנדיקן „נעשה ונשמע״ (מיר וועלן פאָלגן און מיר וועלן זיך צוהערן) אין די הערצער פון טויזנטער, און צו פאַרשטאַרקן דעם אָפּהילך פון איין דור צום צווייטן אין הערצער פון מיליאָנען.

וויפיל געניאַלע תמימות, טראַכט איך, איז געווען אין הערצלס ווענדונג צו זשיטלאָווסקין, אַז יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט כדי די צאַרישע רעגירונג זאָל קאָנען צו הילף קומען דער אידעע פון „יודענשטאַט"?! אַמאָל, אין 1903, האָט זיך דאָס אויסגעוויזן פאַנטאַסטיש־תמימותדיק, אָבער היינט, ווען עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך זיך אָפּצוזאָגן פון רעוואָלוציע צוליב דעמאָקראַטיע, פון דעמאָקראַטיע צוליב נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, קען מען ערשט זען, ווי ווייטזעעוודיק, קלאָר, קלוג און — פּראַקטיש עס איז געווען די הערצל־שע תמימות, און פּאַרוואָס דער קאָלעקטיוו, וואָס זעט מיט זיין בשותפותדיקן ריזן־אויג פון געמיט טיפער, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון הערצלס אומאָרי־גינעלקייטן און האָט אין זיי דערשפּירט דעם אָטעם פון בראשית.

און אויף דער ליניע פון הערצלשער תמימות ליגט אויך, ווי מיר דאַכט, דער חלוצישער פּראָסטער און פּשוטער געדאַנק, אַז דער בעסטער יונגער ענטפער אויף דעם אַלטן פּילפּול, ווי אַזוי עקאָנאָמיש און גייסטיק איבערצושיכטן דאָס יידישע פאָלק איז „עלה וכבוש" (גיי אויף און באַ־צווינג) דאָס הייסט — ווער אַ חלוץ און בוי זיך אַליין איבער.

הערצל איז אָבער נישט נאָר דער טאַטע פון אַ נייער תמימות אין אונדזערע טראַכטענישן וועגן נאַציאָנאַלן אויפלעב, נאָר אויך דער אָנהייבער פון אַ נייער זעלישער האַלטונג. עס איז אין זיינע אַרויסטריטן געווען, אָדער מיר האָבן בלויז געשפּירט אַז עס איז געווען, עפּעס נייס, וואָס שייך דער מענטשלעכער ווערדע וואָס הערצל האָט געבראַכט צו זיין פאָלק.

ער האָט גערעדט מיט די „מעכטיקע פון דער וועלט" אַזוי אויסגעע־גלייכט און באַלאַנסירט, גלייך הינטער אים זאָל נישט געווען שטיין די יידישע געשיכטע מיט אירע גבורות, מיט אירע הכנעות און מיט איר מאַרטיראָלאָגיע. עס איז אין הערצלס ווערדע געווען אַ געניאַלע אומוויסנ־קייט פון אַלטע העלדישקייטן און צעבראָכנקייטן. פון אים האָט זיך אָנגעע־הויבן אַ יידיש־מענטשלעכע האַלטונג, וועלכע האָט זיך נאָך הונדערטער יאָרן נישט געגייטיקט אין גבורה, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין שוואַכ־קייט, און וועלכע האָט זיך נישט געוואָלט מיט געוואַלט אויסגלייכן, ווייל זי איז פון לכתחילה נישט געווען קרום. הערצלס יידישע ווערדע איז געווען נאָרמאַל און דערפאַר ניי.

לייבוש לעהרער

די עסיי „רוזוועלט־טרויער" איז גענומען פון אַן אַרטיקל אין דער וואָכנשריפט „דער יידישער קעמפער" (מאַי 1945)

רוזוועלט־טרויער

ווען ס'איז עמיץ אָנגעקומען און אַרויסגעפּלאַצט די בשורה פון רוזוועלטס טויט זיינען מיר געבליבן מיט אָפענע מיילער, געגאַפט איינער אויפן צווייטן, און געטאַפּט מיט די אויגן אין עפּעס אַ פרעמדער טונקל־קייט, אַזוי ווי מיר וואָלטן פלוצלונג אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער וועלט, פון דער איינציקער וועלט וואָס איז אונדז באַקאַנט. איינער צווישן אונדז, וואָס איז דער ערשטער געקומען צו זיך, האָט זיך באַמיט אונדז אַרויסצו־ראַטעווען פון דער שווערער פאַרשטיינערטקייט מיט קילע רעזאָנירנדיקע געדאַנקען.

דאָס איז אַ רירנדיקע טראַגעדיע, האָט ער געטענהט, אויף וויפיל מיר האָבן אין זינען דאָס לעבן פון איין איינציקן מענטשן. אָבער פון שטאַנד־פונקט פון דער וועלט־לאַגע איז פאַראַן געגוג מיט וואָס זיך צו טרייסטן און אפילו זיך צו באַרויקן. ווארים דאָס גרעסטע און וויכטיקסטע וואָס רוזוועלט האָט געקענט טאָן האָט ער שוין באַוויזן ביז אַ וויטער מדרגה אָפּצוטאָן.

צומאָרגנס האָב איך ווידער באַגעגנט דעם בעל־טענה. ער איז געווען איבערגעביטן. ער האָט מיך אומעטיק באַגריסט מיט האַלב אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איך האָב גלייך באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער קאַלטער שכל האָט אפילו אים ניט געקאָנט ראַטעווען. ער האָט מודה געווען, אַז ער האָט גע־וויינט און דער עיקרשט, ווי ער האָט מיר דערקלערט, איז אים באַפאַלן אַ פּחד פונעם חלל וואָס ער האָט דערפילט אַרום זיך.

דאָס וואָרט „חלל" איז דער געוויינלעכער רעטאָרישער אויסדרוק אין מאָמענטן פון אַ שלעכטער בשורה, פון פאַרלאָרנקייט, פון פילן זיך אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען. איך ווייס ניט ווער עס איז געווען דער ערשטער דאָס דאָזיקע וואָרט צו באַנוצן אין אַזעלכע פאַלן. אָבער אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַרדינט ער סיי ווי. דאָס איז אַ קינסטלערישער אַריינבליק פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

אין ליידיקן רוים איז ניטאָ קיין וועג און קיין ריכטונג, קיין אָנהויב און קיין סוף, קיין עפּעס און קיין ערגעץ, קיין אינהאַלט און קיין פאָרם. ניטאָ אין דעם קיין זאַך וואָס זאָל ציען אָדער טרייבן. עס איז ניט שייך מען זאָל אין דעם זינקען אָדער דערהויבן ווערן. עס איז אַ מין בלינדע פאַר־אָנענקייט וואָס לאָזט זיך ניט כאַראַקטעריזירן ניט מיט קוואַליטעט, ניט מיט קוואַנטיטעט. עס איז ליידיקע פּוטסקייט אָנגעפילט מיט גאָרניט. אַ מענטש וואָס כאַראַקטעריזירט זיין גייסטיקן צושטאַנד מיט „חלל" דערציילט עפּעס זייער וויכטיקס ניט בלויז וועגן זיין פּערזענלעכן מאָמענטאַלן געפיל נאָר אויך וועגן די פונקציאָנעלע דרכים פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל.

אין די לעצטע טעג האָבן רעדנער און שרייבער אויסגערעכנט לאַנגע צעטלען פאַקטן פון דעם וואָס רוזוועלט האָט אויפגעטאָן. דאָס איז אייגנטלעך אַ מין „מאַטעריאַליסטישע" דעפיניציע פון דעם וואָס ער איז געווען. וואָרים וואָס באַשטימט דען אונדזער אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן? דאָס וואָס ער האָט פאַר אונדז געטאָן. היינט אויב איך רעכן אויס אַ גאַנצן צעטל פּרטים כראָנאָלאָגיש, און פיקטלעך נומערירט, האָב איך דאָך על פּי שכל אַלץ אויסגעשעפּט. אָבער אַ סך רעדנער און שרייבער וואָס האָבן אַזעלכע לאַנגע צעטלען אויסגעשטעלט האָבן ביים סוף דערפילט אַז זיי האָבן עפּעס פאַר־פעלט, כאָטש זיי קענען ניט גענוי זאָגן וואָס דאָס איז. וואָרים זיי האָבן צוגעגעבן: „רוזוועלט איז געווען פאַר אונדז דאָס אַלץ און נאָך עפּעס מער". קענטיק אַז ניט געקוקט אויף דער לענג פונעם צעטעל און דער צאָל פון די פּרטים בלייבט נאָך אַלץ עפּעס איבער וואָס איז פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, וואָס קען ניט אויסגעשטעלט ווערן ווי אַ פונקט צווישן אַנדערע פונקטן. עס איז עפּעס וואָס הענגט אַריבער, וואָס נעמט אַרום, עפּעס אויף וואָס אַלע פּרטים האַלטן זיך. עס איז „עפּעס מער".

סוף כל סוף זיינען מיר, מענטשן, די טראַגישסטע באַשעפענישן אין דער וועלט. מיר זיינען די איינציקע וואָס ווייסן אַז מיר האָבן זיך אַמאָל אָנגעהויבן און וועלן זיך אויך ענדיקן. וואָס עלטער מיר ווערן אַלץ מער טוליען מיר זיך צו די וואַרעמסטע טעג פון דער יוגנט, פון דער קינדהייט, פונעם וויגל. מיר רייסן זיך, מיר דערוווייטערן זיך סימבאָליש פונעם לעצטן טאָג וואָס זוכט מיט אונדז צו מאַכן דעם ענדגילטיקן סך־הכל.

מיר גייען אַרום מיט דער שטענדיקער זוכעניש צו באַפעסטיקן אָנ־

האַלט און אויפהאַלט אין דער וועלט. מיר אָרגאַניזירן אין זיך דאָס לעבן לויט אַ באַשטימטער טאָפּאָגראַפיע, אַרומגערינגלט מיט ממשותדיקע און סימבאָלישע מויערן, און שטעלן אַוועק אָנשפּאַר־סלופּעס אויף אַלע קריטישע פּונקטן וואו עס לויערן סכּנות. מיר שטעלן אַוועק מאַטעריעלע ווערטן, אידעען, פאַרשטעלונגען, מענטשן, וואָס ווייזן אַרויס כּוחות אונדז צו באַשיצן און באַהיטן. אָבער אַן אָנשפּאַר־קראַפט אין אונדזער לעבן ווערן זיי ערשט דעמאָלט ווען מיר וועבן זיי אַריין אין זיך ווי סימבאָלן פון אַן אַלגעמיינעם באַשיצנדיקן מעכאַניזם, ווי אַ נאַטירלעך געבאַרענער קוואַל, וואָס פליסט מיט „ענטפערס" אויף „פּראָבלעמען", פּראָבלעמען וואָס זיינען דאָ, וואָס וועלן זיין, וואָס קענען זיין.

רוזוועלט האָט פאַרמאָגט די פיינסטע אייגנשאַפטן זיך צו קענען פאַרוואַנדלען אין אַזאַ סימבאָל אין די הערצער פון מענטשן, און ער האָט געלעבט אין אַ צייט וואָס האָט געשטויסן זיינע אייגנשאַפטן זיך אַריינצורייסן אין די שאַרפסטע מענטשלעכע נויטן און אויף אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם. רוזוועלט אין דערווירקלעכקייט האָט ריזיק אויפגעהויבן איבער זיך אַ רוזוועלט אין דער מעגלעכקייט, אין דער מעגלעכקייט פון אָנקומענדיקע טעג. דאָס האָט אים פאַרפלאַנצט ווי אַ סימבאָל פון אַן אַלגעמיינעם כּוח אויף וועלכן די אָרגאַניזאַציע פון אייגענעם לעבן שפּאַרט זיך אָן, קען זיך תּמיד אָנשפּאַרן, אין מאָמענטן ווען עס איז אַזוי שווער צו געפינען אַן אויסוועג. אָט די סימבאָלישע קראַפט רוזוועלטס, וואָס יעדער אויפטו זיינער איז בלויז געוואָרן אירס אַ פאַראיינצלטע אויסשטראַלונג, אָט דאָס איז געווען דער „עפּעס מער" וואָס אַזוי פיל פון אונדז האָבן אין אים געפילט און געזען.

ווען אַזאַ אָנשפּאַר־כּוח פאַלט איז גאַנץ נאַטירלעך מען זאָל פאַרלירן דעם גלייכוואָג, מען הויבט זיך אָן וואַקלען. די גאַנצע צונויפגעשרויפטקייט פונעם אינערלעכן לעבן ווערט לויז; עס שפּרייט זיך אויס אַ חלל, אַ בלינדע פּוסטקייט, וואו אַלע סימנים פון וועג און ריכטונג — וואָס זיינען פריער געווען אַזוי קלאָר — ווערן אָפּגעמעקט. מען קען זיך פּרובירן טרייסטן מיטן לאָגישן געדאַנק, און די טרייסט מעג זיין געבויט אויף זייער רעאַלע, ממשות׳דיקע אָפּשאַצונגען, אָבער די אויפטרייסלונג שלאָגט אַזאַ טיפעניש וואוהין דער געדאַנק וועט דאַרפן לאַנג, לאַנג גראָבן ביז אַהין צו דערגרייכן.

אַזעלכע סימבאָליש־געוואָרענע אָנשפּאַר־כוחות קענען זיין, ווי געזאָגט, מאַטעריעלע ווערטן, אידעען, פאָרשטעלונגען, גלויבנס, מענטשן. אָבער די קראַפט פון אַ סימבאָל־געוואָרענעם לעבעדיקן מענטשן איז ממש ניט צו דערגרונטעווען. זיין קראַפט איז ניט אַזוי ווייט אין כמות, נאָר דער עיקר אין אַ באַשטימטער קוואַליטעט וואָס פאַרכישופט און באַצווינגט. אין אַ דעמאָקראַטיש לעבנסבילד איז אַזאַ מענטש־סימבאָל דער טרעפלעכסטער צוגאָב.

רוזוועלטס טויט האָט יידן באַזונדערס גערירט, ווי מענטשן, ווי אַמע־ריקאַנער, ווי יידן. עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך אָפּצוטיילן דאָס יידישע פונעם אַלגעמיינעם, דערצו נאָך אין אַזאַ צייט. דאָס וואָס ער האָט פאַראויסגעזען, פאַראויסגעזאָגט און פאַראויסגעקעמפט אין יאָרן, ווען אַ וועלט האָט זיך נאָך געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט דער נאַצישער חיה רעה, דאָס איז אויך גענוג אַז יידן, ווי יידן, זאָלן אים אויסבויען אַ מאָנו־מענט ביי זיך אין האַרצן. אָבער אויף וויפיל מיר האָבן אין זינען די ספּעציפישע יידישע טראַגעדיע, אויף אַזוי ווייט זיינען ניט געווען גענוג דירעקטע אָנרעגונגען, אַז מיר זאָלן אים אויפנעמען ווי אַ סימבאָל פון אַ באַשיצנדיקן כוח. ער האָט געקענט שפּילן אַן אומגעהויערע יידיש־היס־טאָרישע ראָלע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַרענע אין שייכות צום סטאַטוס פון ארץ־ישראל. ליידער האָט ער ניט דערלעבט דאָס צו באַווייזן מיט מעשים. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט, אַז ער זאָל אויך אינעם כלל ישראל זיך איינפלאַנצן מיטן פאַרנעם פון אַ סימבאָל.

דאָס שטאַמט מסתמא ניט בלויז פון זיינע פאַרדינסטן פאַר אונדז, נאָר אויך, אפשר דער עיקר, צוליב אונדזער מאָרימדיקער נויט אַזעלכן צו האָבן. קיין אייגענע פון דעם מין האָבן מיר שוין לאַנג, צו לאַנג ניט געהאַט. זינט הערצלען, דאַכט זיך מיר, האָבן מיר ניט געהאַט אַזאַ פירנדיקע פערזענלעכ־קייט, וואָס מען זאָל קענען זאָגן, אַז ער איז אַלץ וואָס ער איז און נאָך עפּעס מער. זינט הערצלען האָבן מיר ניט געהאַט אַזעלכן וואָס זיין אַוועקגיין זאָל אויף אונדז קאָנען אָנוואַרפן דאָס מיסטישע שרעק־געפיל פון אַ חלל. און גראָד איז דאָס געשען אין אַ צייט ווען יעדער טאָג איז פאַר אונדז געווען אַ קלאָג־ליד לדורות, אין אַ צייט ווען יעדעס פּיצל טרייסט, אפילו בלויז אַ סימבאָליש טרייסטנדיק געשטאַלט, וואָלט פאַר אונדז געווען אַ דערקוויקונג און אַ ברכה.

דוד איינהאָרן

דיכטער און עסייאיסט. געבאָרן אין 1886 אין שטעטל קאַרעליטשע, ווייסרוסלאַנד, געקומען קיין אַמעריקע אין 1940. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס”. די עסיי וועגן פּרצן איז געווען געדרוקט אין „צוקונפט” אַפּריל, 1945.

פּרץ — דער וועגווייזער

אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג, 1910, אין וואַרשע, בין איך געשטאַנען אויף אַ ראָג פון צוויי גאַסן ניט ווייט פון קראַשינסקיס גאָרטן.

פּלוצלונג האָב איך דערזען אַ ברייט געשטאַלט פון מיטעלן וואוקס, איינגעהילט אין אַ לייכטער פּאַלערינקע מיט אַ ווייכן פּליושענעם הוט אויפן קאָפּ.

פון אונטער די ברייטע ברעגן פון דעם הוט האָט אַרויסגעקוקט אַ קיילעכדיק פול פּנים, מיט אַ קלאָרן ברייטן שטערן. די אויגן גרויסע, שוואַרצע, אומרואיקע, פול מיט יוגנטלעכן פייער און באַצויגן מיט אַ פייכטן גלאַנץ פון יענעם ספּעציפישן טרויער, וואָס מ׳זעט אין אַלע יידישע אויגן. פון צווישן די דינע קנייטשעלעך ביי די ווינקלען פון די אויגן האָט געוואונקען אַ קאַפּריזנער שטיפערישער שמייכל און אונטער די געדיכטע האַלב־גרויע וואָנצעס, באַהאַלטן אין די ווינקלען פון מויל, האָט זיך גע־שלענגלט אַ לייכטער איראָנישער שמייכל.

עס איז געווען י. ל. פּרץ. איך האָב אים שוין ליב געהאַט, ווי קיינעם ניט פון די עלטערע גרויסע יידישע שרייבער, און פון מיין ווינקל האָב איך ניט אַראָפּגענומען פון אים מיינע פאַרליבטע אויגן.

פּרץ איז געגאַנגען שנעל מיט זיין אומרואיקן טראָט אין זיג־זאַגן, פּונקט ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט אין דער געדיכטער אומרואיקער מאַסע יידן, וועלכע האָבן זיך געטומלט אויפן טראָטואַר.

אָט זע איך, ווי זיין טראָט זוכט צו דערנענטערן זיך צו אַן אָרעמער יידענע מיט אַ קאָשיק פול מיט בייגל, וועלכע האָט זיך געשאָרט ביי די ווענט פון די הייזער.

דער שטיפערישער שמייכל פון די אויגן־ווינקלען איז פאַרשוואונדן

ביי אים. אַ טיפער טרויער האָט געגומען שטראַלן פון די פייכטע שוואַרצע אויגן זיינע.

אָט גייט אַ ייד, אַ משכיל, מיט אַ געהאַקטער קאַפּאָטע, ריין געפּוצטע שטיוועלעך, אַן אונטערגעשאָרן בערדל. פּרצעס בליק שטעלט זיך אָפּ אויף דעם יידן, אָבער שנעל ווענדט ער אים אָפּ און פון אונטער די געדיכטע גרוילעכע וואָנצעס שלענגלט זיך אַרויס אַן איראָנישער שמייכל.

אָט לויפט אַרויס פון אַ הויף אַ ייד, אַ חסיד, ער טראָגט אַ פּעקל ספרים אונטערן אָרעם; די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע זיינען צעשפּרייט, ווי צוויי פליגל; דאָס היטעלע פאַררוקט אַרויף. דער חסיד זעט קיינעם ניט, ער לויפט ערגעץ צו אַ וויזיאָנערישן ציל, וואָס נאָר ער אַליין זעט. פּרץ פאַרקירעוועט דעם טראָט, שניידט דורך דעם חסידס וועג, קוקט אים אַריין אין די אויגן, ווי ער וואָלט דערזען זיין וויזיע.

אָט גייט אַ נאַלעווקער סוחר. דער ייד איילט זיך. אויפן פּנים ליגט ביי אים אַ ביטול שמייכעלע, געמישט מיט חשד און די פינגער פון זיין האַנט באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן געחשבונט.

פּרצעס פּאָלערינע שוועבט אין ווינט. זיין ווייכער הוט פאַרשאַרט זיך אַ שטיקל אַרבעט, ביי אַ הויכן פּריץ מיט לאַנגע וואָנצעס און אַ יידישער נאָז, אַ פאַרבלאָנדזשעטער פּאָלאַק פון משהס גלויבן אין דעם יידישן ווירבל.

פּרצעס פּאָלערינע שוועבט אין ווינט. זיין ווייכע הוט פאַרשאַרט זיך אַביסל און אויף זיין קלאָרן שטערן גייט אומאויפהערלעך אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן געדאַנקען.

— וואָס זוכט ער דאָ אין דעם אומרואיקן המון? — איז מיר דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק דורכן קאָפּ.

וועמען האָט ער פאַרלאָרן?

וועמען וויל ער געפינען?

פאַרוואָס שוועבן אַזעלכע טונקעלע שאָטנס אויף זיין שטערן? פאַר־וואָס זיינען זיינע אויגן אַזוי טיף, טרויעריק? מיט וואָס שפּילט ער זיך אַזוי קאַפּריזנע אין די ווינקלען פון זיינע אויגן, און וועמען גילט זיין לייכטע איראָניע אונטער די געדיכטע ברעמען?

האָט ער די אשה מרת חנה דערזען דאָ? די געשטאַלטן פון זיינע רייזע

בילדער? אָדער דעם חסיד, וואָס רייסט אַראָפּ די יאַרמעלקע ביי זיין חבר, וואָס גלויבט ניט אין זיין רבין?

זוכט ער אַ סינטעז צווישן די צוויי בערג?

אָדער איראָניזירט ער צוזאַמען מיטן קירזשנער פון שטריימל?

האָט אים באַליידיקט און טרויעריק געמאַכט באַנציע שוויג, וואָס האָט דעם פּראָכט פון אַלע זיבן הימלען פאַרביטן אויף אַ בולקע מיט פּוטער?

צווייפלט ער אין כוח פון מאַשינען?

אָדער שפּילט זיך זיין קאַפּריזנע איראָניע מיט דעם מיסטישן ניגון, וואָס שטייגט ביי די מקובלים פון ליידיקן מאָגן?

זעט ער די בלינדע קינדער פון דעם דריטן דור פון דער גאָלדענער קייט?

אָדער וועט ער באַלד פאַרזינקען אין צווייפל צווישן די טויטן־טענץ פון ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק?

פּרץ האָט אויסגעגלייכט דעם ווייכן הוט אויף זיין קאָפּ, איינגעהילט זיך אין זיין פּאַלערינע און איז אַריין אין גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט זיינע פּאָלקסטמילעכע געשיכטן.

האָט ער, ענדלעך, געפונען — וואָס ער האָט אַזוי אָנגעשטרענגט געזוכט?

עס איז געווען דעמאָלט אויך מיין פּראָבלעם: האָט די נייע יידישע לי־טעראַטור אַן אידעע? איז זי אַ צווייג פון דעם בוים פון אונדזער וואונ־דערלעכער פיר טויזנט־יאָריקער געשיכטע?

אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביז פּרצן, איז געווען צופאַל. דאָס באַ־וואוסטזיין פון אַ ליטעראַטור איז דאָרט ניט געווען.

מענדעלע איז געווען אַ גאון אָן אַן אידעע פאַר זיך. ער איז געווען אַ ראַמער און האָט גרינטלעך אויסגעקערט דאָס יידישע הויז, אָבער אויס־געקערט פון דאָרט אויך איידלשטיינער און פּערלען.

שלום עליכם האָט די טייערע דימענטן און פּערל געפונען, אויסגע־קליבן און אַוועקגעטראָגן עס אויף אונדזער טאָג־טעגלעכן יריד.

ער האָט דערזען דעם מעקלער, וואָס דרייט מיט אויסגעטראָכטע מי־ליאָנען און בלייבט אַ קבצן.

ער האָט אָבער ניט געזען יענעם יידישן וועלט מנחם מענדל, וואָס איז כסדר די וועלט געגאַנגען אויסלייזן און אַליין געבליבן נישט אויסגעלייזט.

ניט מענדעלע, ניט שלום עליכם האָבן זיך געכאַפּט, אַז די ברי־ליאַנטן און פּערלען געהערן צו אַ וואונדערלעכער קרוין, וועלכע מען דאַרף געפינען, אַז מען דאַרף נאָכדעם אויסזוכן דעם פּרינץ, וואָס האָט זיין יחוס פאַרגעסן און אָנטאָן אים צוריק די קרוין אויפן קאָפּ.

און אָט דאָס האָט דערזען פּרץ.

ער האָט געזוכט די קרוין און דעם פּרינץ.

פּרץ האָט דערזען עפּעס גרויס, פאַרכאַפּנדיקס — די אידעע פון פאָלק, וועלכע זאָל פאַרקערפּערט ווערן אין אַ קינסטלעריש ווערק:

אויפזאַמלען אַלע פראַגמענטן פון אונדזער געשיכטע, פון אונדזערע גרויסע וועלט־געדאַנקען און שאַפן פון זיי איין גרויסע לייוונט.

פּרץ האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין עפּעס גרויס און ער האָט די אַמביציע געהאַט, אויב ניט אַלץ אַליין דאָס צו טאָן, איז כאָטש צו זיין דער פאָטער פון דעם זשעני, וואָס וועט דאָס פאַרווירקלעכן, און אויב ניט דער פאָטער, איז כאָטש אויסטרעטן דעם וועג פאַר אים, טאָן פאַר אים די שוואַרצע אַרבעט.

אָט פאַרוואָס פּרץ האָט אַזוי דערמוטיקט יונגע טאַלאַנטן, געזוכט זיי, אַרויסגערופן זיי — אַ זאַך וואָס קיין שום יידישער שרייבער ביז אים און נאָך אים האָט ניט געטאָן.

איך בין נאָך יענעם נאָכמיטאָג געווען ביי אים אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע. מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט הין און צוריק איבער דעם לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר פון דער געביידע. פּרץ האָט געהאַט אַ טבע פון צייט צו צייט אויסצורעדן זיין האַרץ פאַר אַ יונגן שרייבער. ער האָט מיר דאָן געשילדערט זיינע וואַנדערונגען דורך דער מאָדערנער יידישער אי־דעען־וועלט פון דער אַסימילאַציע ביז חיבת ציון, פון חיבת ציון ביזן בונד און...

פּרץ האָט געהאַט מזל. ער האָט בלויז דעם אָנפאַנג פון דעם גרויסן חורבן געזען. ער איז געשטאָרבן אין צייט.

אויב די ווערק פון מענדעלע און שלום עליכם זיינען געבליבן שטיין ווי ריזיקע האַלב־אויסגעהאַקטע ניט־פאַרענדיקטע מצבות, האָט דאָך פּרצעס פינגער געוויזן דעם וועג. מעגלעך, אַז עס וועט אויפשטיין אַ ניי יידנטום, מיט אַ נייער יוגנט, מיט נייע זוכער, וואָס וועלן גיין זוכן די וואונדערלעכע קרוין זי אָנצוטאָן דעם בן־מלך אויפן קאָפּ.

זיי וועלן געפינען ביי מענדעלען און שלום עליכמען און ביי אַנדערע יידישע שרייבער איינצלנע פּערלען און ברילִיאַנטן. פּרצעס ווערק אָבער וועלן שטיין אויף זייער וואַנדער־וועג, ווי וועגווייזער צו דער יידישער אידעע, צו יענער ריזיקער געשטאַלט, וואָס זיינע פיס שטייען פאַרזונקען אין זאַמדן אַרום די פּיראַמידן און זיין קאָפּ רוט אין דעם שטראַלן־גלאַנץ פון די טעג, וועלכע וועלן קומען.

ש. ניגער

די עסיי איז אַ טייל פון אַן אריינפיר צו „חיים נחמן ביאַליק, לידער און פּאָעמען, געשריבענע אין יידיש און איבערגעזעצטע פון העברעאיש דורך י. י. שוואַרץ", אַרויסגעגעבן פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק, 1935.

אַ מאַכט אין יידישן לעבן

(דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק)

ח. נ. ביאַליקס פּאָעזיע האָט, אין אירע העכערע מדרגות, אַן אוני־ווערסאַלן זין, — און דאָס האָט נישט פאַרמינערט, נאָר פאַרקערט, גרעסער געמאַכט זיין ווירקונג און זיין מאַכט אין דעם יידישן לעבן.

ער האָט געהאַט אַ ווירקונג און אַ מאַכט, ווי קיין אַנדערער יידישער דיכטער. פון וואַנען האָט זיך עס גענומען?

ביאַליק האָט אונדז געבראַכט די שליסלען צו פאַרבאָרגענע אוצרות. ער האָט זייערע „זיבן זונען" אויף אונדזערע הימלען אָנגעצונדען. אָבער נישט דערמיט אַליין האָט ער זוכה געווען צו האָבן אַזאַ נישט־געוויינטלעכע ווירקונג.

ער איז געווען די אָפענע וואונד פון אונדזער געוויסן. דורך זיין מויל האָבן מיר זיך אַליין געוואָרנט, געשטראָפט, געלויטערט. ער איז געווען אונדזער זעלבסט־באַוואוסטזיין, אונדזער ביטערקייט, אונדזער כעס אויף זיך אַליין. ער איז געווען אונדזער ווילן צו זיין גרעסער, שטאַרקער, שענער, ווי מיר זיינען. אַנדערש וואָלט מען ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן

יידן פאַרטראָגן זיין „בעיר ההרגה" (אין שחיטה־שטאָט), ווי אַזוי האָבן מיר געקענט אָננעמען פאַר ליב דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אונדז געשאָטן אויף די פרישע, נאָך בלוטנדיקע וואונדן. אַזאַ גרויס אומגליק איז געשען — דער קעשענעווער פאָגראָם — און אָנשטאָט אונדז צו טרייסטן, האָט דער דיכטער זיך „אויסגעשמידט אַ האַרץ פון שטאָל און אייזן" און פאַרמסרט אונדז פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס מיר זיינען „אַנטלאָפן ווי די מייז, באַ־האַלטן זיך ווי וואַנצן, און ווי די הינט געשטאָרבן . . . " מיר האָבן גע־וואַרט אימיצער זאָל קומען אונדז מנחם אבל זיין — איז ער געקומען מיט פאַרקריצטע ציין, מיט שטראָף און שפּאָט, מיט קללות און חרמות. — ווי האָט ער געוואָגט? און ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען אַז מיר זאָלן זיך ניט פילן באַליידיקט, פאַרשעמט, פאַרזינדיקט?

נאָר איין תירוץ איז דאָ: מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר אַליין האָבן זיך עס פון האַרצן אַראָפּגערעדט. מיר האָבן געהאַט דאָס גע־פיל, אַז דאָס האָט אונדזער שטאָלץ זיך אָנגעצונדען אין געשטאַלט פון אונדזער דיכטער, אַז דאָס האָט אונדזער פאַרבאַרגענער ווילן זיך אַנטפּלעקט אין אים — און אין דעם בילד פון אונדזער געפאַלנקייט האָבן מיר דער־פילט דעם כוח וואָס מיר טוען זיך אָן אויפצושטיין. אין דער אַנמעכטיקייט וועלכע ער האָט אַזוי ביטער אויסגעלאַכט, האָבן מיר דערשפּירט די נייע כוחות, וועלכע האָבן זיך אין אונדז אָנגעהויבן צו זאַמלען . . .

באַלד נאָך קעשענעוו — איז געקומען דער העראָאישער יידישער זעלבסטשוץ פון האָמעל, און פון אַנדערע יידישע שטעט. און פאַר דעם קעשענעווער פאָגראָם — האָבן מיר דען נישט געהאַט קיין העלידן, קיין שטאָלצע מענטשן? דערפאַר האָבן מיר זיך נישט דערשראָקן פאַרן פאָעטס קללות, פאַרקערט, מיר זיינען געשטאַרקט געוואָרן דערפון, וואָס מיר האָבן געהאַט גענוג מוט, גענוג מאָראַלישע קראַפט צו פייניקן, צו שטראָפן און צו באַטראָפן זיך אַליין, ווי נאָר עס האָט זיך אונדז געדוכט אַ רגע, אַז מיר זיינען אַ פאַלק, וואָס „אַש און רויך איז זיין נשמה, און אַ מדבר, אַ וויסטער מדבר, איז זיין האַרץ געוואָרן."

מיר האָבן דערפילט אונדזער מאָראַלישע „פויסט" אין ביאַליקס פראַגע: „אַ פויסט וואו איז?" — „אָט איז זי!" איז געווען דער אָפּ־קלאַנג פון דער פראַגע אין דער יידישער יוגנט.

ביאַליקס „צער און צאָרן" איז געווען אונדזער אייגענע העכערע מדרגה,

איז געװען אונדזער מאַכן זיך אַלײן פאַר טרעפּ צו טרעטן אויף איר און צו הױבן זיך העכער . . . אָט פאַרװאָס ער איז אונדז געװען אַזױ נאָענט, אָט פאַרװאָס ער האָט זוכה געװען צו זײַן דער פּאָעט פון זײַן דור, פון זײַן פאָלק — דער נאַציאָנאַלער פּאָעט.

אָבער ניט נאָר אַ דאַנק דעם אַלײן איז ער געװאָרן אַ מאַכט אין אונדזער לעבן, — אַ פּאָעט װאָס יעדער אַרויסטריט זײַנער איז געװען אַ געשעעניש, אַ מענטש, װאָס צו זײַן װאָרט האָבן זיך פײַנט און אומפּרײַנט צוגעהערט.

ער איז געקומען אין אַ צײַט װען נײַע, גאָלדענע בריקן האָבן זיך גע־בױט איבערן תהום, װאָס איז געלעגן צװישן אונדזער פאַרגאַנגענהײט און אונדזער צוקונפט. עס האָט געמוזט קומען אַ קראַפט װאָס זאָל זיך שטעלן אינמיטן, צװישן דער פאַרגאַנגענהײט און דער צוקונפט; אַ קראַפט װאָס זאָל זײ פאַרבינדן, זײ אויפלעבן אײנע פאַר דער אַנדערער. עס האָבן אין אונדזער קולטור־טראַדיציע געמוזט אויפגעזוכט װערן די צוקונפט־קערנדלעך, און פאַרקערט: אונדזער צוקונפט האָט זיך צוריק געמוזט אָנהױבן בױען אויף פונדאַמענטן פון נאַציאָנאַלער ירושה.

די דאָזיקע גרויסע אויפגאַבע האָט געגומען אויף זיך די העברעאיש־יידישע ליטעראַטור מיט דרײַסיק־פערציק יאָר צוריק: מענדעלע (אין זײַנע לעצטע װערק), פּרץ און שלום־עליכם (אין דעם שאַפן פון זײערע מיטעלע יאָרן), אחד־העם און אײניקע אַנדערע, האָבן געהאָלפן בױען די בריק צװישן אַמאָל און שפּעטער, צװישן טראַדיציע און אויפלעבונג. און צװישן אָט די גרויסע בױערס האָט זיך באַװיזן ביאַליק. און עס איז געװען אַ גליק װאָס ער האָט זיך באַװיזן. ער האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדער טאַלאַנט, אַ באַזונדער כוח, צו מאַכן די טראַדיציע צוקונפטס־פעאיק און אָנצופילן די אַרבעט פאַר דער צוקונפט מיט זאַפט פון ירושה.

שוין דער עצם אינסטרומענט פון זײַן שאַפן — זײַן העברעאיש, װי אויך זײַן יידיש — איז געװען, פון זײַן זײַט, פול מיט געבענטשטע עכאָס פון פריערדיקע דורות, און פון דער אַנדערער זײַט, — מיט פרישקײט און בױגעװדיקײט פון יוגנט.

אפילו מענדעלע און אחד־העם — די גרויסע מײַסטערס פון דער העברעאישער שפּראַך — האָבן נישט געקענט זיך פאַרגלײַכן מיט אים אין

דער מאַכט, וואָס ער האָט געהאַט איבער אירע פאַרבאָרגענע אוצרות, אין דעם כשוף מיט וועלכן ער האָט זיי אויפגעדעקט, אין דעם וואונדערלעכן כוח, מיט וועלכן ער האָט זיי אָפּגעפרישט. יעדע נייע מטבע וואָס ביאַליק האָט אויסגעגאָסן פון דעם העברעאישן אָדער יידישן שפּראַך־מעטאַל, האָט געהאַט אויף איין זייט די חשיבות און פילפאַכע דערפאַרנקייט פון עלטער, און אויף דער אַנדער זייט — די וואוקס־קראַפט פון אַ ניי־געבאָרן קינד.

ביאַליקס שפּראַכלעכע גאונות — די גאונות פון איינעם, וואָס איז צו גלייכער צייט אי דער אָפּהיטער, אי דער פאַרמערער פון ירושות — האָט אים שטאַרק געהאָלפן אויסצופירן זיין שליחות, די שליחות פון אַ שעפערישער פאַרמיטלונג צווישן אַלטע און נייע דורות. מער נאָך האָבן אים געהאָלפן דאָס אויסצופירן די טיפע וואָרצלען און די ברייטע צווייגן פון זיין קולטור־פאַרמעג. וואָרעם איבער קולטור איז וויסן וואָס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן, פאַראייניקט מיט וויסן וואָס צו טאָן איצט — איז שווער צו געפינען ביי אונדז נאָך איינעם, וואָס זאָל האָבן פאַרמאָגט אַזאַ טיף פאַרוואָרצלטע און ברייט־פאַרצווייגטע אַלט־יידישע קולטור.

איינציקע מענטשן, די יחידי סגולה, האָבן געשעצט און געליבט אויך דעם יחיד אין ביאַליקן. דעם יחיד, און דעם צער און די איינזאַמקייט פון יחיד. פאַר זיי איז אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג די שטילקייט, אין וועלכע אַזויפיל לידער ביאַליקס האָבן זיי אַריינגעכשופט, די שטילקייט פון „הברכה" (די סאַדזשעלקע), די שטומקייט פון „רזי לילה" (די געהיימנישן פון נאַכט), דאָס בלייבן אליין (לבדי), ווען אַלעמען האָט דער ווינט פאַרטראָגן, און דאָס ליכט פאַרפלייצט. איינציקע לייענער וועלן קיינמאָל נישט פאַר־געסן ביאַליקס ריין לירישע שאַפונגען, זיין וואונדערלעכע איך־פּאָעזיע. אָבער ניט זיי האָבן אים געגעבן דאָס אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען, און וואָס קיין אַנדערער קען נישט פאַרנעמען אין אונדזער ליטעראַטור, אין אונדזער גאַנצן גייסטיקן לעבן. דעם דאָזיקן אָרט האָט ער פאַרנומען דערמיט וואָס ער איז געווען דער העכערער אויסדרוק פון דעם פאָלקס איך; דערמיט וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך דעם פאָלקס וויסן, און פאַרקערפּערט מיט זיך זיין געוויסן; דערמיט, וואָס דעם פאָלקס וויסן און געוויסן האָבן זיך ביי אים צענויפגעגאָסן מיטן וויסן און געוויסן פון דער וועלט.

אליהו טשעריקאָווער

היסטאָריקער און פּובליציסט. געבאָרן דעם 31טן יולי, 1881, אין פּאָלטאַווע, אוקראַינע, געשטאָרבן דעם 28טן אויגוסט, 1943, אין ניו־יאָרק. געקומען קיין אַמעריקע אין 1940 פון פראַנקרייך. טשעריקאָווער איז געווען ביז צו זיין טויט דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער היסטאָרישער סעקציע ביים „ייווא״. דער אַרטיקל וועגן דובנאָוון איז אַרויסגענומען פון טשעריקאָווערס הקדמה צום צווייטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן״, אַרויסגעגעבן פון „ייווא״, ווילנע, 1937.

דער געשיכט־שרייבער פון אַ לעבעדיקער נאַציע

שמעון דובנאָוו איז צוגעטראָטן סוף די אַכציקער יאָרן, נאָך אַ יונגער מאַן, צו היסטאָרישער פאַרשאַרבעט, בעת די יידישע היסטאָריאָגראַפיע אין מערב־אייראָפּע האָט נאָך גרעצס גרויסן ווערק אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון ענגער ספּעציאַליזירונג. מיט גרויס פלייס און באַהאַווגטקייט האָבן די אידישע היסטאָריקער זיך פאַרטיפט אין דער תלמודיש־רבנישער געשיכטע, אין איינצלנע עפּיזאָדן און פּרטים פון אידישער מאַרטיראָלאָגיע, אין גע־מיינדע־מאָנאָגראַפיעס און פאַמיליע־פאָרשונגען, געזאַמלט און געפאַרשט היסטאָרישע אַקטן און אַרכיוו־דאָקומענטן — האָבן דערביי אויסגעמיטן צו שטעלן ברייטע היסטאָרישע פּראָבלעמען. די יידישע געשיכטע איז פאַר זיי נאָך אַלץ געווען בלויז אַ „גייסטעס־און ליידנס־געשיכטע״ און די יידן — אַ „רעליגיעזע געמיינשאַפט״, זעלטן אפילו אַ „פאָלקס־שטאַם״ ווי ביי גרעצן. די דאָזיקע פאַרשערס האָבן באַרייכערט די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט מיט אַ סך נייע ווערטפולע מאָנאָגראַפיעס, אָבער איר האָט גע־פעלט אַן אַלגעמיינער בויפּלאַן, אַ צענטראַלע אידעע און אַ לעבעדיקער גייסט.

אין מערב אייראָפּע איז די יידישע געשיכטע־שרייבונג געווען נאָך אַן אומבאַאַרבעט פעלד. אויף וויפיל זי האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָט זי איבערגענומען די צעבערעקלטע ספּעציאַליזאַציע, די אַפּאָלאָגעטישע טענדעצן און דעם מעסיק־קאָנסערוואַטיוון גייסט פון די דייטשע געלערנטע. ש. דובנאָוו איז שוין פון אָנהויב צוגעטראָטן צו אַ ברייטער טעמע פונעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן, צו דער חסידישער באַוועגונג און האָט דער ערשטער קאָנסטרואירט די געשיכטע פון חסידיזם. צו דער דאָזיקער טעמע, ווי בכלל צו יידישער געשיכטע, האָט אים געטריבן ניט אַזוי דער גלוסט פון אַ פאָרשער, ווי די ליידנשאַפטלעכע זוכעניש פון אַ נייער אידעאָלאָגיע,

וואס זאל פארבייטן דעם אלטן רעליגיעזן און פילאסאפישן דאגמאטיזם און אויפקלערן די מיסטיק פון דער יידישער טויזנטיאריקער לעבנספעאיקייט. דעם דאזיקן ענטפער האט ער געפונען אין היסטאריזם. „אונטער היסטאריזם — שרייבט ער מיט א סך יארן שפעטער אין זיינע מעמוארן — האב איך פארשטאנען ניט דעם פאטאס פון היסטאריאגראפיע, וואס האט זיך אין מיר פארשטארקט מיט דער אויסברייטונג פון מיינע ארבעטן, נאר א גאנצע וועלט־אנשויאונג.” ש. דובנאוו ווערט דער „מיסטיקער פון געשיכטע” צווישן דעם רוסישן יידנטום און טרוימט „ממשיך צו זיין דעם גרויסן אויפטו פון גרעצן אויפן געביט פון מזרח־יידישער געשיכטע.” צענדליקער יארן ארבעט ער פלייסיק אויף דעם געביט און זאמלט צוערשט דעם רוימאטעריאל, וואס האט נאך געפעלט. אויפן סמך פון געפונענע פנקסים און אלטע־יידישע דאקומענטן גיט ער א סעריע ארטיקלען וועגן דער מארטיראלאגיע פונעם פויליש־ליטווישן יידנטום און דער עיקר וועגן זיין אינעווייניקסטער געשיכטע — רעליגיעזע באוועגונגען און קאמפן, קהלה־לעבן און סאציאלער און גייסטיקער שטייגער — און רעסטאווירט די, כמעט פארגעסענע, תקופה פון די וועדים, די געשיכטע פון דער יידישער אויטאנאמיע אין פוילן און ליטע און פון אירע ארגאנען. אבער דער טעמפעראמענט פון א „מיסיאנער” טרייבט אים ווייטער — צו באקאנען דאס רוסישע יידנטום מיט דער יידישער געשיכטע בכלל. ער הויבט זיך אן צו פארטיפן אין די לאבירינטן פון דער „אלגעמיינער יידישער געשיכטע אין איר קאלאסאלן צייט־און וועלט־פארנעם. אזוי וואקסט אויס, נאך צענדליקער יארן פון שווערער מי און ארבעט זיין צען־בענדיק ווערק (1925־1924) וואס פארנעמט דעם פארדינטן ארט לעבן דעם פונדאמענטאלן ווערק פון גרעצן (1875־1853).

ש. דובנאווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק” איז ניט נאר ענציקלאפעדיש לויט איר פלאן און פארנעם, נאר אויך ניי אין גייסט, סיגנעז און מעטאד. זי ברעכט די טראדיציע, וואס האט זיך איינגעשטעלט אין מערב־אייראפעאישער יידישער געשיכט־שרייבונג. מיר זעען פאר זיך די געשיכטע פון א היסטארישע מומיע, איינגעבאלזאמירט פון דער טעאלאגישער סכאלאסטיק, ניט פון א רעליגיעזן פאלק־שטאנפונקט מיט א מעטאפיזישער מיסיע, נייערט די געשיכטע פון א לעבעדיקער נאציע, פון א וועלט־פאלק מיט אן אייגענער וועלט־געשיכטע, וואס האט עקשנותדיק געקעמפט פאר זיין קיום און אויפהאלט אין די שטורעמס פון אלע

צייטן און האָט זיך געשיצט אין גלות פון אונטערגאַנג דורך דער אייזערנער דיסציפּלין פון רעליגיע, דורך דעם קאָדעקס פון תלמוד און שולחן ערוך, דורך דער מיסטיק פון קבלה און חסידיזם און אין אונדזער צייט — דורך דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. ש. דובנאָוו סעקולאַריזירט פּאָלקאַם די יידישע געשיכטע. ער שטעלט זי אַוועק אויף אַ ביאָ־סאָציאָלאָגישן פונדאַמענט און באַווייזט די עוואָלוציע פון אַן אייגנאַרטיקן פענאָמען מיט אַ געוואַלדיקער היסטאָרישער לעבנס־קראַפט.

ש. דובנאָוו איז ניט דער געלערנטער, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין וויסנשאַפטלעכן וואַרשטאַט. ער איז אויך געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער יידישער היסטאָרישער וויסנשאַפט און איר געטרייער פּראָפּאַגאַנדיסט. ער האָט דער ערשטער אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט די זאַמלונג פון מאַטעריאַל. ער איז דער גרינדער פון דער פּעטערבורגער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, ער האָט געקנעלט געשיכטע מיט קינדער און דערוואַקסענע, געלייענט לעקציעס, און אויף זיינע לייענביכער, אַרטיקלען, ווערק און קורסן האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ דור. אָבער ש. דובנאָוו איז ניט פאַרבליבן איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון געשיכטע אליין. ער איז אויך דער טעאָרעטיקער פון אויטאָנאָמיזם און „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם” און דער שאַפער פון אַ יידיש־פּאָליטישער ריכטונג וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין דור; ער איז אויך ליטעראַטור־קריטיקער, פּובליציסט און כלל־טוער. אַ שטיק לעבן איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט דער צאַרישער צענזור, וואָס פלעגט אים שטיקן און ניט זעלטן קאָנפיסקירן זיינע שריפטן, און וואָס האָט נאָך ביים אָנהויב פון דובנאָווס וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פאַרברענט פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן פון גרעצעס ערשטן באַנד, איבערגעזעצט אויף רוסיש לויט זיין איניציאַטיוו (אין 1892).

מחמת דעם אַלעמען איז דובנאָווס היסטאָריזם, וואָס פאַרבינדט דעם עבר מיט די זאָרגן פאַרן היינט, אַזוי נאָענט דעם יינגערן דור פאָרשער, וואָס פילט זיך ענג פאַרבונדן מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פונעם מאָדערנעם יידישן לעבן. אַלע האָבן יראת הכבוד פאַר זיין געוואַלדיקער אַרבעט און שטייען אונטער דער השפעה פון זיין וויסנשאַפטלעכער פּערזענלעכקייט.

שלמה גראַדזענסקי

עסייאיסט. געבאָרן אין 1905, אין דער שטאָט גראָדנע, פּוילן. געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון עלף יאָר. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון דער וואָכנשריפט „דער יידישער קעמפער".

די עסיי וועגן ברענערן איז אַ פראַגמענט פון גראָדזענסקיס גרעסערער אַרבעט וואָס איז געדרוקט ווי אַ הקדמה צו דעם בוך „יוסף חיים ברענער, פון זיין לעבן און שאַפן", אַרויסגעגעבן פונעם ברענער־צווייג פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק, 1941.

י. ח. ברענער — דער שטראָפער און מאַרטירער

„אומעטום איז גלות — ניטאָ קיין חילוק."

אַזוי זאָגט די אַלטע היגדע אין ברענערס ראָמאַן „מכאן ומכאן". און דאָס איז אויך דאָס גרונט־געפיל וואָס האָט געעגבערט ברענערס האַרץ אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען און האָט זיך אַריינגעפלאָנטערט אין אַלע זיינע סך־הכלס — פערזענלעכע, נאַציאָנאַלע, „פילאָזאָפישע".

אויב ליטעראַטור איז, אָדער דאַרף זיין, אַ „קריטיק פון לעבן" איז ברענערס שאַפן איין לאַנגע קריטיק פון די אומנאָרמאַלקייטן, פון דער שפלות און פון דער שאַנד פון אונדזער גלות־לעבן. ברענער, דער קריטיקער פון גלות־לעבן, איז געקומען צום אויסדרוק ניט נאָר אין זיין פובליציסטיק און ליטעראַטור־קריטיק, נאָר אויך אין זיין דיכטונג, אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען וואָס זיינען אַלע שפיגל־בילדער פון אַ וועלט אין די לעצטע סטאַדיעס פון אויפלייזונג און גסיסה.

זיינע העלדן אָדער „ניט־העלדן" ווי ער רופט זיי, טראָגן אויף זיך דאָס שטעמפל פון זייער סביבה. מעגן זיי רעדן הויכע ווערטער וועגן „רעוואָלוציע" און „באַפרייאונג", וועגן „קאַפּיטאַליזם" און „פּראָ־לעטאַריאַט", ברענער זעט אין זיי בלויז קינדער פון געטאָ. זיי זיינען אויסגעוואָרצלטע פון אַלטן, צעפאַלנדיקן לעבנסשטייגער, — אָבער קיין נייעם שטייגער האָבן זיי ניט געשאַפן, האָבן זיי ניט קיין כוח צו שאַפן. און ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? „כל זמן אונדזער אונטערשטער שטאָק איז צעפוילט, וועלן אונדז ניט העלפן אַלע אויבערשטאָקן."

און אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען האָט ברענער געזוכט נייע יידישע מענטשן, שווייגנדיקע, שטילע בויער. ער האָט געפונען פלינקע קעפּ, פראַזאַמען־מאַכער, וואָרט־אַקראָבאַטן.

דער יידישער „וועלט־פאַרבעסערער" האָט אַ שאַרפֿע צונג און אַ חריפֿותדיקן מוח, אָבער דעם עיקר ווייסט ער ניט: „לעבן מיינט ניט דווקא וואוינען אין ווילנע און סלאַוואָטע, זיך פֿאַרנעמען מיט דיסקוסיעס און פֿאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס; לעבן מיינט בלויז צו פֿאַרמינערן די ליידן, אויף וויפֿיל דאָס איז מעגלעך און איבערטראָגן דאָס וואָס מען מוז איבערטראָגן" . . . ווען אין זיי (די יידן) וואָלט געווען אַ ביסל פֿון דעם, וואָס ס'האָט געדאַרפֿט זיין אין די וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין גע־שטאַלט פֿון שמעון בן־גיורא און פֿון שמעון בר־כוכבא, וואָלט אונדזער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג געווען גאָר, גאָר אַן אַנדערע . . . די פֿאַרווירק־לעכונג פֿון ציוניזם איז אָפּהענגיק פֿון אַ תּנאַי: אויב צווישן אונדז וועלן זיך ניט געפֿינען קיין פּיאָנערן — זיינען מיר פֿאַרלאָרן" . . .

ער האָט אַרום זיך געזען קאָנגרעסן, אַ שפּיל מיט פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע, אומבאַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע גרויסהאַלטעריי — אָבער ווייניק סימנים פֿון דעם וואָס איז נויטיק. די ווייניקע אויסנאַמעס האָט ער איינ־געוויקלט אין דער צאַרטסטער פֿאָטערלעכער ליבע. „געבענטשט זאָל זיין די צעוויטיקטע, קראַנקע, פֿאַרדאַרבענע אומה, אויב אַזעלכע קינדער, כאָטש בלויז געציילטע, זיינען איר געבאָרן געוואָרן אויף דער עלטער. עס איז אַ גרויסער נס דערביי, און ווער ווייסט, צי אפֿשר איז טאַקע באמת „עוד לא אבדה" . . . זיינע ווערטער פֿון אָפּשייד פֿון די אַרבעטער און שומרים באַראַל און שמואלי, פֿון יוסף בוסעל, דעם בויער פֿון „דגניה" און פֿון יוסף טרומפּעלדאָר, דעם העלד פֿון „תּל חי" זיינען שטיקער רירנדיקע ליריק.

און ווען ברענער האָט דערפֿילט, אַז אין ארץ־ישׂראל הויבן זיך אָן צו קלויבן אַזעלכע איינצלנע יחידים, אַז עפּעס וועבט זיך דאָרטן אַ ניי לעבן און עס קומט אויף אַ פֿעסטערער, גלייכערער יידישער מענטש איז ער אַהין אַוועק אין די ערשטע יאָרן פֿון דער צווייטער עליה, און האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זיין שעפֿערישן לעבן.

ער האָט געוואוסט: ער געהערט דאָרטן. קיין אַנדער פּלאַץ איז ניטאָ. די פֿאַרצווייפֿלונג לאָזט אים ניט אָפּ; זי ווערט נאָך טיפֿער און פֿרעסנדיקער. אָבער „אין האַרצן איז געוואַקסן די הכנעה, די צוגע־בונדנקייט צו דעם דאָזיקן פּלאַץ . . . "

די „גרויסע צייט" פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אים ניט פאַרשיכורט. ער האָט מורא פאַר די „גרויסע פּלענער" הינטער וועלכע עס שטייט ניט קיין עכטער אויפבוי־ווילן. און אַז עס קומען די ביטערע טעג פון די ירושלימער אומרוען און עס אַנטפּלעקט זיך דער ליגן פון די „פאַרשפּרעכנס צום ביבל־פאָלק", שליידערט ער ביטערע אמתן, ניט צו די הערשער, וועלכע הערן אונדז ניט, נאָר צו די היימישע טרייסטער און אָפּטימיסטן. ער ווייסט, אַז אויב עס איז פאַראַנען אַ ישועה, געפינט זי זיך אינעווייניק: „ישוב־בויער, ערד־אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס וואָס באַנוגענען זיך מיט ווייניק, ניט קיין פּרעסערס און זויפערס, ניט קיין פּראַנטן און טומלער, נאָר צניעותדיקע און באַשיידענע, פרומע און אין זיך פאַרשלאָסענע, וואָס זיינען גרייט פאַר יעדער סיטואַציע און גרייט צו ליידן, זיי וועט ניט בייקומען קיין שום שונא, אַראַבער אָדער ניט־אַראַבער."

אין לאַנד קומען שיפן, וואָס ברענגען אַ נייע יוגנט, אַן עקשנותדיקע, אַ פאַרהאַרטעוועטע, אַ גרייטע אויף אַלע נסיונות. ברענער גייט אַוועק, אַלס לערער, אין דעם קיבוץ פון די שאָסיי־אַרבעטער. עס קומען די דער־הייבנדיקע טעג פון „תל־חי". ער איז ניט דער מענטש וואָס זאָל עפּעס באַגעגענען מיט פּאַטעטישע ווערטער, מיט הימנישע אויסגוסן, אָבער אָפטמאָל מורמלט ער די אומקלאָר באַדייטונגס־פולע ווערטער: ס'ווערט, ס'ווערט . . .

דעם ערשטן מאַי, 1921, איז ער געווען אין אַן איינזאַם הויז, אין אַן אַראַבישן קוואַרטאַל לעבן יפו. עס קומט אָן אַן אויטאָמאָביל אַרויס־צונעמען די איינוואוינער פון דעם הויז וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַראַבער. עס איז אָבער אין אויטאָמאָביל ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען. ברענער זאָגט זיך אָפּ צו פאָרן. צומאָרגנס געפינט מען ברענערן, צו־זאַמען מיט די אַנדערע פאַרבליבענע איינוואוינער, אויפן וועג וואָס פירט אַוועק פונעם הויז — דערמאָרדעטע.

⁂

די צוואַנציק יאָר וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט זיין טראַגישן טויט, האָבן אָפּגעלייקנט אַ סך פון זיינע שוואַרצע זעאונגען וועגן דער אינ־

ערלעכער ירידה פון יידישן פאָלק. עס איז געקומען אַ דור, וועגן וועלכן ער האָט אפילו נים געוואָגט צו חלומען. ער האָט ניט דערלעבט צו זען מעשים, וואָס וואָלטן אויפגעמונטערט זיין געפייניקט האַרץ. עס איז אים באַשערט געווען, אַז ערשט נאָך זיין טויט זאָל קומען דער דור מיט די „פון אַרבעט צעריסענע קליידער״. ער האָט בלויז געזען זיינע פיאָנערן, די איינזאַמע יחידים.

נ[חום] ב[רוך] מינקאָוו

דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער. געבאָרן אין 1893 אין וואַרשע. געקומען קיין אַמעריקע קנאַפּ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואוינט אין ניו־יאָרק. איז פּאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „צוקונפט״. די עסיי וועגן עדעלשטאַטן איז געווען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע״.

די לעגענדע דוד עדעלשטאַט

מיט איבער פופציק יאָר צוריק האָבן די יידישע זיך־פּראָלעטאַריזירנ־דיקע מאַסן אין אַמעריקע פלוצים דערהערט אַן איבעררעאַשנדיק־פּאַטעטישע שטים, פול מיט פאַרצווייפלונג, וועק־רוף און האָפענונג. די פיל־באַ־דייטנדיקע טענער האָבן זיך געהאַלטן אין שטאַרקן און שפּרייטן אין פאָלק ווי פייער איבער פלאַקס. דאָס פאָלק האָט אין דעם אויפריכטיקן, ברויזנ־דיקן קול דערקענט זיין אייגענע שטים. דערקענט, אָבער זיך אויך גע־וואונדערט. וואָרעם קיינמאָל פריער האָט דאָס פאָלק געהערט ניט פון זיך אליין אַזעלכע מאָטיוון. דאָס פאָלק האָט געבענקט נאָך זיי, געגאַרט זיי צו דערהערן, באַנעמען, באַזינגען און טרייסטן זיך מיט זיי. — איצט, אין סאַמע פרילינג פון פּראָלעטאַריזאַציע, ווען דער גורל פון שקלאַפעריי און פון פרייהייטס־קעמפער האָט געזוכט אַ שטאַרקערן, אַ ליידנשאַפט־לעכערן אויסדרוק ווי דאָס האָט זיי ביז איצט געגעבן דאָס פאָלקסליד און דאָס געזאַנג פון בדחנים און זינגער. אין דעם רעוואָלוציאָנערן דאָרשט נאָך קאַמף און באַפרייאונג האָבן יידישע אַרבעטער דערהערט אַ ניט־דאָאיקע שפּראַך, וואָס האָט געטראָגן אין זיך גרענעצלאָזע אויפריכטיקייט און שיינ־קייט פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ וועלט פון טרוים און האָפענונג — די שיינקייט פון אַ גערעכטער צוקונפט.

די געדאַנקען, די געפילן און די שטימונגען פון פאָלק האָבן געדעדט דורך דעם יונגן רוסישן אינטעליגענט, דוד עדעלשטאַט, וואָס זיין ווייט־קייט פון אידישע קוואַלן איז געווען פונקט אַזוי אומנאַטירלעך מערקווירדיק און אויסטערליש, ווי, שפּעטער, זיין איבערנעמען די יידישע דיקציע מיט גרויס מאַטעריאַליש און זיין ווערן דער גליענדיקער זינגער פון פאָלק. דוד עדעלשטאַט האָט פון דער יוגנט אָן געשריבן רוסישע לידער אין זיין מוטער־שפּראַך — רוסיש. אין קאַלוגע, אין צענטראַל־רוסלאַנד, וואו ער איז געבאָרן און דערצויגן געוואָרן, ביי שפּראַכלעך־אַסימילירטע עלטערן, האָט ער זיך ניט אָנגעשטויסן ניט אין די יידישע פּראָבלעמען און נויטן, און ניט אין דעם יידישן פאָלקלאָר. אַן אויסערגעוויינלעך ערנסטער, מיט אַ ריין געוויסן, מיט אַן אָפן האַרץ, האָט ער ניט געזוכט קיין שום אומ־וועגן צו אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט. דער יונגער רוסישער ליריקער קומט קיין אַמעריקע צו 16 יאָר — און ווערט אַ פּאַקטישער און אַ באַ־וואוסטזיניקער פּראָלעטאַריער.

און אָט דער דאָזיקער יונגערמאַן, וואָס האָט געלעבט מיטן אָטעם פון זיין רוסיש ליד און רוסישן טרוים, האָט אָפּגעוואָרפן זיין רוסישע „מוזע" און זיך געשטעלט אין די רייען פון דער יידישער זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקער מאַסע, ווי נאָר די אומ׳ברחמנותדיקע ווירקלעכקייט האָט עס געפאָדערט פון דעם דאָזיקן טרוימערישן ראָמאַנטיקער. ער האָט ניט געוואָרצלט און ניט געקענט זיך איינוואָרצלען אין יידישן פּאָעטישן אידיאָם. ניט ער האָט אים פון פריער אָנגעטראָפן אין די ראַדיקאַלע יידישע קרייזן פון אַמעריקע. דאָך איז ער, ניט ווינטשעווסקי און ניט ראָזענפעלד, עלטערע אַרבעטער־דיכטער פון אים, געוואָרן דאָס אויסגעציילטע האַרץ פון „שמאַכטנדיקן" פאָלק, וועמעס טסרויעס ער האָט אָנגערירט אין „הייליקער" אָפּפערווילקייט, אין איבער־אָנגעשטרענגטן געפיל, וואָס האָט געהערט צו אַן אומגליקלעכן יונגן, אויפקומענדיקן דור.

זיין ליד איז קיינמאָל נישט געוואָרן זעלבסט־באַהערשט און רייף. דער דיכטער, וואָס האָט פון אָנהייב כמעט קיין יידישן אלף־בית ניט געקענט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש אין די פאַבריקן און געשריבן אין גאַנצן פיר יאָר צייט יידישע לידער, איז גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן פון טויט צו זעקס־און־צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן. און די עקזאַלטירטע שטים פון דור האָט

זיך נאָך מער אויסגעפורעמט אין דער געשטאַלט פון דוד עדעלשטאַטן, וואָס האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעהייבן צו ווערן — לעגענדע.

עדעלשטאַט, ווי אַ לעגענדע, האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אַ דאַנק דריי סיבות. ראשית כל האָט אין דעם געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל דער צושטאַנד פון די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן אין זיין צייט; והשנית, עדעלשטאַטס פער־זענלעך לעבן, קראַנקהייט און פריצייטיקער טויט; און דריטנס, דער סענ־טימענטאַל־טראַגישער כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע.

„פאַרלירט ניט, ברידער, האָפענונג, מוט,
פון שלאַכטפעלד איז אַ שאַנד אַנטלויפן,
ווען אויך מיט לעצטע טראָפּנס בלוט
מוז מען דער מענטשהייט פרייהייט קויפן."

דאָס פאָלק האָט דערפילט אין די דאָזיקע ווערטער ניט בלויז פערזן, נאָר די אַבסאָלוטע, אַנצווייפלדיקע ווערטן הינטער די פערזן, און דאָס איז געווען דער אומבאַשטרייטבאַרער אמת פון אַן אַסקעטישער, אויפריכטיקער איבערגעבנקייט.

דאָס געפיל פון פּיעטעט צו עדלשטאַטן האָט זיך געשאַפן ניט נאָר אַ דאַנק דעם עלעקטרישן אויפציטער, וואָס זיינע לידער פלעגן איבערלאָזן אויף די מאַסן, נאָר אויך אַ דאַנק זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן.

עדעלשטאַט איז געווען, ניט געקוקט אויף זיין יונגקייט, אַן אומקאָמ־פּראָמיסלעכער אידעאַליסט און מאָראַלישער מענטש. ווער עס האָט נאָר גע־שריבן וועגן אים, שטרייכט אונטער, אַז וואָס נעענטער מען האָט געקענט דעם „צום טויט פאַרמשפּטן דיכטער", אַלץ מער פלעגט מען אים ליב קריגן, דערפילן אין זיך טיפן דרך ארץ און ערפורכט צו אים. עדעלשטאַט האָט „אומבאַוואוסט געווירקט" מיט „זיטלעכקייט מיט די גוטע מידות, מיט דעם מזג טוב, מיט יענע וואונדערלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע אַ מענטש קען זיך ניט דערווערבן סיידן דורך יסורים, וואָס לייטערן זיין נשמה, אָדער זיינען אייגעבאָרענע אייגנשאַפטן . . . " עדעלשטאַט איז געווען אין די אויגן פון זיינע נאָענטע און אין די מחשבות פון די ווייטע — אַ מענטש פון אַ העכערער מדרגה, אַ מין אסקעטן־נאַטור, די ריינקייט גופא און די גוטס־קייט גופא.

צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ פון יענער צייט, צווישן

די באַוואונדערער פון מסירת נפש, פון רומפולע קרבנות פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן, אין אַנגעזיכט פון צערונענע אידעאַלן און אין אומדערוואַרטעטע נויטן פון דער פרעמדער אימיגראַנטישער אַמעריקע, צוריק אויפגענומען דעם פאָדעם פון פערזענלעכער קאַריערע. אויך צווישן די קיעווער סטודענטן־גרופע, „עם־עולם“, וואָס האָט געטרוימט צו גרינדן אין דער פרייער אַמעריקע אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות — אויך צווישן זיי געפינען מיר גאַנץ פּראַקטישע מענטשן, צוקונפטיקע פּראָפעסיאָנאַלן און רייכע בירגער. איינער פון די אויסנאַמען און אפשר דער איינציקער אויסנאַם פון דער „עם־עולם“־גרופע איז געווען דוד עדעלשטאַט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע חברים האָט ער געהאַט די בעסטע באַדינגונגען צו שטודירן אַ דאַנק דער הילף פון זיין עלטערן ברודער, אָבער עדעלשטאַט האָט ניט געוואָלט לערנען צוליב אַ קאַריערע, און דערצו נאָך לעבן אויף עמיצנס חשבון. ער האָט געוואָלט לעבן אין הסכם מיט זיינע אידעאַלן: לעבן פון אייגענער האַרעוואַניע און זיין איינס מיט זיינע „ברידער פון שקלאַפעריי“.

עדעלשטאַטס פּאַטאָלע קראַנקייט — איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער דעמאָלט זיך פאַרשפרייטנדיקער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט, די „דער“ — און נאָך מער, דער פריצייטיקער טויט פונעם דאָן אַנערקענטן „בלאַסן טרוימער“, האָט אויפגעוועקט, באַשטראַלט זיינע פיל־באַדייטנדיקע שורות, וואָס האָבן איצט געקראָגן דעם אויסזען פון פאַרגעפילן, פאַרויסזאָגונגען.

„שווער ביי דער פרייהייט־פאַנע —
רויט פון מאַרטירער־בלוט, —
אַז קיין שטורעם, קיין ווינט, קיין פאַרצווייפלונג
וועט ניט צעברעכן דיין מוט.“

נאָך זיין טויט איז דער מאַרטירערישער „פרייהייטס־דיכטער“ געוואָרן דער אומזעבאַרער רופער, וועקער, טרייסטער און באַקלאַגער פון זיינע „ברידער און שוועסטער“. אין די „שוויץ־פאַבריקן“ — די שקלאַפן־עשאַפּאָטן פון דעלענסי און עלדרידזש סטריט, האָט זיך דער יידיש־אימיגראַנטישער קנעכט אידענטיפיצירט מיטן טראַגישן, דאָך האָפענונגפולן געזאַנג פון דיכטער.

וואָרעם האָט דען עדעלשטאַט ניט דורכגעליטן צוזאַמען מיט זיי, דעם זעלביקן מאַרטירער־וועג, וואָס דער נעכטיקער קליינהענדלער, קליין־פּראָ־דוצירער און אינטעליגענט האָבן דורכגעלעבט, ווען זיי זיינען געוואָרן פּראָ־לעטאַריער אין דער נייער מדינה?

פון די טיפענישן פון טויט־אַנגסטן, פון פאַרצווייפלונג ביז העלדישקייט, פלעגט זיך דערהערן עדעלשטאַטס רופן און דערשיטערנדיקע שבועות, טרויער און צאָרן. און דאָס האָט געהאָלפן פאַרוואַנדלען דעם „שקלאַפן־דיכ־טער" אין אַ רומפולער לעגענדע.

ד״ר א מוקדוני

די עסיי ווענגן זאַצן איז אַרויסגענומען פון זיין בוך „טעאַטער", ניו־יאָרק, 1927.

לודוויג זאַץ — דער מענטשלעכסטער קאָמיקער אין יידישן טעאַטער

אין לעבן אָן אַ מאַסקע און אָן דעם טעאַטער־קאָסטיום, האָט ער גע־האָט אַ קליין, צאַרט, מיידלש פּנים. אין לעבן האָט ער בכלל אויסגעזען ווי אַ יונג מיידל אין מאַנסבילישע קליידער.

אין לעבן איז ער עפּעס געווען אַ צאַצקעלע, גלאַט, ליאַלקעוואַטע. עס איז ניט געווען קיין שאַרפקייט ניט אין זיין באַוועגונג, ניט אין זיין אויסדרוק. פאַרקערט: בן־יחידישע ווייכקייט, האַלב־קינדישער עלעגאַנץ, צעפּיעסטשעטקייט, פאַרצערטלעכטקייט אין באַוועגונג און אין אויסדרוק.

איך האָב אים אַמאָל געזען אין דער ראָל פון אַ צדיק, אַ יונגינקער צדיקל איז ער געווען, אַ צדיקל מיט אַ זיידן בערדל און מיט זיידענע פּאהקעלעך, אַ צדיקל מיט מיידלשער סאַמעטענער באַוועגלעכקייט און מיט שפּילנדיקן קאַפּריז, אַ צדיקל, וואָס חנדלט זיך פאַרן רבונו של עולם און פאַר זיינע פאָלק־חסידים, אַ צדיקל אַ פּרינצל, דער זון פון אַ חסידישן מלכל.

האָב איך מיר געקלערט: דאָס וואָלט ער אפשר געווען אין לעבן, ווען ער וואָלט קיין אַקטיאָר נים געווען, ווען ער וואָלט אין גאַליציע געבליבן און ווען ער וואָלט אַ רבינס אַ זונדל געווען.

ער האָט געשפּילט אַ פאַלשן צדיקל און אין אים איז געווען אַזוי פיל אמת, אַזוי פיל אויפריכטיקייט און אַזוי פיל עכטע פייערדקע חסידות.

און דער וואונדערלעכער, ברויזנדיקער און שאַרפער קאָמיקער איז דאָ גאָרניט געווען קאָמיש.

לודוויג זאַץ איז אפשר געווען דער איינציקער קינסטלער ביי אונדז, וואָס האָט געלעבט אין פשוטן זינען פון וואָרט נאָר אויף דער סצענע. דאָס איז געווען זיין גרעסטע מעלה און דאָס איז צומאָל געווען זיין חסרון.

ער איז צומאָל געווען צו היימיש אויף דער סצענע. ער האָט דאָ געלעבט מיט אַלע זיינע חושים און ער האָט פאַרגעסן אַמאָל צו פאַרשלייערן קינסטלעריש, צו באַפאַרבן, צו באַפּוצן און צו פאַרשבתן די וואָכעדיקע גרימאַסן פון לעבן —

לודוויג זאַץ איז געווען אָפן אויף דער בינע, ער האָט גאָרניט געהאַט צו באַהאַלטן, ווייל דאָס איז געווען זיין גאַנץ לעבן —

ער איז געווען דער ערשטער קאָמיקער ביי יידן וואָס האָט ניט גע־חוזקט פון מענטשן, וואָס האָט ניט באַוואוסט גאָטס באַשעפענישן און ניט געשפּאָט איבער זיי.

זאַץ איז געווען דער גוטמוטיקסטער און מענטשלעכסטער קאָמיקער אויף אונדזער בינע.

אַלץ איז ביי אים באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ ליבן שמייכל, מיט אַ חנעוודיקער אומבאַהאָלפנקייט און מיט אַ האַרציקער קינדישער נאַאיוויטעט.

איך האָב ליב געהאַט זיינע קאָמישע מענטשעלעך; עפּעס קליינינקע און ליכטיקע זיינען זיי געווען, נעבעכדיקע און האַרציקע זיינען זיי געווען, תמעווואַטע און קלוגינקע זיינען זיי געווען.

לודוויג זאַץ איז געווען אַ געניאַלער קאַריקאַטוריסט: דעם קאָמישן שטריך, דאָס טשיקאַווע אין אַ מענטשן האָט ער בולט געמאַכט מיט פעטע און שאַרפע שטריכן. ער האָט עס באַלייגט אַזוי געדיכט מיט פאַרבן, אַז דאָס טשיקאַווע איז געוואָרן דער עיקר אין דעם מענטשן. דער מענטש איז געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס טשיקאַווע.

זאַצעס קאָמיזם, זאַצעס הומאָר איז געווען פּלאַסטיש. ער האָט אַרויסגעשטראַלט פון אַ גוף, ער האָט אַרויסגערעדט פון אַ קערפּער.

עס האָט זיך אין זײַנע בינע־געשטאַלטן קיינמאָל ניט געמערקט די מינדסטע סתירה, דער קלענסטער ווידערשפּרוך צווישן וואָרט און באַוועגונג, צווישן דאָס אויסערלעכע און דאָס אינערלעכע.

עס האָט אין זאַצעס געשטאַלטן געהערשט אַ כּסדר געבענטשטע האַרמאָניע, כּסדר אַ פולשטענדיקע גאַנצקייט און כּסדר שלום און ברידערלעכקייט צווישן גייסט און מאַטעריע.

זאַק איז געווען דער סצעניששטער קאָמיקער; ביי אים איז די באַוועגונג געווען קאָמיש און דורך איר איז דאָס קאָמישע געוואָרן פלאַסטיש, ממשותדיק, מיט איר האָט ער געגעבן די פעטע גרונטשטריכן פון דעם כאַראַקטער.

און דאָס איז געווען דאָס נײַע אין לודוויג זאַק!

אונדזער יידישער קאָמיזם איז געווען אַ ווערטער־קאָמיזם, דער וויץ, דער איינפאַל איז געווען דער עיקר, דער וואָרט־שפּיל איז געווען די הויפּט־זאַך. אונדזער הומאָר איז אַ פּילפּולדיקער, אַ פּשטלדיקער, הומאָר אָן גוף, אָן קערפּערלעכן שפּיל און אָן פלאַסטיק.

דער וויץ, זײַן שאַרפקייט און זײַן בליצנדיקייט איז געווען דער עיקר.

דאָס איז געווען גייסטיקע אַקראָבאַטיק, קאָפּ־קונסטשטיק, מוחשע שטיפעריי.

איז געקומען זאַק און האָט דעם יידישן הומאָר געגעבן אַ בויגיקן, אָן עלאַסטישן און אַ וואונדערלעך רירעוודיקן קערפּער.

זאַק איז נאָר אַרויף אויף דער סצענע און ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסצורעדן קיין וואָרט און דער עולם האָט שוין האַרציק און מונטער געלאַכט, ווייל אָן ווערטער איז שוין דאָס קאָמישע געווען, דער עיקר, דער תּוך איז שוין געווען, עס איז שוין געווען די שניידיקע, די שאַרפע קאַריקאַטור און מען האָט זיך ניט גענייטיקט אין דער אונטערשריפט.

זאַק איז געווען דער מייסטער פון דער מאַסקע. הונדערטער מאַסקעס האָט ער געהאַט און איינע איז ניט געווען ענלעך צו דער אַנדערער. זאַק איז געווען דער מייסטער פון קאָסטיום. עפּעס האָט ער געוואוסט ווי אַזוי צו באַקליידן, צו באַשוכן און צו באַהיטלען אַ מענטשן אַזוי ווי די גוטע, קלוגע מאַמע־נאַטור וואָלט אים באַקליידט.

און זיין קאָסטיום איז געווען ווי די הויט אויפן לייב. ער האָט געשפּילט מיטן קערפּער, ער האָט אויפגעכאַפּט זיינע באַוועגונגען, געשטיפט און געשפּילט מיט אים.

אין דעם פּרט איז ער געווען דער מאָדערנסטער אַקטיאָר —
ער האָט געוואוסט דעם גרויסן באַטייט פון דעם קאָסטיום אויף דער סצענע.

און ווייל ער האָט עס געוואוסט און ווייל ער האָט עס געפּילט, האָט ער ניט געהאַט די רעאַליסטישע שרעק פאַר איבערטרייבונג און פאַר שאַרזש אין דעם קאָסטיום. און ווייל ער האָט ניט געהאַט דעם רעאַליסטישן פּחד פאַרן טעאַטראַלן קאָסטיום, האָט ער אויך קיין מורא ניט געהאַט פאַר אַ שניידנדיקער באַוועגונג און פאַר אַ שפּיציקן זשעסט.

***

לודוויג זאַצעס מענטשעלעך שטייען שטענדיק פאַר מיינע אויגן, עפּעס נאָענטע, אייגענע זיינען זיי מיר געוואָרן —

אַלע זיינע קליינע מענטשעלעך האָבן אין זיך געהאַט באַהאַלטענע גרויסקייט, אַלע זיינע קליינע מענטשעלך זיינען געווען שטיקלעך למד־וואוווניקעס, עפּעס האָט זיי ניט געאַרט, וואָס מען לאַכט פון זיי. לאַכט אויב איר האָט פאַרגעניגן דערפון, מענטשן האָבן דאָך אַזוי ווייניק פרייד, לאַכט...

דאָס איז דער מענטשלעכסטער קאָמיזם און זאַץ איז געווען דער מענטשלעכסטער קאָמיקער.